STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04470

DI VILDBLIENDIKE YUGNT

Robert S. Karr

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָבערט ס. קאַר

די
ווילדבליענדיקע
יוגנט

ייִדיש: פּועה ראַקאָווסקי

פאַרלאַג י. א. צוקער
ווארשע 1930

אַרײַנפיר

פון װ. צ. זיסקינד

ראָבערט ס. קארר איז אַ יונגער אַמעריקאַנער, געבוירן אין פרילינג 1909. בעת ער האָט געשריבן דאָסדאָזיקע בוך „The Rampant Age“ איז ער אַלט געװען אַכצן יאָר, נאָך אַ תּלמיד אין דער מיטלשולע, װעלכע ער שילדערט מיט אַזעלכע געניטע שטריכן. די װעלט װייס נישט פון אים. די אַמעריקאַנישע אָריגינאַל-אויסגאַבע װייס פון אים צו דערציילן, אַז לויט זיין אָפּשטאַמונג און זיין סביבה, האָט ער דורכגעמאַכט פונקט אַזאַ יוגנט װי דער העלד פון זיין ראָמאַן פּויל בענטאָן, אַז ער האָט פרי אָנגעהויבן שרייבן — נאָװעלן, לייכטע זאַכן פאַר זשורנאַלן — און איז אַלס װערקסטודענט *) אָנגעקומען אין אוני־װערסיטעט. אויסגעהאַלטן האָט ער זיך דורך זיין אַרבעט אַלס טאַקסי-שאָפער אָדער אויף אַן ענלעכן אופן; ס'איז זייער מעג־לעך, אַז אויך דעמדאָזיקן ראָמאַן האָט ער אָנגעהויבן, כדי צו פאַרדינען אַ ביסל געלט. דאָס באַװייזן געװיסע שטריכן װי, למשל, אַ מין טענדענציעזע, שיר נישט סקאַנדאַלן-זוכנדיקע פּלאַ־קאַטמעסיקייט פון די האַנדלונגען און אַפילו דער גליקלעכער סוף. װער ס'װיל אָנשרייבן אַ גאַנגבאַרן ראָמאַן, דער איז נוטה צום סטיליזירן, װייס װאָס ס'טראָגט זיך אין דער לופט און קאָן אַרויסרופן אַ טומל, דער גיט (איך באַטאָן עס: לגמרי אומשול־דיק!) לכתחילה זיינע איינפאַלן אַ געװיסע אַקטועלע באַאַרבעטונג.

---

*) װערקסטודענט — אַ סטודענט, װאָס איז גלייכצייטיק אויך אַן אַרבעטער אָדער אַן אָנגעשטעלטער.

און דערצו דאַרף ער גאָרנישט זיין קיין לאַידאַק. און דאָס, וואָס ער שרייבט, פאַרלירט נישט צוליב דעם דאָס רעכט אויף אונזער אויפמערקזאַמקייט, כּל זמן דער מחבר איז, נעמלעך, אפשר אַליין נישט ווייסנדיק, אַן ערלעכער אינהאַבער פון זיין שטאָף. אַן ערלעכער באַזיצער איז אין דער הינזיכט תּמיד אויך אַן ערלעכער באַזעסענער: זיין מאַטעריאַל וועט זיין גענוג לעבעדיק און וועט אים אַריינדרינגען אין זיין ראָמאַן דורך הונדערט שפּאַרעס, אַזוי אַז סוף-כּל-סוף וועט ער האָבן אָנגעשריבן אַ סך מער, ווי ער האָט לכתּחילה בדעה געהאַט צו שרייבן.

דאָס, זעט אויס, איז געווען דער פאַל מיט ראָבערט ס. קאַררס ראָמאַן, און מיר זענען זיכער, אַז מיר וועלן מיט אים געבן דעם דייטשן פּובליקום אַ סך מער ווי אַ בוך פון אַקטועלער אונטערהאַלטונג, גלייכצייטיק זענען מיר אָבער אויך זיכער אין דייטשן לייענער, אַז ער פאַרשטייט אַריינצודרינגען אין ריין מאַטעריעלן און עס אומצוואַנדלען אין גייסטיקן נאָכדענקען. ער וועט געפינען דערין גענוג אויסגאַנגס-פּונקטן, ווייל אַ בוך, וואָס רעדט וועגן יונגע מענטשן אין אַמעריקע, אַנטהאַלט אַ מאַסע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַלס דיסקוסיע-רייפע פּראָבלעמען נישט בלויז פאַר דעם יונגן מענטשן, נאָר פאַר זיין צייט-חבר אין אייראָפּע. מכּוח דעם וועלן מיר נאָך רעדן.

קאַררס ראָמאַן שפּילט זיך אָפּ צווישן שילער פון דער הויכשול „High-School" צווישן זעכצן- און נייצנייאָריקע און איז, הייסט עס, לויט זיין סביבה, געגליכן צו אַ דייטשן גימנאַזיסטן-ראָמאַן. אָבער דאָך סאַראַ אונטערשיד! אונזער מיטלשולע, ווען זי איז אַפילו אָפּטמאָל פאַרקריפּלט געוואָרן ביז צו אַ פאַרזעעניש, האָט זי דאָך פאַרמאָגט אַן אינערלעכע, נאַטירלעכע אויטאָריטעט. זי איז אמת געווען אַן אויסערלעכער פּאָסטן פון דער מלוכה, בפירוש: פון דער מלוכה מער ווי פון דער געזעלשאַפט. זי האָט פאַרקערפּערט מיט זיך אַ מאַכט, ווען אַפילו נישט אַזאַ וויכטיקע ווי יענע, וואָס האָט באַשטימט אונ-

זער קינדהייט אין קינדערשטוב און דורך דער מוסר-זאָגעריי פון אונזערע עלטערן. אינגערהיים האָט מען כסדר גערעדט וועגן געלט און הכנסות, אין שולע אָבער האָט געהערשט אַ באַגריף פון בריהשקייט, פון כלומרשטער העלדישקייט, וואָס האָט וווּנדערבאַר, קלאַסיש באַפליגלט, אָבער שטאַרק קאָרופּטירט. עס איז געווען זייער לייכט, כמעט אַ נאַטור-נויטווענדיקייט, צו שאַפן אַ פּראָגנט קעגן דעמדאָזיקן אַלטפרענקישן שול-גייסט, אַ „גייסט" אין רוחותדיקן זין פון וואָרט, און מ'האָט גאָרנישט גע-דאַרפט זיין קיין רעוואָלוציאָנער, מ'האָט בלויז געדאַרפט אַריינ-פירן אין מיטלשול דעם ווערטער- און באַגריפס-אוצר פון על-טערן-הויז און פון דער גרויסשטעטישער גאַס, כדי צו ווירקן אויסערגעוויינלעך פרייהייטלעך און אָריגינעל. מיר האָבן עס — איך רעד וועגן די יאָרן תיכף נאָכן קריג — זייער ענערגיש דורכגעפירט און שטאַרק דערמיט שטאָלצירט.

מיר זענען דעמאָלט, לגמרי אַליין נישט ווויסנדיק, אַריינ-געצויגן געוואָרן אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך עד-היום נישט געענדיקט, אין אַ פאַרוואַנדלונג פון דעם טיפּ פון אונזער מיטלשול. אַלס רעזולטאַט פון דאָזיקן פּראָצעס, און דעריבער האָט מען אַזוי אויספירלעך דערפון גערעדט, שאַפט זיך איצט אַזאַ שולע ווי ס'איז פאָרגעשטעלט אין קאַררס אַמעריקאַנישן ראָמאַן. ס'הייסט אַזאַ שולע, וווּ ס'הערשט נישט מער אַלס אידעאַל די משונהדיק אַבסטראַקטע, אַזוי צו זאָגן, מלוכהשע טוגנט (אויף לאַטיין: ווירטוס), נאָר אַן אַקטועלע, איבערפלעכלעכע, פלינקע בריהשקייט, וואָס אַנטשפּרעכט דער מאָסגעביקער מאַכט פון דער עפנטלעכקייט. מיט אַנדערע ווערטער: פון דער מלוכה-שולע וועט ווערן אַ שולע פון דער געזעלשאַפט, אַ שולע, וואָס וועט זיך אויסגעצייכנט צופּאַסן צו דער רייע פון די אַלע איבעריקע בירגערלעכע אינסטיטוציעס, אַ קויף-הויז פאַר אונטעריכט. שוין ביים היינטיקן טאָג, ווי איך ווייס פון זיכערע קוועלן, באַטראַכט דער דורכשניטס-שילער די מיטלשול אויסשליסלעך אַלס תכלית-געשעפט. ער וויל וואָס גיכער, ווי מעגלעך רויקער און אַמבעסטן קוואַליפיצירט דורכלויפן דידאָזיקע אַנשטאַלט און האָט נישט

בנוגע אים קיין שום היים-געפילן, מיט אַנדערע ווערטער: קיין שום אינטערעס צום מהות פון דער שולע, צום דערציִונגס-פּראָבלעם. מיט צען יאָר צוריק איז עס נאָך געווען לגמרי אַנדערש, און דידאָזיקע ווונדערבאַרע ענדערונג אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט געהערט צו די מערקווירדיקע געשעענישן פון די דייטשע נאָכקריגס-יאָרן.

אַזויפיל וועגן אונז. אין קאררס ראָמאַן פון אַ יינגל וואַרפן מיר אַ בליק אין אַ שולע, וואָס איז פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם ווערט-שטאַנדאַר פון דער געזעלשאַפט. דורכלייענענדיק אַ פּאָר צענדליק זייטן אין דאָזיקן בוך זעט מען, אַז די לייטונג גופא רעכנט זיך אין אַ געוויסער מאָס בעת איר אורטייל וועגן אַ שילער מיט דער הכנסה פון זיין פאָטער, מיטן גלאַנץ פון אויטאָ מיט דער עלעגאַנץ פון דער קליידונג, וואָס מיר וואָלטן, אין אונזערע שולצייטן, ממש געהאַלטן פאַר אַן אַבסורד. סטודענטן-קליידונג איז פאַר אונז געווען אַ מין אוניפאָרם, — דאָרט אָבער זענען „colegiate trousers“*) די הויזן, וואָס דער יונגער מענטש דאַרף טראָגן, ווייל דער „קאָלעדזש-באָי“ איזדערמיט גופא דער יונגער עלעגאַנט, דער מאָדישער עקספּאָנענט פון דער געזעלשאַפט.

פונקט אַזוי זענען די פריינטשאַפטן, וואָס דער יונגער פויל בענטאָן שליסט אין שולע, נישט קיין שולפריינטשאַפטן אין אייגנטלעכן זין. זיי באַקומען נישט זייער ברכה און זייער ווערט אין „קלאַס“, נאָר בעת אויסגעלאַסענע פאַרווייליונגען, ביי זויף- און קאָרטן-פאַרטיעס, קורץ גערעדט, ביים צייט-פאַרטרייב לויטן שטאַנד.

דאָס זענען נישט קיין פריינטשאַפטן, וואָס שטאַמען פון אַ געמיינזאַמען שטרעבן, נאָר פון אַ געמיינזאַמען עקשנות און קאָנען אַנטשטיין פונקט ווי פון דער שולצייט, אַזוי אויך פון יעדער געמיינזאַמער חברשאַפט.

דערמיט שאַץ איך נאָך אָבער נישט אָפּ דעם ווערט פון

---

*) קאָלעגיאַל-הויזן.

בוך. ס'איז בלויז אַ פּרוּוו אויפצוקלערן פאַרוואָס דערדאָזיקער
ראָמאַן פאַרכאַפּט אונז אַזוי שטאַרק: בשום אופן נישט דאָס אַמע-
ריקאַנישע אין אים, דערפאַר אונז לגמרי פרעמדער, ספּאָרטלעך-
קלובאַרטיקער מהות פון דערדאָזיקער הויכשול, נאָר דער טיף
פון דער שול און פון אירע שילער, ווייל מיר זעען דערין מיט
אַ געוויסער דייטלעכקייט אַזאַ טיף, וועלכן מיר וועלן אויך אין
קורצן מוזן אָנערקענען.

פּויל בעגטאָנען אין זיינע חברים פעלט לחלוטין דער רע-
וואָלוציאָנערער חוש. זיי דערבייזערן זייערע לערער און טרייבן
אַזעלכע וויציקע קונצשטיק, וועלכע ס'פּראַקטיצירן זיך אין שולן
משׁשת ימי בראשית. אַזוי ווי זיי געפינען זיך אָבער אין שולע
אין דערזעלבער היימישער סביבה און זיי קענען זייערע לערער
נישט אַלס פאָרשטייער פון אַ פרעמדער פעדאַגאָגישער מאַכט,
נאָר אַלס אָנגעשטעלטע פון זייער געזעלשאַפטס-קלאַס, פאַרמאָגט
נישט זייער צוזאַמענשטויס מיט דער שולע קיין שום רעוואָלו-
ציאָנערע קוואַליטעט, קיין שום אינדיווידואַליזירנדיקע ווירקונגס-
מעגלעכקייט. זיי בלייבן אומבאַרירט, בלייבן געזונט, ווייל אונ-
זער מיטלשולע פון אַלטן שניט האָט זיכער אויף איר געוויסן
גענוג פאַרקריפּלטע כאַראַקטערן און צעבראָכענע מענטשן-לעבנס.
זיי בלייבן אָבער געזונט, מוז מען צוגעבן, אויף אַ מין עמ-
פינדונגסלאָזן אופן, דידאָזיקע אַמעריקאַנער מיטלשילער: מ'קאָן
זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די שולצייט זאָל האָבן פאַר זיי יענעם
הויכן גלאַנץ, וואָס זי האָט מיט רעכט געלאָזן אין אונזער זכרון,
ווען קארר רופט אַפּילו אָן די עלטער פון זיין העלד „the
rampant age" („דער אויסגעלאַסענער עלטער"), בלויז אין ביאָ-
לאָגישער הינזיכט. די שולע, די חבריה אין קלאַס, פאַר אונזע-
רע צייטן אַזאַ מעכטיקער פערמענט פון „rampant age" פון
דער „ווילד-בליענדיקער" צייט, איז דאָ נאָך בלויז אין הינטער-
גרונט. ווער ווייס, אפשר שוין אויך ביי אונז?

די אַמעריקאַנישע קריטיק, ווי מ'זעט, האָט געהאַט פאַריבל,
אַלמאי ראָבערט ס. קארר, האָט אויסגעקליבן אַלס אָרענע פאַר
זיינע זיפּן-שילדערונגען אַזאַ יוגנטלעכע סביבה ווי די הויכשול.

בעת אַנדערע מחברים וואָלטן לפּחות נאָר דעם סטודענטן-עלטער נאָכגעזאָגט אַזעלכע שבחים פון אויסגעלאַסנקייט און געזעצלאָזיקייט. זיטן-שילדערונגען — מיטן דאָזיקן וואָרט האַלטן מיר ביים געפערלעכסטן פונקט פון קאררס ראָמאַן. יעדעס בוך, וואָס קאָן מיט אַ געוויסן רעכט באַצייכנט ווערן אַלס „זיטן-שילדערונג", איז אונטערגעוואָרפן דעם חסד, ס'הייסט דער פאַרשטענדעניש פון זיינע לעזער. אַלס ביישפּיל דערצו קאָנען אונז דינען די אויך ביי אונז באַרימט-געוואָרענע ביכער פון ריכטער לינדזעי. אויפגעפאַסט אַלס אָנרעגונג און אויסגאַנגספּלאַץ, האָבן זיי דעם גרעסטן ווערט, ריין שטאָפלעך אָבער גענומען, ווירקן זיי סקאַנדאַליזירנדיק אָדער פּעדאַנטיש און קאָנען נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן.

אַלס אילוסטראַציע צו לינדזעיס ביכער איז קאררס „ווילדבליענדע יוגנט" באַזונדערס ווערטפול. דאָס וואָס לינדזעי זאָגט וועגן די אַמעריקאַנער יוגנטלעכע אין אַ פאָרם פון קורצע אַנעקדאָטן און פּערזענלעכע דערינערונגען, אָדער גאָר אין קראַנקהייטס-באַריכטן, דאָס זעלבע שילדערט קארר ברייטער און דערציילערישער: כמעט ווי קעגן זייער ווילן יאָגן זיי זיך נאָכן אַלקאָהאָל און נאָך אַ מין געשטערטער דרייפּערטל-עראָטיק, ווי זיי זענען אונטערטעניק די פּרויען, ווי דער אויסערלעכער דערפאָלג און די פּיפּיקע האַלטונג איז פאַר זיי אַ סאַקראַמענט, אַ הייליקטום, און די ווילדע לעבנס-ענערגיע ברויזט אויפן חשבון פונם דענקען. אָבער פונקט ווי לינדזעיס ביכער ווערן נישט אויסגעשעפּט דערמיט, וואָס זיי גיבן אונז אַ סטאַטיסטיק וועגן דער זיטלעכקייט פון די יוגנטלעכע (כדי זיך, נאַטירלעך, דערמיט צו פאַרגלייכן און זיך פאַריזעיש האַלטן פאַר בעסער), אַזוי וועט אויך דער יונגער מענטש אין קאררס ראָמאַן נישט באַוואונדערט און פאַראורטיילט ווערן אַלס ווילדער, שוואַכזיניקער עקזעמפּלאַר, נאָר אַלס אַזעלכער, וואָס עקזיסטירט שוין אין אונז, אין אונזער נאַציע, אין אונזער דור און מיט וועמען מיר שטייען אין שלום אָדער מלחמה, יעדנפאַלס אין אַ געוויסער באַציִונג.

ווי מיר שיינט, איז מען ביי אונז נוטה צו אַנטוויקלען אַ

צו אינטענסיווע דיסקוסיע אַרום באַגריף וועגן דער נאָכמלחמהדיקער יוגנט און באַערן די געבוירענע נאָך 1900 מיטן נאָמען „נייע גענעראַציע”. אַלע מעגלעכע פראַגן ווערן אונטערגעוואָרפן דער אומפאַרייבאַרקייט פון דערדאָזיקער נייער מיט דער איר אַנטקעגנשטייענדיקער „עלטערער” גענעראַציע — לויט מיין מיינונג — בלויז אויף דער העלפט ריכטיק. ווייל באמת שפילט זיך אָפּ דידאָזיקע מערקווירדיקע פאָרשטעלונג נישט צווישן דיביידע, דורכן קריג צעריסענע גענעראַציעס, נאָר אין זייער רעכטן מיטן, ביי די עלטערע פונקט ווי ביי די יונגערע. איך מיין, אַז יעדער אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער שפירט גאַנץ דייטלעך, צי פריידיק, צי שמערצלעך, אַז ס'אַנטשטייט אַ נייער טיפּ מענטשן, אָדער, פאַרזיכטיקער געזאָגט, אַ נייער מין נשמה פון מאָדערנעם מענטשן. ער אַנטשטייט לאַנגזאַם אין אונז און אַרום אונז, ער ענדערט דעם טאָן פון אונזערע ליבשאַפטן, דערהרגעט אומברחמנותדיק די גלויבנס-כּללים, פון וועלכע מיר, יונגערע, האָבן נאָך געהאַלטן, און שאַפט נייע, נאָך לגמרי אומבאַקאַנטע אידעאַלן. דאָס אַלץ קומט פאָר אין דער רעכטער צייט, האַלט נאָך אָבער אין יערן און פאָדערט אונזער אויפריכטיקן אָנטייל, כּדי מיר זאָלן קאָנען וועגן דעם ענדגילטיק רעדן. ס'דאַרף אָבער גענוג זיין, אויב מיר פאַרזיכערן, אַז אויך מיר יונגערע שפירן אָפט אַ געפיל פון פאַרלאָזנקייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אומענדלעכן האָריזאָנט פון מאָדערנעם, און אָפטמאָל קומען מיר זיך פאָר ווי די לעצטע ראָמאַנטיקער, די לעצטע באַריקאַדן-באָהעמיער מיט פלאַטערדיקע קינסטלער-קראַוואַטן און מיטן לעכערלעכן פאָן פון אַ חרוב-געוואָרענער מלוכה.

באַריקאַדן-באָהעמיער — איך בלייב ביים דאָזיקן וואָרט, ווייל דעם אָנקומענדיקן, דעם מאָדערנעם יונגן מענטשן פעלט לגמרי יעדער אויסערלעכער רעוואָלוציע-זשעסט. דערמיט קומען מיר צוריק צו קאררס ראָמאַן. ווייל דווקא דער האַלב אונטערגעוואַקסענער אַמעריקאַנישער „היי-סקול-באָי” שיינט מיר גאַנץ גענוי פאָרצושטעלן מיט זיך, פאַר אונזערע פאַרהעלטענישן, דעם דורכשניטס-טיפּ פון דער קומענדיקער יוגנט. דעם טיפּ, אַזוי ווי

פֿליפּערט איט די פֿאַבריק און ווי ס׳באַצייכנט אים אויך ביי אונז דאָס שלאָגוואָרט „אַמעריקאַניזירט״. דאָסדאָזיקע שלאָגוואָרט פֿון דער „אַמעריקאַנישער צייט״ איז נישט אַזוי נאַריש, ווייל דאָס וואָרט „אַמעריקאַניש״ דריקט היינט אויס אַ גאַנץ אַלגעמיין פֿאַרשטענדלעכן נשמה-צושטאַנד, בעת מיט צוואַנציק יאָר פֿריער האָט עס זיך אויסשליסלעך באַצויגן אויף ספּעציעלע פֿראַגן. ווי למשל אויף דער אַנטוויקלונג פֿון די גרויסע שטעט אָדער אויף געוויסע צושטאַנדן פֿון דער ווירטשאַפֿטס־אָרדענונג. ווען אָבער דער מאָדערנער מענטש אויך ווערן „אַן אַמעריקאַנישער״ מענטש, קאָן עס לגמרי נישט שאַטן צו דערגיין פֿון דער ערשטער קוועלע, ווי דערדאָזיקער טיפּ זעט אויס ביי זיך אינדערהיים, אין אַנטוויקלונגס-סטאַדיום, אין דער פּשוטער פֿאָרשטעלונג, אָן שום פּרעטענזיעס.

אויפֿן ערשטן בליק וועלן מיר קנאַפּ־וואָס נתפּעל ווערן: דידאָזיקע צופֿרידנקייט מיט אַלץ, וואָס דו פֿאַרמאָגסט, די אומגעהייערע מעלאַנכאָליע אין טאַנץ, די ריטם-גליקזעליקייט, די געדאַנקענלאָזע זעלבסט-זיכערקייט האָט אין זיך פֿיל אָפּגעבלאַקירטס, ווייבערישס, אַפּיומאַרטיקס. ס׳איז אין געוויסער הינזיכט אַ מין סריסים־גענעראַציע, פֿון יונגווייז אויף אַן ערָאָטיזירטע געזעלשאַפֿט, וואָס פּראָפּיטירט קיין זאַך נישט פֿון אירע עראָטישע איבערלעבונגען. דאָך שפּירט מען, און אין דעמדאָזיקן, אויף קיין זאַך נישט פּרעטענדירנדיקן בוך, מיט אַ באַזונדערס שטאַרקער אוממיטלבאַרקייט, די אומגעהייערע ווערטן פֿון חכמה און לעבנס־ווילן ביי דערדאָזיקער יוגנט, אַפֿילו אין דעם מוראדיקן, אָבער געדאַנקענפֿולן אויסרוף פֿון יונגן מיידל, בעת זיי האָבן איבערגעפֿאָרן אַ פֿאַרבייגייער:

פֿאָר ווייטער — ער איז דאָך נישט געווען דיינער קיין פֿריינט!

ס׳איז דיזעלבע יוגנט, וועגן וועלכער ריכטער לינדזעיס בוכטיטל דערקלערט, אַז זיי זענען כּלומרשט טרעגער פֿון אַ עוואָלוציע. דאָס וואָרט איז פֿאַלש און דאָך טרעפֿלעך. ווייל אויב דידאָזיקע יוגנט דעראָבערט אַפֿילו אירע רעכט אויף אַ

העכסט פרידלעכן אופן. אָדער האָט זיי, בעסער געזאָגט, פשוט פעסטגעשטעלט, אַנטהאַלט זי דאָך אַ רעוואָלוציאָנערן עלעמענט, אַ רעוואָלוציע אויף אַ לאַנגן טערמין, אויב מ׳וויל עס פאַרשטיין. קאָנסטיטואירט האָט זי זיך, און אין די נאָענטסטע צענדליקער יאָרן וועט זי פאַרכאַפּן די נשמות פון אונז אַלע מערקווירדיקערווייז פון אויסנווייניק און אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ מאָדע. אָבער אויך זי וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון אַנטוויקלונגס-געזעץ, אויך זי וועט אין איין שיינעם טאָג מוזן איבערלעבן שווערע נסיונות און וועט פאַרוואַנדלען דעם ביזאַהעריקן זיטן-רעגולאַמין אין אַ מאָראַל-קאָדעקס און פּראָקלאַמירן איר גוטס און שלעכטס, וואָס שווימט נאָך לעת-עתה ביים האָריזאָנט פון איר גייסטיקן הימל. דאַן וועט זי אויך אָנהויבן קענען פאַרטייען, אַ פּראָגרעסיוון און אַ פאַרעקשנטן מאָדערנעס מענטשן, אַ רעוואָלוציאָנער און אַ קאָנסערוואַטאָר, און וועט האָבן אירע קאַמפן און אירע געזעצגעבונגען. און אויב זי הייסט איצט „אַמעריקאַניש" און האָט אפשר צוליב דעם עפּעס אַ ווייבעריש פּנים, (נישט חלילה קיין פאָרוואורף, בלויז אַ פעסטשטעלונג!) וועט זי דאָך סוף-כל-סוף דערגיין צו איר מענלעכן סטאַדיום. דערויף באַציט זיך אפשר אַ געוויסער טייל פון די נאָענסטטע גייסט-פּראָבלעמען: אויף דער פראַגע, צו איז דער מאָדערנער מענטש אַ ווייבלעכער אָדער מענלעכער טיפּ און צי דאַרף מען דעם מענלעכן צוהעלפן צום זיג — דאָס איז אפשר טאַקע די אויפגאַבע פון אייראָפּע אין דער צייט פון דער אַמעריקאַניזירונג.

דערויף בלייבט צו האָפן.

ערשטער קאַפּיטל

1

איבער וועסטפיעלד, אַ קליינע שטאָט אין דער אַמעריקאַנישער תּבואה-געגנט, האָט געררוט די מנוחה פון שבת-צונאַכטס. דער בין-השמשות, מיט זיין נעפּלדיקן, ציטערנדיקן שיין, האָט אָפּגעווישט די מיאוסע, שפּיציקע קאַנטורן פון די נידעריקע געשעפטס-הייזער. אויף דער הויפּט-גאַס, זענען לענגאויס געשטאַנען די מיט שמוץ-באַשפּריצטע פערד-וועגנס אין גלייכע רייען, מיט די קילערס אויסגעדרייט צום טראָטואַר. ביים אַריינגאַנג פון האָליווּד-קינאָ האָבן שוין שימערירט אין זייער גאַנצער פּראַכט די זעקס פליגנבאַשמוצטע בויגן-לאַמפּן.

דער בלאָק פון די געשעפטס-הייזער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן געוועלב פון די אייזן-סחורות. ווען פויל איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט אייגער פון עולם ליידיקגייער, וואָס זענען דאָרט געזעסן אויף אַ באַנק, אַ גרויהאָריקער פּאַרשוין, אַ פרעג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין:

— דאָס איז אַרנאָלד בענטאָנס יינגל?

— ס'זעט אַזוי אויס.

— ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל אויסגעצויגן, — האָט באַמערקט אַ צווייטער.

פויל האָט אַ ציטער געטאָן פון שמחה, באַלד האָט ער זיך אָבער ווי פאַרשעמט. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן, האָט אויסגעשטרעקט די ברוסט און גענומען מאַכן לענגערע טריט.

מ'דאַרף וויסן: פויל בענטאָן האָט זיך איצט דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אין לאַנגע הויזן.

די שמוציקע קליינע גאַסן־יינגלעך, וואָס שבת אין אָוונט וואַקסן זיי אויס מאַסנווייז ווי די זשאַבעס נאָכן פרילינגס־רעגן, זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן געמאַכט משונה־דיקע העוויות און אים נאָכגעשריגן אין כאָר: פויל בענטאָן האָט לאַנגע פלודערן! לאַנגע פלודערן!

פויל האָט זיך מיט אַלע כוחות געצווונגען איינצוהאַלטן אויף זיינע ליפן דעם זאָרגפעלטיק איינגעחזרטן שמייכל פון מענלעכער זיכערקייט. דער מענטש איז אָבער שוואַך: פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ צעשראָקענעם בליק נאָך אַראָפּצו, כדי צו זען די אומגעווינטע בלויע שטאָף־שטרייפן, וואָס האָבן אים איצט אָפּגעטיילט פון זיינע פיס. אַ קילער לופטשטראָם האָט זיך געטראָגן פון די הויזן־פיס אינדערהייך; לכתחילה איז עס געווען וווּנדערבאַר ניי, איצט אָבער איז עס פשוט געוואָרן אומהיימלעך, אַ פאַטאַלער לופטצוג.

פויל האָט אויסגעפרווט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט: אַראָפּגעלאָזן די אויגן קאָנוולסיוו צו דער ערד, באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן און געגלאָצט אויפן עולם מיט אַ הויכמוטיקן אויסדרוק איבער זייערע קעפּ.

ער האָט געפּרווט מאַכן גיכע טריט, דערנאָך זיך געשלעפּט ווי אַ זאָרגלאָזער ליידיקגייער און כסדר געפירט אַ קאַמף מיטן ווילדן דראַנג, וואָס האָט אים געהייסן זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפן אַהיים.

אָט איז ער שוין גאַנץ נאָענט פון שפּילזאַל, ווו עס שפּילן זיך פאַרן אַריינגאַנג בערך אַ טוץ יינגלעך. ער מאַכט קלענערע טריט; ער ציטערט אָבער, ער ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער פון שרעק און אומבאַקוועמלעכקייט. ער האָט נאָך אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצוכאַפּן אין גרעסערס בירשענק, זיך דאָרט באַהאַלטן ערגעץ־ווו אין אַ פינסטערן ווינקל הינטערן בופעט. פויל האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַ דריי געטאָן אָן אַ זייט און אַ ווײַלע זיך געוואַקלט. באַלד אָבער, די ליפן פאַרביסן ביז בלוט, איז ער געגאַנגען ווייטער און דירעקט צו דער גרופּע, וואָס האָט באַלאַגערט דעם שפּילזאַל.

דער עולם האָט אים מקבל פּנים געווען מיט אַ געקינצלטן הווייגן. ער נעמט אָן פרישן מוט, פרוווט זיך אַפילו ביי זיין התחדנותדיקן „סערוווס אייך!"*) אונטערצושמייכלען און וויל זיך צוקריגן צו דער טיר.

— וואַרט אַ ווײַלע, קליינער, דונערט אָבער לאַררי האַרט־מאַן מיט אַ טיפער שטים.

פויל איז שטיין געבליבן. מיטאַמאָל, ווי שאָסן פון הינטער אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע העצע.

— זענען נאָך דאָ אַ סך אַזעלכע פון אייער צירק?

— וואָס האָסטו דאָ אייגנטלעך פאַרלוירן?

— צי פאַסן זיי באמת, קליינער?

— גאָט איינציקער, ווי ער זעט אויס! ווי די קאַץ בעת האָט בויך־ווייטיק.

— לאָמיר אים גלייך דערטרינקען.

— האָב נאָר פאַר זיי קיין מורא נישט, סקיטער**).

דער, וואָס האָט גערעדט דער לעצטער, איז געווען בוק דאָנעלי, דער בעסטער טורנער אין וועסטפיעלדער גימנאַזיע. ער האָט חבריש אַ זעץ געטאָן פוילן מיט זיין ריזיקער האַנט אין פּלייצע, אַז דער יונג איז שיר נישט אומגעפאַלן.

לאַררי האַרטמאַן, וואָס אַ דאַנק זיינע אייגענע קרעפטן איז ער געוואָרן דער אָנפירער מיטן העכערן קלאַס, האָט זיך, פאַרקערט, שטאַרק צוגעכאַפּט צום דאָזיקן העצערישן חוזק.

— העריע, — האָט ער זיך געחכמעט מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג, — פון ווען אָן ביסטו עס — ווייטער אָבער איז עס נישט געקומען. אַ האַנט האָט אים אַ פאַר געטאָן איבערן מויל. בוק דאָנעלי האָט אים אַ נעם געטאָן מיטן גאַנצן כּוח, אַוועק־

*) סערוווס — דיין דינער, לאַטיין. אַן אַלגעמיין אָנגענומענע קאָלע־קלע באַגר סונג צווישן חברים.

**) סקיטער — אַ ייִנגער שנעק.

נעלייגט אויף דער ערד און ער האָט געצאַפּלט אונטער זיינע הענט.

— אָבער לאָזט אים שוין אָפּ, דעם יינגל, — האָט ער גוטמוטיק געוואָרנט, צענעמענדיק זיינע בערישע לאַפּעס.

מיט דערצערנטע, שוואַרצע אויגן האָט לאַררי צורעכט געמאַכט זיין קראַוואַט; אונטער בוקס רויִקן בליק איז ער אָבער באַלד געקומען צו זיך.

— לאָמיר אַריינגיין און שפּילן ביליאַרד! — האָט ער פּראָפּאָנירט. ס'האָט געקלונגען אַ ביסל צו ליבנסווירדיק.

גליקלעך מיטן דערלייכטערנדיקן געפיל, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן פייער-פּרוּוו, האָט זיך פּויל נאָכגעשלעפּט נאָך זיי אין שפּילזאַל אַריין.

2

פּאָפּ טורנער האָט צונויפגענומען די קוילן. די יינגלעך האָבן זיי געקייקלט איבערן פּאַרפלעקטן פילץ, און ער האָט זיי איינס נאָכן אַנדערן, אָנגעכאַפּט מיט זיינע מגושמדיקע, ניקאָטין-געלע פינגער. דערנאָך האָט ער זיי צונויפגעשטעלט, אַרומגעלייגט דעם ראַם, געלאָזן די קוילן, לגמרי אומבויטיק, אַ ביסל קלאַפּן אהין און צוריק און נאָכדעם זאָרגפעלטיק פונאַנדערגעשטעלט. באַלד האָט ער זיך עפּעס מיט אַ מין צאַרטער באַוועגונג אָפּגערוקט פון ראַם, קאָנטראָלירט מיט אַ צופרידענעם זייטיקן בליק און מיט אַ מילד לייכטנדיק בלוי אויג דעם גוט געלונגענעם דרייעק פון פאַרשידנפאַרביקע עלפנביין-קוילן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די דריי בחורים, וואָס האָבן ביני-לבינו אָנגעריבן מיט בלויען קרייד די שפּיצן פון זייערע ביליאַרד-שטעקנס. זיין אויסגעשטרעקטע האַנט האָט איינגעלאַדן צום שפּיל.

— אוי, דעם סקיטער האָבן זיי שוין ווידער באַגראָבן, —

האָט זיך חוצפּהדיק צעלאַכט סנאַג וואָרלע און דערלאַנגט פּויל אַ זעץ אין זייט.

סנאַג איז געווען אַ ברייטברוסטיקער, מאָגערער דאָרפּס־יונג, מיט אַ פּנים און הענט פון דער זון אויף די היילאַנקעס אַזוי פאַרשרפּעט, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי שמוציק־ברוינע לעדער.

פּויל האָט שווייגנדיק פאַרביסן די ליפּן, אַראָפּגעלאָזן די הענט אין די מוראדיקע טיפע, נייע הויזן־קעשענעס און אַרויס־געצויגן דריי ניקעלנע מטבעות; דערביי איז פאַר אים געווען שוידערהאַפט קלאָר, אַז דאָס זענען די איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט אויף גאָטס וועלט. פּאָפּ טורנער האָט זיי אַ נעם געטאָן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט און האָט זיך אָפּגעטראָגן.

סנאַג האָט נאָך חוצפּהדיק געהאַלטן אין איין וואָרטשען.

— ווער ס׳פאַרלירט, דער דאַרף אָנהויבן, — האָט ער זיך געכעסט און געוויזן אויפן ביליאַרד־שטעקן.

פּויל האָט זיך אָפּגערוקט פון טיש.

— היינט וועל איך בעסער דורכלאָזן, — האָט ער, זיך יענקענדיק, אַ זאָג געטאָן. — וואָס וועל איך דען היינט אין אָוונט אויסשפּילן — אַ טינופת.

דאָס „טינופת״ איז אַרויסגעקומען שוואַך און מיט אַ דייט־לעכער אָנשטרענגונג.

סנאַג האָט אַריבערגעוואונקען צו גוסן, וואָס איז פריער, בעת די דריי סטאַוקע־שפּילן, געווען דער דריטער מאַן.

— דו וועסט נאָך מיט דער צייט ווערן אַ ביליאַרד־קע־ניג, ווען דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער, — האָט ער סאַר־קאַסטיש באַמערקט, צוגרייטנדיק זאָרגפעלטיק זיינע קוילן.

דער אַנדערער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול ווי אַ פּוסטער טאָפּ. ער איז געווען אַ בחור אַ שלאַק, אַן אָפּגעלאָזענער, מיט פרישצעס אויפן פּנים, פלעגט כּסדר בעטלען פּאַפּיראָסן און דערציילן פּיקאַנטע מעשיות מיט אַ סך אומאָנשטענדיקע אויס־דרוקן.

— האַ־האַ, — האָט ער געמעקעט, — ווען דו וועסט

ערשט ווערן אַ גרויסער, סקיטער.

פויל האָט נישט_געענטפערט קיין וואָרט. ס'איז אים נישט איינגעפאַלן קיין פּאַסנדיקער ענטפער און בכלל האָט ער קיין האַרץ נישט געהאַט עפּעס צו זאָגן. פון סנאָגס אומבארחמנותדיקן חוזק און גוס, אומגעהייערער גראָבהויטיקייט איז אים געוואָרן ווינד און ווײ. מיט דידאָזיקע אַלע בחורים פלעגט ער זיך פריער צופעליק באַגעגענען אין שולע און אויפן גאַס, אָבער ערשט איצט אין דער אינטימער און פאַרבאָטענער אַטמאָספער פון שפּילזאַל האָט ער זיך אַרומגעזען, וויפיל ער האָט נאָך צו לערנען, ביז ער וועט ווערן אַ גאַנצער יאַט.

דאָס, פאַרשטייט זיך, וועט ער סנאָגן און גוסן נישט אויסזאָגן, אַז הייַנט אין אָוונט האָט ער צום ערשטן מאָל גענומען אין האַנט דעם ביליאַרד-שטעקן. ער האָט זיך געהאַלטן אומגעשיקט און שעמעוודיק, און זיי האָבן אים אויסגעלאַכט, נישט מיט קיין גוטמוטיקן שפּאַס, נאָר מיט אַ ווילדער אַכזריות, וואָס ער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין.

פויל האָט זיך איינגערעדט, אַז קוים וועט ער באַוויַיזן זיין גוטן ווילן און ווערן אַ ווילער יונג, וועט זיך דידאָזיקע אומבאַשטימטע קערפּערשאַפט, די „באַנדע", באַלד מיט אים חברן. ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ביים בילאַרד האָט ער זיך קאָמפּראָמיטירט. אָבער סוף-כל-סוף: אויב איינער איז שוין איבער זעכצן יאָר (געננוי געזאָגט, צוויי טעג אַריבער) און טראָגט לאַנגע הויזן (זיי זענען טאַקע געווען זיין עפּאָכע-מאַכנדיקע געבורטסטאָג-מתנה) און דאַרף נאָך בלויז איין האַלב יאָר בלייבן אין נידעריקן קלאַס, דערצו נאָך אין אַזאַ נאָבעלער גרויסאַרטיקער שולע — איז ער דאָך באמת גאָרנישט ווערט, אויב ער וועט זיך ווי אַמשנעלסטן נישט אויסלערנען שפּילן אין בילאַרד. איבונג, פאַרשטייט זיך, מוז ער אומבאַדינגט האָבן — און געלט, — דאָס האָט פויל געמוזט לײדער צוגעבן.

ער האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן, ביז ער האָט דערשפּירט, אַז זיי זענען שוין נישט פייכט, האָט באַקעמפט דאָס שטיקנדיקע געפיל, וואָס איז אַנטשטאַנען פון געדיכטן טאַבאַק-

ייך און האָט זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויפן באַשלוס צו ווערן אַ ווילער יונג.

ער איז אַוועק צום בופעט מיט די אַלקאָהאָל־פרייע משקאות. אין הערלעכן שיין פון געלן בויגן־לאָמפּ האָט דאָס יינגל, אין דער־דאָזיקער סביבה, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַרבלאָנ־קעטן, ליבן, רויזנאָזיקן הינטל צווישן אַ האָרדע פון ווילד־שרייענ־דיקע דאָרף־קאָטערס. פויל איז געווען אַ שלאַנק־געבויטער בחור מיט אַ גלייכן רוקן און זיידיקע, בלאָנדע האָר. זיינע הענט און פיס זענען געווען אַ ביסל נישט פּראָפּאָרציאָנעל; זיי האָבן אונ־טערגעשטראָכן, אַז פון דעם־דאָזיקן פויל וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ גרויסער, קראַפטפולער מאַן. דאָס מויל און די קינבאַקן האָבן פאַרראַטן אין זייערע ליניעס איידלקייט, כאַראַקטער און אפשר אַ קינסטלערישן שטריך. אין זיינע בלויע אויגן איז געלעגן אַזאַ אומשולדיקע, קינדישע קלאָרקייט, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט צווייפ־לען אין זיינע זעכצן יאָר. ס׳האָט אויסגעזען, אַז זיין קינדער־צייט איז געווען אַ גליקלעכע. זייער הויז האָט זיך געפונען אין עק שטאָט, און אויף דעם אופן איז ער נישט געוואַקסן אין דער אומגעזונטער מאַסן־סביבה, ווי די איבעריקע קליינשטעטלדיקע יינגלעך און אויך נישט אין דער פאַרטעמפּנדיקער איינזאַמקייט פון אַן אָפּגעלעגענעם פויערים־הויף.

ארנאָלד בענטאָן, פוילס פאָטער, איז נישט געווען קיין ערדאַרבעטער. ער האָט פאַרקויפט טראַקטאָרן און נאָך אַלערליי אַנדערע שיינע זאַכן, מיט וועלכע מ׳קריכט דער נאַטור אין די ביינער אַריין.

3

ברייטפּלייציקע פויערים־קנעכט זענען געשטאַנען אַריבער־געבויגן איבער די גרין־באַשלאָגענע טישן, פאַנטאַסטיש באַ־לויכטן פון די אַראָפּהענגענדיקע לאָמפּן, אָדער זענען געזעסן ווי שטרויענע ליאַלקעס אויף לייכטע שטולן, אָנגעשפּאַרט אָן

חאַנט. ס׳רוב פֿון זיי האָבן געררויכערט ביליקע ציגאַרן, אָדער
געקייעט קיי-גומי; עטלעכע האָבן האַסטיק גערויכערט פּאַפּיראָסן.
לויט דעם אופן, ווי זיי האָבן געהאַלטן אין די געשוואָלענע
הענט די ביליאַרד-שטעקנס, האָט מען געקאָנט זען, אַז מיטן האַק
און אַקעראײַזן קאָנען זיי זיך בעסער אומגיין.

דאָס זענען געווען ברוין אָפּגעברענטע פּאַרשוינען אין
פֿאַרשוויצטע העמדער, און זיי האָבן געשפּילט זייער פּאַרטיע
אויף אַן אומגעלומפּערטן, ליידנשאַפֿטלעכן אופֿן, אַזוי אַז די
קויל איז גאַנץ אָפֿט דורך אַ געוואַלטיקן שטויס אַריבערגעשפּרונ-
גען איבערן טיש-ראַנד. אַלס איינציקע באַגלייטונג צום שפּיל
האָבן זיי כסדר אַרויסגעלאָזן פֿאַרשטיקטע האַלז-טענער און פֿון
צייט-צו-צייט אַ פֿינסטערע, אומענדלעך לאַנגע קללה.

ביים טיש, נאָענט פֿון פֿוילן, האָבן געשפּילט בוק און
לאַררי מיט עפּעס אַ מין באַוואַקסענעם פּאַרשוין, וועלכן אַלע
האָבן גערופֿן מיטן נאָמען „מוטט!"

דערדאָזיקער מוטט יענקינס האָט פֿאַרמאָגט אומגעוויינלע-
כע פֿעיִקייטן: ער האָט געשפּילט ביליאַרד נישט בלויז גוט, נאָר
שאַקע ווי אַן אמתער כישופֿמאַכער. לאַנג און זאָרגפֿעלטיק פֿלעגט
ער וואַרפֿן לענגאויס זיין ביליאַרד-שטעקן, דאַן מאַכן מיט אַן
עלאַסטישן דריי פֿון זיין האַנט-געלענק אַזאַ קונציקן שטויס, אַז
צהרף-עין פֿלעגט ער פּאַקן ביידע אַנדערע קוילן. דערנאָך שטרעקט
צר אויס זיין הינערשע ברוסט, שטעלט אַוועק לעבן זיך דעם ביל-
יאַרד-שטעקן און שרייט מיט אַ קוויטשעדיקער שטים:

— נו, ווי האַלט עס מיט אייערע קענטענישן?

מוטט איז אַלט געווען ניינצן יאָר, האָט געאַרבעט אין אַ
גאַראַזש און געדוצט אַלע גימנאַזיסטן.

לאַררי, וואָס האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס פֿאַר-
שפּילן, האָט געמאַכט אַ בייזע מינע. ער האָט אויסגעשיט אַ
פּאַפּיראָס פֿון אַ צעריבענער גילזע און מיט אַ געקינצלטער רוי-
קייט אים אָנגעצונדן. דעם ערשטן צי האָט ער איינגעאָטעמט
אַזוי טיף און אַזוי לאַנג, אַז ביים אויסאָטעמען האָט זיך באַ-
וויזן בלויז אַ דינער רויך-פֿאָדעם. פֿויל איז פֿאַרגליווערט גע-

וואָרן פון התפעלות און קנאה. ער איז אוועק פון זיין אָרט און האָט זיך אַהינגעשלייכט צו די דריי.

לאַררי האָט לאַנגווייליק געקוקט אויפן זייגער.

— אייגנטלעך האָב איך נאָך געקאָנט זיין ביים מיידל, איידער איך גיי אַהיים, — האָט ער דערקלערט מיט אַ שטאַרק בוימלדיקער שטים. — אפשר וועל איך נאָך שפּעטער פאַרבייגיין, בוק, אויף ווידערקוקן! — און שטיל אונטערפייפנדיק איז ער אַרויס פון לאָקאַל.

מוטט האָט נאָך כסדר געשטראַלט פון טריומף

— אַ פּאַפּיראָס? — האָט ער אָנגעבאָטן, מאַכנדיק מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט אַ האַלב-קרייז איבער ביידע יינגלעך.

בוק האָט אַ נעם געטאָן, נישט אויפהויבנדיק אַפילו די אויגן; ער האָט גראָד בשעת-מעשה באַוויזן אַ קונצשטיק: מיט אַן אומגעריכטן פינגערשטויס אַרויסצושליידערן פון קעשענע אַ ביליאַרד-קויל.

די האַנט מיט דער פּאַפּיראָס-גילזע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר פּולס געזיכט. פּחדנותדיק האָט ער אים געוואָלט אַ נעם טאָן. אויף זיין פּנים האָט אַ שוועב געטאָן אַ שוואַכער שמייכל — סאַראַ בריה ער איז! צום טייוול... נישט ווילנדיק האָט זיין האַנט אַ ציטער געטאָן.

— נו, נעם שוין, — איז צוגעשטאַנען צו אים מוטט, פאַרשטייענדיק פאַלש פּולס באַוועגונג, ווייל ער האָט געמיינט, אַז יענער וויל אים נישט באַרויבן. ער האָט אים צוגערוקט נענטער די גילזע און אויסגעשאָטן אַ העלפט פון פּאַפּיראָס.

פּויל האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעשטאָפּט דעם פּאַפּיראָס און אַ צייט צו אים זיך צוגעקוקט. דערנאָך האָט ער אים געדרייט צווישן די פינגער און פאָרזיכטיק צוגעטראָגן צום מויל.

מוטט יונקענס האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע און העפלעך דערלאַנגט פּוילן. יענער האָט עס אומגעשיקט אַ נעם געטאָן אין האַנט און אַזוי לאַנג געצויגן דעם פּאַפּיראָס, ביז דאָס קעפּעלע האָט ענדלעך אויפגעפלאַקערט און

פּעס מאָדנע לעבעדיק זיך איינגעפּרעסן אין ווייסן פּאַפּיר.

מוטט האָט זיך אָפּגעקערט. פּויל איז געשטאַנען מיט אויס־געגלאָצטע אויגן, די באַקן שטאַרק אָנגעבלאָזן. זיין מויל איז געווען פול מיט רויך. ער האָט געשפּירט אַ העפטיקן הוסטן־רייץ, אָבער ווען ער זאָל זיך איצט פאַרהוסטן, וואָלטן אַלע יינגלעך פון אים חוזק געמאַכט. אַרומגייענדיק אַ צעטראָגענער הין־און־צוריק, האָט ער נאָך גראָד צו דער רעכטער צייט אַרויסגענומען זיין נאָזטיכל, כּדי צו פאַרבאָרגן אַ קאָנוואַלסיוון, ־־יזיקנדיקן כאָרכלען. דער רויך האָט אים געדיכט געהאַקט פון מויל אַרויס. די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַן צנגסטפולן, לעצטן בליק, האָט ער צו זיין גרעסטער שמחה דערזען, אַז קיינער אינ־טערעסירט זיך נישט מיט זיין אומגליק. ער האָט אויסגעשפּיגן עטלעכע שטיקלעך טאַבאַק און האָט זיך דערמאָנט אָן זעגשפּענד־לעך, זיי זענען אויך געווען פּונקט אַזוי ביטער. דער רויך פון ביליקן פּאַפּיראָס האָט געביסן די צונג און געשטיקט אין האַלז.

מיט אַ גלייכגילטיקער מינע האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן ביליאַרדטיש און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עטלעכע פון די עלטערע יינגלעך קוקן זיך צו אים צו, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם פּאַפּיראָס, דווקא אומגעצוווּנגען, און ווידער געצויגן, תּיכּף אָבער אַרויסגעלאָזן דעם רויך און טאַקע דורכן מויל. ער זאָל נאָך מוזן הוסטן פאַרן גאַנצן עולם, אויף אַזוי ווייט האָט ער שוין נישט געוואָלט ריזיקירן. זיך פאַרציען, ווי ס'מאַכט לאַררי האַרטמאַן, דאָס דאַרף מען זיך אויך אויס־לערנען, האָט ער זיך געזאָגט.

פּאָפּ טורנער, וואָס האָט גראָד צונויפגעשטעלט די קוילן, האָט זיך מיט אַ צערטלעכער פאַרוווּנדערונג צוגעקוקט צום יונגן רויכערער. פּויל האָט תּיכּף דערשפּירט, אַז ער וועט גאַנץ גיך כאַפּן דעם שניט פון דידאַזיקע אַלע תּורות. ער האָט פּאַקטיש אויפגעבליט און געטאָן אַזאַ שטאַרקן צי, אַז נאָך אַ האָר וואָלט ער זיך ווידער געוואָרגן. די צונג האָט אים געברענט, און ער האָט געפּילט אַ לייכטן שווינדל. אין אַ מאָמענט ווען קיינער

האָט נישט געזען, האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם פּאַפּיראָס אויף דער ערד, צעטרעטן מיטן קנאַפּל און קאָנוואולסיוו זיך אָפּגעלעקט די ליפּן. איצט וואָלט ער געגעבן גאָר אַ סך פאַר איין גוטן זופּ וואַסער.

מוטיעזענקינס האָט זיך ווידער צוגערוקט צו בוקן.

— לאָמיר שפּילן נאָך איינס! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

בוק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „היינט נישט".

מוטט האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, זיך געשטופּט דורכן עולם, זוכנדיק אַנדערע קרבנות. בוק האָט אונטערגעשמייכלט הינטער זיינע פּלייצעס און דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום שענקטיש.

— אַ פלאַש זאָפּט? — האָט ער פּראָפּאָנירט

ס'האָט אויסגעזען, אַז ער באַמערקט איצט פוילן צום ערשטן מאָל נאָכן צוזאַמענשטויס ביים אריינגאַנג.

— גערן.

זיי האָבן געטרונקען באַזאָכט און שווייגנדיק, מיט די רוקנס אָנגעשפּאַרט אָן בופעט. פון צייט־צו־צייט האָט פויל געוואָרפן אויפן עלטערן פון דער זייט אַ פאַרגנבעטן בליק. ער האָט אויפגענומען אין זיך אַלע איינצלהייטן פון בוקס געזיכט, די געקרייזלטע שוואַרצע האָר, די שטאַרק אויסגעדריקטע שטריכן, די קרעפּטיקע ליניעס פון האַלז און פון די אַקסלען, און תיכּף איז אויסגעוואַקסן אין אים אַ געפיל פון יראת־הכּבוד פאַר זיין העלדישקייט.

מיטן טרינקען האָט ער זיך אַזוי איינגעטיילט, אַז ער האָט גלייכצייטיק מיט בוקן אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די ליידיקע פלאַש.

— דו גייסט אַהיים? — האָט אים בוק ווי כלאַחר־יד אַ פרעג געטאָן, זיך קלויבנדיק אַוועקצוגיין.

— יאָ, איך קאָן גיין.

פאַרן אַרויסגיין איז פויל אויף אַ מאָמענט געבליבן שטיין, כּדי חוצפּהדיק אויסצוקריצן די ערשטע אותיות פון זיין נאָמען אויף אַ שמוציקן פלאַקאַט מיט פאָלגנדיקער אויפשריפט:

„פאַר פערזאָנען אונטער אכצן יאָר איז דער אַריינטריט שטרענג פאַרבאָטן".

ס'איז געוואָ־ן שפעט. די קילקייט פון דער פרילינגס־נאַכט האָט געווירקט אָפּפרישנדיק, פונקט ווי די זיסע אייז־לימאָניאַדע נאָכן בייסנדיקן געדיכטן פאַפּיראָסן־רויך. גלייך ווי זיי וואָלטן זיך צוגויפגערעדט, האָבן זיך ביידע ייִנגלעך אָפּגעשטעלט איינער לעבן אנדערן און אַריינגעאָטעמט די ריינע נאַכטלופט טיף אין זייער'ע לונגען.

די געוועלבער זענען שוין אַלע געווען געשלאָסן. דער אַלטער ביל באַרטמאַן האָט נאָר־וואָס געהאַט צוגעמאַכט די טיר פון זיין מעטאַל־האַנדל, צוגעהאַקט דעם מאַסיוון לאָדן און איז מיט אַ געוואַלדיקן געגעץ פאַרשוונדן אין דער פינסטער. ביים יווועליר, פאַר דער מעכטיקער אייזערנער קאַסע־שאַנק, איז גע־האָנגען אויף אַ שנור אַ קליין לעמפּל אָן אַבאַזשור. פון שפּיל־זאַל האָט זיך געטראָגן איבערן גאַס אַ ליכטיקייט און באַלויכטן אויף דער אַנדערער זייט די אָפּגענוצטע געוועלבשילד אויפן קליינעם מאַרקפּלאַץ און די כּל־המינים סחורות אין די שוי־פענסטער. אַחוצדעם איז גאַנץ וועסטפיעלד געווען פינסטער און פוסט.

זשאַק קינזעל, דער נאַכטוועכטער („נאַכטפּאָליציאַנט", ווי ער האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן), איז געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט אויפן ליידיקן אייזקאַסטן פאַר גרעססעלס שענק און גע־באָמבלט מיט די פיס.

— נ'אָוונט, בוק, — האָט ער אַ ברום געטאָן, בעת די ביידע זענען פאַרבייגעגאַנגען.

— ט'יאָר, זשאַק.

וואָס שייך פוילן, איז ער נאָך נישט געווען אַזאַ פּאַרטי־קער יאַט אויף צו קאָנען פירן אַזאַ מין פלוידער־באַקאַנטשאַפט מיטן נאַכט־וועכטער.

די טריט פון די צוויי ייִנגלעך האָבן געקנאַקט איבערן ברוק און הויך אָפּגעהילכט צווישן די שורות נאַקעטע, נידע־ריקע הייזער. גאָט איינציקער — אַלס יונגער מענטש מעג מען

זיך דאָך טאַקע באַנוצן מיט דער גאַס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט! אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך בעתן גאַנג געטראָגן דורך פּוילס קאָפּ. בוק האָט אים באַטראַכט מיט קאָמיש צונויפגע-פּרעסטע ליפּן. פּויל האָט צו אים שעמעוודיק און אַ ביסל צע-שראָקן געשמייכלט.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, סקיטער, — האָט פּלוצלונג דער עלטערער אַ פרעג געטאָן אויפן קול, — וואָס אַזוינס איז מיט דיר געשען, וואָס דו ביסט פּלוצלינג היינט אויף איינמאָל דאָרט אַהינגעקומען?

פּויל איז צעטומלט געוואָרן.

— נו, יאָ, אָט — איך ווייס אַליין נישט, — האָט ער געשטאַמלט.

— אָך, וואָס דערציילסטו מיר דאָ מעשיות, דו ווייסט שוין גאַנץ גוט. איך האָב דיך דאָרט פריער קיינמאָל נישט געזען. וואָס אַזוינס איז היינט פּלוצלינג געשען?

קיין שום אַנדערן וואָלט פּויל זיכער נישט אָפּגעענטפערט. ס'איז דאָך אָבער געווען בוק דאַנעלי.

— זעסטו, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב זיך באַ-קלערט, אַז איצט איז שוין טאַקע די רעכטע צייט, כ'זאָל זיך אויסלערנען שפּילן אין ביליאַרד און דאָס אַלץ. אויפן צווייטן יאָר גיי איך דאָך שוין סיי-ווי-סיי אַריבער אין העכערן קלאַס, און גרויס בין איך דאָך אויך גענוג פאַר מיין עלטער, נישט אמת? און ביז איצט איז מיטן אַרויסגיין פון שטוב נישט געווען אַזוי פויגלדיק, נישט שטענדיק און נישט קיין סך, פאַרשטייסטו מיך, — נו, האָב איך זיך באַקלערט, מ'מוז דאָך איין פאַר אַלעמאָל ווען-נישט-איז מאַכן דעם אָנהויב.

בוק האָט אָנגעשטעלט די גראָבע ליפּן און פאַרטראַכט צו-געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס איז נאָך, נאַטירלעך, נישט די גאַנצע סיבה. דער הויפּט-מאָטיוו זענען די לאַנגע הויזן — האָב איך רעכט צי נישט? פּונקט ווי דאָס זאָל באמת האָבן עפּעס אַ ווערט, די פאָר צענטימעטער לענגער, פּונקט ווי דורך דעם ווערסטו פּלוצ-

לינג בין-לילה אַ מאַנספאַרשוין! אָבער, אייגנטלעך, אין אַ געוויסן זין איז עס פּאָרט אַזוי! פּאַר די מיידלעך, למשל. איך האָב זיך צוגעקוקט אין שולע: יענע וואַרפן שוין אויף דיר אויגן, סקיטער. דו קומסט שוין איצט אויך אין באַטראַכט! — לאַנגגע הויזן! אַך, גאָט אייבציקער! אָפּטמאָל קלער איך מיר, ווען איך וואָלט קיינמאָל נישט גרויס געוואָרן און קיינמאָל קיין מיידל נישט געזען און קיין פּאַפּיראָסן, און קיין שנאַפּס און קיין לאַנגע הויזן!

זיין שטאַרק פּנים האָט פאַרלוירן דעם טרוימערישן אויסדרוק און ווידער אָנגענומען אַ האַרטע, וועלטקלוגע מינע. אַ מאָמענט האָט ער שאַרף געקוקט פּוילן אין די אויגן אַריין.

— צי האָסטו שוין עפּעס געהאַט אַמאָל צו טאָן מיט אַ מיידל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אין אַ באַשטימטן טאָן.

— הם — 'טירלעך! ס'הייסט, איך מיין, איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל, וועלכע נישט-איז ערגעץ וווהין מיטגענומען און גלאַט אַזוי זיך.

— אָבער דו ביסט נאָך קיינמאָל נישט אַוועק אַליין מיט אַ מיידל... אין אַן אויטאָ... און איר האָט דאַן אינמיטן נאַכט ביים שאָסיי אַ ביסל פאַרבראַכט? בוק האָט דעם יינגל שיר נישט איינגעשלונגען מיט זיין הונגעריקן בליק.

— קיינמאָל נישט, — האָט זיך פּויל מודה געווען.

— דו ליבער גאָט! — האָט בוק אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבן קול און האָט אָפּגעקערט זיין פּנים. — דאָס איז שוין באמת אַ ביסל קאָמיש. —

— אָבער דו, בוק, הער נאָר צו: מיטן אַרויסגיין מאַך איך איצט פּונקט דעם ריכטיקן אָנהויב, ווי נאָר מיין אַלטער וועט מיר לאָזן זיין פּאָרד*). סנוט האַרטמאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר שוין עפּעס אַראַנזשירן מיט גערטרודע הומפּרעיס; זי וועט שוין. — —

*) פּאָרד-אויטאָ.

— שווייג, — האָט זיך בוק אַ בייזער געטאָן. — און איצט הער צו, יינגל מיינס: דאָס וועל איך תיכף ברענגען אין אָרדענונג. איך ווייס שוין, ס'איז אייגנטלעך פון מיין זייט אַן אומגעהייערע נידערטרעכטיקייט צו געבן עמעצן עצות, אָבער די מוזט מיר עפּעס צוזאָגן, סקיטער, דו מוזט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט אַוועקפאָרן אַליין אין אויטאָ מיט גערטרודע הומפּרעיס.

— נו, מילא, פאַרוואָס דען נישט, בוק? סנוט האַרטמאַן זאָגט, זי איז פּרימאַ קלאַס, און ער גופא —

— אַך, לאָז מיך געמאַך מיט סנוט האַרטמאַן! ער איז אַ וויסטער שמענדריק, פּונקט ווי זיין ברודער לאַררי. אָבער דו, הער אויס, דו מוזט עס מיר דורכאויס צוזאָגן, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט אַוועקפאָרן אַליין מיט גערטרודע הומפּרעיס — וויניקסטנס, כּל-זמן דו ביסט נאָך אין שולע. אָפּגעמאַכט?

— אַך, הערי״ע — נו, אין גאָטס נאָמען, בוק.

— זייער שיין פון דיין זייט, פּויל.

בוק האָט זיך געשפּירט באַרויקט.

אין דער פינסטער האָבן פּלוצלונג אויפגעלויכטן די רעפלעקטאָרן פון אַן אויטאָמאָביל. זיי האָבן געבלאָנדזשעט הין-און-צוריק איבער קרומע שטעגלעך און פּאַראַטן, אַז אַן אומגעביטע, אומזיכערע האַנט קירעוועט מיטן וואַקלדיקן וואָגן. די ליכטקויל איז געפאַלן אויף בוקן, די ברעמזען האָבן געהאַקט, און דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די הינטערשטע רעדער האָבן איבערגעלאָזן צוויי שוואַרצע פּאַסן אויף דער רויט-ברוקירטער הויפּטגאַס.

פון פירער-געזעס האָט זיך געהערט לאַררי האַרטמאַנס געשריי, זיין שיכּורע שטים:

— קום אַהער, בוק, אַלטער שוועד.

ווי אַ פייל פון בויגן האָט בוק מאָמענטאַל, אַוועקוואַרפנדיק פּוילן, זיך אַ לאָז געטאָן איבערן שאָסיי, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טריטברעט און אַ נעם געטאָן מיטן האַנט די טירקליאַמקע. אַ פּייכטע שויב האָט געבלאַנקט אין ליכטשיין.

…האָט זיך געהערט אַ הויך מיידלש געלעכטער, און אונטערן …וראדיקן טראַסק פֿון דעם צוגעמאַכטן טירל האָט זיך דער אויטאָ ליאַרעמדיק אָפּגעטראָגן.

פֿויל האָט געזען דאָס הוזקדיקע פֿלאַקערן פֿון רויטלעכן …רעפֿלעקטאָר-ליכט. שטייענדיק אומבאַוועגלעך אויפֿן טראָטואַר, האָט ער עס נאָך געזען אַ צייט לאַנג.

דערנאָך האָט ער אַ הויב געטאָן די אַקסלען און איז אַוועק ווייטער. מיט אַ טרוימערישן שמייכל האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי בוק און לאַררי וועלן פֿאַרברענגען די איבעריקע צייט פֿון דער נאַכט.

פֿלוצלינג האָט ער געמוזט טיף אָפּציען דעם אָטעם, ווייל אים איז איינגעפֿאַלן: דער הויכער ווייבלעכער געלעכטער אין אויטאָ, איז זיכער געווען גערטרודע הומפֿריס.

פֿויל האָט נישט באַגריפֿן די איראָניע פֿון דער סיטואַציע. אים איז נאָר פֿאָרגעקומען אַ ביסל קאָמיש, וואָס בוק האָט אים געוואָרנט פֿאַר דעם הומפֿרעיס-מיידל און אַליין האָט ער זיך כמעט אין זעלבן מאָמענט אַריינגעזעצט צו איר אין אויטאָ. אַן אויגנבליק האָט ער נאָך געקלערט וועגן מערקווירדיקן טאָן, אין וועלכן בוק האָט פֿון אים געפֿאָדערט דעם צוזאָג, דערנאָך איז ער צום גאַנצן ענין געוואָרן לגמרי גלייכגילטיק. זיינע געדאַנקען זענען באַלד כסדר געווען פֿאַרנומען מיט די געשעענישן פֿון היינטיקן אָוונט.

דריי פּאַרטיעס ביליאַרד, און טאַקע אויף געלט און מיט ריכטיקע גרויסע יאַטן, וואָס רויכערן, האָבן שאַרפֿע ראַנדעווּס און שיכּורן זיך אַפֿילו אָן מיט שנאַפּס! אויב ס׳זאָל אַזוי ווייטער גיין אין דעמזעלבן טעמפּאָ, קאָן עס בשום אופֿן נישט …לאַנג דויערן און ער וועט ווערן אַ פּאַרטיקער יאַט, וואָס וועט …יך קאָנען פֿאַרציען און אַלדאָס איבעריקע וואָס געהערט …ערצו!

ער האָט אַ הויב געטאָן די פּלייצעס, שוין גאָר ווויל… …ינגעריש, אויסגעבויגן דעם קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט און איז …ייעק מיט גרויסע טריט איבער דער פֿענסטער, פֿינסטערער

לינז־נבוי־מער־אַלעע. די ליפּן האָט ער געהאַלטן ענג צוזאַמענגע־פּרעסט, ווי ער זאָל האָבן דאָס באַוווסטזיין, אַז פון אַלע זייטן קוקט מען זיך צו אים צו. זיין ברייטפּוסיקער גאַנג האָט דער־מאָנט אָן דער איבערגעטריבן קינסטלעכער האַלטונג, מיט וועל־כער אַן אַמאַטאָר־אַרטיסט מאַרשירט איבער דער בינע בעת אַ שווערלעכער סצענע. אויפן שטערן האָט ער מיט גרויס מי גע־פּרוווט אַרויסצוזדריקן קנייטשן, דערנאָך האָט ער באַזאַכט און אַרטיסטנמעסיק אַרויסגענומען דעם זייגער און לאַנגווייליק גע־קוקט ווי שפּעט ס׳איז.

— איך האָב נאָך אייגנטלעך געקאָנט זיין ביי אַ מיידל, איידער איך גיי אַהיים. — האָט ער דערקלערט און אין דער שטיל זיך געאיבט אין אַ געוויסן ציניש טאָן.

דערנאָך האָט ער צוריק אָנגענומען די נאַטירלעכע מי־נע פון פויל בענטאָן און אַראָפּגעלאָזן די הענט, שוין אפשר צום הונדערטסטן מאָל דעם היינטיקן אָוונט, זוכנדיק אין די הויזן־קעשענעס, וואָס האָבן זיך אָנגעצאַפּט אַזוי שטייף, טיף און גיי. טרויעריק האָט ער פעסטגעשטעלט ווי גלאַט און ליידיק זיי זיינען, און זיין קרענקונג איז געוואַקסן. בעת ער האָט זיך נפּזאָגט, אַז אַזוי גלאַט און ליידיק וועלן זיי אומבאַדינגט בלייבן אויך די גאַנצע קומענדיקע וואָך. ער האָט אויסגעבעטן ביי זיין פּאָטער דאָס וועכנטלעכע טאַשן־געלט — פופציק סענט — מיט אַ טאָג פריער. „אויפן שבת־צונאַכטס״, האָט ער מאָטיווירט.

— יאָ, צום טייוול, — האָט ער זיך געכעסט, — ווער וואָלט זיך עס דען פאָרגעשטעלט, אַז אַ לוסטיקער יאַט זאָל קאָנען אויסקומען מיט נישטיקע פופציק סענט אַ וואָך. פופציק סענט — ס׳פאַרדינט אַפילו נישט דעם נאָמען טאַשן־געלט; אפשר האָט זיך נאָך דער פאָטער נישט געלייגט? ער מוז ביי אים בעטן אַ גרעסער טאַשן־געלט, איצט, אַז ער איז שוין איבער זעכצן יאָר און טראָגט לאַנגע הויזן און קאָן שפּילן ביליאַרד און הויבט אָן צו ווערן אַ יאַט.

אין דער מחשבה האָט ער שוין געמאַכט רעפעטיציע פון

ווין רעדע מיטן גאַנצן מינעסשפּיל און מיט אַלע זשעסטיקו־לאַציעס.

— פּאַ, — וועט ער אָנהויבן (ער האָט זיך געהערט רעדן אין אַן איבעראַשנדיק מעגלעכן באַריטאָן), — דו ווייסט, איך מוז, באמת, באַקומען אַ ביסל מער טאַשנגעלט. פּופּציק סענט אַ וואָך, דאָס איז גאַנץ שיין און גוט, כּל־זמן מ׳איז קליין, אָבער איך בין דאָך שוין מער נישט קליין, פאַרשטייסטו מיך, און איצט איז שוין טאַקע די רעכטע צייט, אַז איך זאָל האָבן עפּעס געלט אין האַנט. איך דאַרף איצט אַ ביסל מער, פּאַ, אפשר בערך אַ דאָלאַר די וואָך, אויב דיר וואָלט עס מעגלעך געווען.

דאַן האָט זיך די רעפּעטיציע אויף אַ לענגערע צייט איבערגעהאַקט, ווייל פּויל איז אַליין נתפּעל געוואָרן פון דער־דאָזיקער אויסזיכט: אַ גאַנצן דאָלאַר, צום בעסטן אין קליינע מטבעות, אַזאַ פאַרמעגן ביי אים אין האַנט.

— טיאַ, מיין זון, — וועט הער בענטאָן זאָגן, — יאָ, דו ביסט נישט אומגערעכט. איך האָב אַליין געזאָלט וועגן דעם אַ קלאָר טון און נישט וואַרטן ביז דו זאָלסט מיך בעטן. אָט האָסטו אַנדערטהאַלבן דאָלאַר פאַר דער קומענדיקער וואָך, און אויב דו וועסט דאַרפן מער, זאָלסטו מיר צוזויסנטון. — דער־נאָך וועט ער באַטראַכטן פּוילן מיט אַ צופרידענעם בליק פון אויבן ביז אַראָפּ און זאָגן: — איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט שוין אַזוי אויסגעוואַקסן, בחור.

פּויל איז שוין כּמעט געווען אינדערהיים. די אַלייע האָט זיך געענדיקט ביים עק שטאָט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שטויביקע דאָרף־גאַס צו מערב־צו; פּויל האָט עס באַמערקט לויטן סקריפּען פון זיינע שיך. אָבער נאָך איז מען נישט גע־ווען אינגאַנצן אין דאָרף: זיי האָבן געוווינט אין ערשטן הויז, און די אייגנטלעכע פּויערשע הויפן האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך ווייטער.

די בלייכע, יונגע לבנה האָט געטריבן אַן אויסגעלאַסן שפּיל מיט אַ נידעריק אַראָפּהענגנדיקן שוואַרצן וואָלקן, סוף־כּל־סוף האָט זי זיך דורכגעריסן און שימערירט אויף די יונגע

פעלדער, אויף די צאַרטגרינע זאַנגען פון ווינטערווייץ, וואָס האָט צוגעגעבן דעם העסלעך ברוינעם צעלעכערטן ליים-באָדן אַ שטיקל פאַרב.

דער ווייסער פּירעק פון אין דאָרפישן סטיל געבויטן הויז האָט זיך כּסדר דערנענטערט, און פּוילן איז פּלוצלינג געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך ביים געדאַנק, אַז דער פּאָטער קאָן נאָך באמת זיין אויף. מילא — אַזוי שרעקלעך שפּעט האָט עס נאָך נישט געקאָנט זיין, און סוף-כּל-סוף כאַפּט עס דער רוח, ס'איז דאָך געווען שבת-צונאַכטס! געשווינד, אָבער פאָרזיכטיק, האָט פּויל אַדורכמאַרשירט דעם שלעכט ברוקירטן וועג, וואָס האָט געפירט דורכן גאָרטן צו דער שטוב. דאָס האַרץ איז אים אַריינגעפאַלן אין די הויזן, אַז ער האָט דערזען דעם פּאָטער שטייענדיק אויבן אויף די טרעפּ.

— ׳טן אָוונט, פּאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שוואַכער שטים און זיך געפּרוּווט פאַרביי אים אַריינצושמוגלען אין הויז.

אַרנאָלד בענטאָן האָט אָנגעטאָן אַן ענטפער געברומט ווי אַ ווילדער אָקס. דאָסדאָזיקע ברומען האָט מען גוט געקענט; פאַר דער פאַמיליע בענטאָן איז עס געווען אַ דייטלעכער צייכן אויף אַ שטורעם אין קאַלענדאַר.

— ׳טן אָוונט, דו לויז-יונג. דו מיינסט אוודאי: גוט-מאָרגן! צי ווייסטו וויפל דער זייגער איז? אַ פערטל אויף איינס, זיי וויסן, ליבער פריינט. נו, שפּאַציר נאָר אַריין אַהער, זיי מוחל — איך דאַרף זיך מיט דיר אַדורכשמועסן!

אַ צעשראָקענער איז אים פּויל נאָכגעגאַנגען אין פאָר-הויז. רעזיגנירט האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— ווו האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט די גאַנצע נאַכט? — האָט אַ פרעג געטאָן דער פּאָטער, זיך אָנקוקנדיק מיטן גאַנצן גוף האַרט לעבן פּוילן.

— אונטן, ביים ביליאַרד-שפּיל.

— ביליאַרד-שפּילן, העי זינט ווען ביסטו עס געוואָרן אַ תושב אין יענער געגנט? צי דען האָב איך דיר נישט געזאָגט,

די זאָלסט היטן דײַנע ביינער — הער בענטאָן האָט פּלוצלונג איבערגעריסן, זיך אָנגעבויגן און פֿאַרדעכטיק אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן. — יאָ, האָסט אפשר געראַוויכערט, וואָס? — האָט ער געדונערט. — זאָג, זאָג דעם אמת, תּיכּף, דאָ אויפֿן אָרט! איז אַזוי?

מיטן לעצטן פֿאַרצווייפֿלטן פֿאַרטרויען אויף די נייע לאַנגע הויזן און דעם שבת-אָוונט האָט פּויל געוואַגט צו ענטפֿערן:

— נאָר אַ פּאָר ציִ פֿון אַ פּאַפּיראָס ביי מוטט יענקינס... ניין, פּאַ... אוי... לאָז מיך אָפּ... פּאַ... אוי!..

אַרנאָלד בענטאָנס האַרטע האַנט האָט צוויי מאָל דערלאַנגט. אַ בליץ פֿון ווילדער, בלינדער מרידה האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּוילס האַרץ; ער האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אָפּגעשפּרונגען. מיט אַ הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ איז ער געשטאַנען פֿאַרן פֿאָטער, אַלע מוסקולן געשפּאַנט, קיין טרער אין די אויגן, די שמאָלע פּויסטן אינדערהויך, אַזוי אַז זיי האָבן אויסגעזען אינגאַנצן ווייס, די אויגן בלויז נאָך שמאָלע, שטאָלבלויע שפּאַלטן.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט דער אַלטער בענטאָן דערשפּירט דעם מוראדיקן פֿאַקט, אַז זיין זון איז שוין כּמעט אַזוי גרויס ווי ער. די איינציקע פֿייַנטלעכע און געשפּאַנטע סעקונדע איז געווען גענוג אויף צו פֿאַרניכטן עפּעס טיף באַהאַלטנס און זייער קאָסטבאַרס צווישן דעם פֿאָטער און זיין זון. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ בלייז, אַ ברוך, וואָס וועט זיך אפשר שפּעטער לאָזן פֿאַרקלעבן — פֿאַרהיילן וועט ער זיך שוין אָבער קיינמאָל נישט.

פֿון גרויס צעטומלעניש איז הער בענטאָן אַריינגעפֿאַלן אין אַ ווילדן צאָרן פֿון אַ צערייצטן אָקס. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט קעגן פּוילן, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו באַרירן דעם ייִנגלס שטייפֿן אַקסל, איז אַלץ אַנדערש געוואָרן. דער געביילטער פּויסט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ משונהדיק גרויסן פֿינגער, וואָס האָט מיט אַ ווילדן כּעס געזאָגט מוסר.

הער בענטאָן האָט געזידלט, געשאָלטן, געדראָט, ער האָט

דערפונדן און אינטערפרעטירט שוידערהאַפטע צוקונפטיקע שטראָף-
געריכטן, אָבער ביי דעם אַלעם האָט זיך געשפּירט אַ בייגע-
שמאַק פון נישטיקייט און פוסטקייט. ער האָט זיך בלויז כלומרשט
אַזוי געבלאָזן, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין אמתע מפּלה. ער ווייסט,
פאַרשטייט זיך, אויך ווייטער בלייבן דער פאָטער, דער, וואָס
באַפעלט און וואָס מ׳מוז פון אים אַרויסציען געלט, אָבער אינ-
דערשטיל האָבן איצט ביידע געשפּירט, דער זון מיטן פאָטער,
אַז פיל בענטאָן האָט היינט באַקומען די לעצטע ריכטיקע קלעפּ.

צווייטער קאַפּיטל

ווען ס׳זאָל זיך בלויז האַנדלען וועגן וועטער, וואָלט חירקלין אַ העלער פריילינגסמאָרגן אויפן דאָרף געקאָנט באַפרידיקן פאַר דער אַכזריותדיקער היץ אין יולי און דער ברוטאַלער קעלט אין יאַנואַר. ער קומט אָן אַזוי אומגעריכט און מיט אַזאַ פּראַכט, פונקט ווי ס׳וואַקסט אויס אין אַ פינצטערן ווינקל אַ פאַרגעסענער אָרכידייען־צווייג. דורך דער טריבער גרויקייט רייסט זיך דער מאָרגן לכתחלה אַריין אַביסל שרעקעוודיק. דערנאָך נעמט ער זיך אָן מיט מוט. אין אַ פּלוצלינגען לויכטענדיקן שטורם רייט ער ווילד איבערן זוים פון הימל און הויבט אָן זיין טאָגווערק, אַרויסצונאַרן דאָס לעבן, עס אַרויסצושלעפּן פון שטוב. מ׳מוז זיך צואיילן, אויב מ׳וויל דעם זונענאויפגאַנג אויפן דאָרף און אין פריילינג ריכטיק אויפכאַפּן, ווייל נאָר ווייניקע מאָמענטן דויערט דער צניעותדיקער צויבער פון דערדאָזיקער שטומער פאַרבן־סימפאָניע. אַחוצדעם איז עס שלעכט, וואָס דידאָזיקע סימפאָניע שפּילט זיך אָפּ פאַר טויבע אויערן, ווייל דער, וואָס קומט באַגינען אַהיים, איז נישט אין דער שטימונג דאָס צו באַמערקן, און ווען עמיצער זאָל באמת וועלן זיך אויפהייבן מיט זונען־אויפגאַנג, וועט אים זיכער אויך פעלן די שטימונג צו באַגרייפן דידאָזיקע סימפאָניע.

דער אַסטמאַטישער אַלטער זייגער ביי די בענטאנס האָט געקלאַפּט, געברומט, אָפּגעטאָן ענדלעך זיין שווערע טעגלעכע אַרבעט און אויסגעשלאָגן אַכט מאָל. מיט גרויס מי האָט זיך

פּויל אויסגעריבן די אויגן. מיט אַן אומצופרידענעם, אומבאַשטימטן געפיל אין האַרצן קעגן דער וועלט בכלל, איז ער אויטאָמאַטיש אַרויסגעקראָכן פון בעט.

ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז זונטיק. דאָס געפיל איז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן געוואָרן, און מיט גרויס הנאה האָט ער זיך צוריק אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. ער האָט אַרונטערגערוקט די הענט הינטערן קאָפּ און אַ צייט לאַנג געקוקט אויפן סופיט. זיינע בלאָנדע האָר זיינען געווען צעקודלט. זיך אַרומוואַשן פאַרן שלאָף האָט ער דערמאָלט פאַרגעסן. אין מויל האָט ער געהאַט דעם שלעכטן טעם פון אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן און אומגעוואַשענע ציין. ניִשט געקוקט אויף דעם האָט ער זיך געשפּירט באַקוועם און מונטער.

דער סופיט אויבן איז געווען אַ געאָמעטריש גענויער פּירעק, ווי ס׳דאַרף אייגנטלעך זיין אַ סופיט אין אַזאַ קאַסטנפאָרמיקער שטוב. צוזאַמען מיט די פיר ווענט האָט ער פאָרגעשטעלט מיט זיך אויסערגעווייגלעך פּינקטלעכע און פון שפּינוועבס פאַראומרייניקטע רעכטע ווינקלען. די ווענט זיינען געווען פאַרפּוצט מיט עפּעס משונהדיק העלע טאַפּעטן, וואָס האָבן דאָ געזען בעסערע צייטן. די טונקל גלאַנצענדיקע טיר, וואָס האָט געפירט צו די טרעפּ אויפן אויבערשטן שטאָק, האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל פון צימער. פּונקט קעגנאיבער איז געשטאַנען פּוילס דינפיסיקע, ייִסלאַקירטע מעטאַלבעט. אַ גרויסער טיש, וואָס וואָלט געפּאַסט אין אַ קיך אַריין, איז געווען צוגערוקט צו דער וואַנט לעבן בעט; אויף איבם זיינען אין ווילדער אומאָרדנונג געלעגן צעקנייטשטע צייכענונגען און בויגנס פּאַפּיר מיט שול-אויפגאַבן, פּאַרטיקע, האַלבפאַרטיקע און אַזעלכע, וואָס וועלן קיינמאָל ניִשט פאַרטיק ווערן. אַ שרעקלעך שוואַרצע קליידער-שאַנק איז געשטאַנען מאַסיוו אין דער קווער איבער אַ צווייטן ווינקל ווי אַ פיִרעקיקע סטראַשידלע. די שטאַרק אָפּגענוצטע ווייסע הענטלעך ביי די גרויסע שופלאָדן האָבן אויסגעזען ווי צוויי ריינע קנעפּ ביים ראָק פון דעמדאָזיקן שרעק-בילד.

פּויל האָט געהאַט אין זיין צימער צוויי גענוג גרויסע

פענצטער. זיי זיינען געווען ברייט פונאַנדערגעעפנט, און די ווארעמע מאָרגן-זון און די שטיפערישע פרילינג-לופט האָבן אַריינגעדרונגען אין צימער דורך הערלעך שיינע כוואַליעס. דער לופטצוג האָט געטריבן די דינע ווייסע פאָרהאַנגען און געראַשט צווישן די אָנגעוואָרפענע פּאַפּיר-בויגנס אויפן טיש.

פויל האָט געגענעצט, געפינטלט מיט די אויגן, זיך געשפּילט מיט די גראָבע פינגער און געחלומט גרויסאַרטיקע פריימאָרגנדיקע זונטאָק-חלומות. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פון בעט, איז צוגעשפרונגען צום פענצטער און לאַנג אַרויסגעקוקט אַ פאַרחלומטער אויף די פעלדער, די הענט אָנגעשפּאַרט אויפן פענצטער-ברעט אונטער די לוסטיק פלאַטערנדיקע פאָרהאַנגען.

נישט פאַראַן קיין פוסטערער און מער אויסגעצויגענער בליק, ווי אויף די תבואה-פעלדער, וואָס שטייען נאָך אין די זאַנגען. אָן אַ סוף האָבן זיי זיך געצויזן אויף ביידע זייטן פון דער אומרעגלמעסיקער דאָרף-גאַס, דער ליידיקער, קרומער, שמוציק-ברוינער. צעוואָרפענע וואַלד-פאַרצעלן און בלייך-גרינע פעלדער מיט ווינטער-ווייץ האָבן געשטערט דאָס מאָנאָטאָנע בילד פון דאָזיקן פלאַכלאַנד. אַ פערטל מייל ווייטער אויף דער דאָרפגאַס האָט געגלאַנצט דער ווייסער פירעק פונם נאָנטסטן פויערים-הויז. פון זיין נידעריקן ציגל-קוימען האָט זיך געטראָגן דער רויך אין דינע געקנוילטע וואָלקענדלעך. פון דערווייטנס האָבן זיך געזען נאָך פויערישע הויפן; אַלע האָבן זיי געמאַכט דעמזעלבן איינדרוק מיט זייער קאָמפּלעקע שייערן און פאַרוואַקסענע צוגאָב-בנינים.

פויל, שטייענדיק ביים פענצטער, איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען, אין באַגייסטערטע פאַנטאַזיעס וועגן זיין אַ דערוואַקסענער און וועגן בילאַרד-שפּיל

2

דער פרישטיק איז ביי די בענטאָנס נאָר אין זעלטענע פאַלן געווען אַ דערפרייענדיקער ענין. פוילס מוטער, קאָרא בענטאָן, האָט בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן פרי אויפשטיין, און אַרנאָלד בענטאָן איז געווען איינער פון די מאַסיווע מענער אין די מיטעלע יאָרן, וואָס ווייזן קיינמאָל נישט ביים פרישטיק קיין פריילעכע מינע. פויל איז נאָך סוף-כל-סוף געווען גענוג קינדיש, אַז ער זאָל קיין פּאַראיבל נישט האָבן, וואָס מ׳מוז טאָג טעגלעך, פינף מאָל אַ וואָך גיין אינדערפרי אין שולע.

צווישן פוילן און זיין פאָטער האָט זיך גאַנץ דייטלעך געשפּירט אַ געוויסע אָפּקילונג, אַ שפּאַנונג, בעת זיי האָבן זיך ביידע שווייגנדיק גענומען צו דער האָבערגריץ. דער עפּיזאָד פון נעכטן אין אָוונט איז זיי נאָך ביידע געשטאַנען גאַנץ קלאָר פאַר די אויגן, פוילן שוין אַפילו נישט אַזוי ווי דעם פאָטער. הער בענטאָן האָט געפילט, אַז אַ היבש ביסל צו לאַנג האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן מיט דער דערציִונג פון זיין זון, און אי ט האָט ער קיין עצה נישט, ווי אַזוי דאָס אָנצוהאָבן. ביז אַהער איז ער זיך מיט אים באַגאַנגען לויט אַ גאַנץ פּשוטן דיסציפּלינאַר-סיסטעם; ער פלעגט לאָזן דאָס יונגל טאָן וואָס ער וויל, און זיך אַנעם טאָן צו אים נאָר דעמאָלט, ווען דער מוטערס טענות וועגן דעם נישט געראָטענעם זון האָבן אים, בעתן נאַכטמאָל, געשטערט צו לייענען די אָוונט-צייטונג. דעמאָלט פלעגט ער זיך מיט פוילן אַדורכשמועסן, ווי ער האָט עס גערופן, אויסרעכענען אַלע זיינע עברות פאַר דער גאַנצער צייט און אים מכבד זיין מיט אַ רעכט ביסל קלעפּ אַלס קאָלעקטיווע שטראָף פאַרן עבר. איצט אָבער, וואַרפנדיק אַ באַהאַלטענעם בליק איבערן טיש, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ לאַנגפיסיקן יונגנמאַן, וועלכן

ז׳איז לגמרי אוממעגלעך, מיר נישט דיר נישט, אָנצובויקערן די ביינער. עטלעכע מינוט האָט דערדאָזיקער ענין פאַרנומען ויינע געדאַנקען, צו קיין באַשלוס איז ער אָבער נישט געקומען, און באַלד זיינען אים אַרויף אויפן זין אַ סך וויכטיקערע פראַגן, ווי למשל דאָס, אַז דאָרט אויבן אין דער גראַפשאַפט קלאַרק קאָן מען איצט עפּעס אויפטאָן מיט טראַקטאָרן, און מאָמענטאַל. האָט פאַר אים דער זון מער נישט עקזיסטירט.

אַרנאָלד בענטאָן איז געווען אַ אַרבעטער אין אַ בלעך-פאַבריק ערגעץ אין אַ פּאָרוואָרפּענער, קלאָגעדיקער אינדוסטריע-שטאָט אין שטאַט אָהייאָ. דאָרט האָט זיך דער אומגעשליפענער יונגער מענטש באַקאָנט מיט קאָראַ אַסקינס און חתונה געהאַט. די צייט פון זייער ליבע — אַ פּאָרציע ליאָדעס ווען נישט ווען, אָדער אַ קינאָ — האָט אים דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ בעסערן פּאָסטן: ער איז געוואָרן דער מייסטער צ-אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינען-פאַבריק טאָמפּסאָן. דורגאָך האָט ער רייזיקירט און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אומזיכערער עקזיסטענץ פון אַ פאַרטרעטער. אַלס אומגעווייגלעך ענערגישער מענטש, וואָס האָט באמת געקאָנט גרינגלעך זיין פאַך, האָט ער כסדר פּראָגרעסירט, און איצט נאָך דער לעצטער פאַרגרעסערונג פון זיין קונים-קרייז, האָט ער זיך אָנגעהויבן צרומצוטראָגן, מיט גאָר גרויסע, ביז איצט באַהאַלטענע, אַמביציעס. ס׳זיינען געווען אויסזיכטן אויף אַ גוטן שניט, זיינע אָפּזאַץ-ציפערן זיינען כסדר געשטיגן, און גאָר דרייסטע בי, דער—אַ שרייבטיש-שטול פון עכטן מאַהאָן-האָלץ. אַ פּאָסטן פון אַ וויצעדירעקטאָר — האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן מיטן גאַנצן גלאַנץ. דער טאָמפּסאָן-טראַקטאָר איז פאַר אַרנאָלד בענטאָן באמת געווען אַ סך וויכטיקער ווי זיין איינציקער זון, כאָטש ער וואָלט זיך, נאַטירלעך, אין דעם קיינמאָל נישט מודה געווען.

אויב עמיצער פאַרשטייט בכלל אַ קינדער-געמיט, האָט קאָראַ בענטאָן איר יונגל פאַרשטאַנען, בתנאי, נאַטירלעך, ווען זי זאָל זיך דערויף געווען נעמען צייט. צו איר פלעגט דער

ווייסבלאָנדער קליינער קונדס אין זיין שפּילאַנצוגל תמיד קומען צו לויפן מיט אַ געוויין, ווען ס'איז אים עפּעס געשען און קיינמאָל נישט צום טאַטער

נאָך איר פינפאונדרייסיקיאָריקן געבורטסטאָג, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען אָפּצולייקענען, האָט פרוי בענטאָן אַלץ מער און מער באַקומען אַ שוואַכקייט צו סענסאַציע-ביכער, פילם-זשורנאַלן און קינאָ-באַזוכן, דערביי מוז מען באַמערקן, אַז דער וועסטפּיעלדער קינטאָפּ האָט געשפּילט נאָר דריי מאָל אַ וואָך. זי האָט זיך נאָך גאַנץ גוט געהאַלטן, און אַן אויסגעפּוצטע, פלעגט זי נאָך מאַכן אַן איינדרוק פון אַ רייצנדיק שיינער דאַמע. זי איז געווען אַ לעבנסלוסטיקע פרוי מיט שייגע ציין, און אירע האָר, איידער זי האָט זיי אָפּגעשוירן, האָבן אויסגעזען ווי אַ רויטלעך-ברוינער וואַסערפאַל, און אַפילו איצט זיינען זיי נישט געווען אַזוי גלאַט ווי אַנדערע און טאַקע זייער שיין.

דערשפּירדיק, אַז דאָס יונגל הויבט זיך אָן פון איר צו דערווייטערן, וואַקסט איר איבער, האָט זי זיך שטאַרק באַמיט אים צוריק צו געווינען, דאָס איז איר אָבער נישט געלונגען. ער פלעגט נאָך אָפטמאָל אַרויפלייגן זיין האַנט אויף איר אַקסל, אָבער פון זיין קינדישער „מאַמאַ" איז איצט געוואָרן אַ גראָבער „מאָם" און צייטנווייז פלעגט ער זיך אַפילו נישט שעמען איר אויסצוזידלען. תחילת האָט איר דער כסדרדיקער וואַקסען פון יונגל שטאַרק דענערווירט. שפּעטער האָט זי עס אויפגענומען ווי אַן אוממפאַרמיידלעכע נויטווענדיקייט פון דער נאַטור, איז געוואָרן אויסערגעווינלעך טאָלעראַנט און נאָכגיביק און מילד געלאַכט פון זיינע קליינע צאָרן-אויסברוכן.

אויף איר קיילעכדיקן פּנים איז געלעגן אַ פריינטלעכער אויסדרוק, בעת זי האָט איצט מיט טראַסקען און קלאַפּן אויפגערוימט פון טיש די כּלים פון פרישטיק און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן וואַש-שטיין.

מאַך עס געשווינט, פּויל! גיי אַרויף און זע, דו זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן אין דער זונטאָג-שול — האָט זי אים דערמאַנט.

— אַך, טינוף — האָט פויל אַ מאַך געטאָן, אָבער דעם פאָטערס הויכע שטים האָט איבערגעשריגן זיין פּראָטעסט.

— דו גייסט און טוסט דאָס, וואָס דיין מוטער האָט דיר געזאָגט, און טאַקע וואָס גיכער, האָט ער געקאָמאַנדעוועט מיט אַן איבערטריבענעם אימפּעט. ס׳איז צוואַנציק מינוט אויף ניין, און דו האָסט פאַר דער לעצטער צייט אַזוי אויך דורכגעלאָזן געגוג זונטאָגען.

מיט אַן אמתן פייער האָט זיך הער בענטאָן אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער אומגעריכטער געלעגנהייט, כאָטש וויפיל נישט איז זיך איצט נוקם צו זיין אין זיין זון. ס׳איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

— איצט, ווען דו טראָגסט שוין לאַנגע הויזן און טרייבסט זיך אַרום אין שפּיל-לעכער, האָט ער כיטרע צוגעגעבן, קאָנסטו זיך אויך אַמאָל מטריח זיין אין קירך צום זונטאָג-געבעט. זאָלסט נאָר נישט פאַרגעסן, איך בעט דיך, ווייל איך וועל פרעגן ביים גלח האַמפּטאָן, צי דו ביסט געווען.

פרוי בענטאָן איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע.

— שפּיל-לעכער האָסטו געזאָגט?

— יאָ, יאָ, דערמיט פאַרנעמט ער זיך איצט, — האָט דער מאַן ווייטער געדונערט. היינט איז ער אַהיימגעקומען איינס אַזייגער ביינאַכט.

— אָבער פויל! — האָט די מוטער אויסגעשריען, און איר שטים האָט געקלונגען אַ שטאַרקער פאָרוואָרף.

פאַר הער בענטאָן האָט זיך געהאַנדלט מכח אַ רויקער שעה פאַר זיין זונטיקס-צייטונג. זיך רעכענענדיק דערמיט, האָט ער געהאַלטן פאַר ריכטיק נישט צו באַרירן די פּאַפּיראָסן-פראַגע. דאָס קאָן מען אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל, קיין געלעגנהייט דערצו וועט נישט פעלן.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, מיט אַ באַליידיקטן בליק, איז פויל אַרויפגעלאָפן צוריק צו זיך אין צימער און באַלד ווידער זיך באַוויזן אין זיין אומפאַרמיידלעכן נייעם בלויען אַנצוג. אַ ביליקער שטרוי-הוט מיט אַ העלער באַנד האָט אים צוגעגעבן אַ גע-

וויסן מוטיקן אויסזען, און ביים שפּיגל אין פּאָדערצימער האָט ער פאַרענדיקט זיין טואַלעט.

דער פּיפּיקער יונגערמאַן אין שפּיגל האָט צוגעצויגן זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אין אַ זייט און אויסגעגלייכט דעם נייעם קראַוואַט, וואָס די מוטער האָט אים ספּעציעל אויסגעזוכט. אַ אומגעהייערער וואָרטשען הינטער דער זונטיק־צייטונג אין עסצימער האָט אים אָבער געצוווּנגען וואָס־גיכער צו מאַכן פיס.

אין דער זונטאָג־שול האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער טומל, ווייל אַ גרויסער עולם האָט נאָך נישט געהאַט געזען פּוילס ערשטן אָפיציעלן דערשיינען אין די לאַנגע הויזן מיט אַן אָוונט פריער. זיין פאַרענדערטע געשטאַלט איז איצט געוואָרן דער ציל פון אַלעמענס בליקן, אָבער אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך דערשפּירט שרעקלעך אומבאַקוועם, פּונקט ווי זיין לייבוועש זאָל אים שטאַרק בייסן. ווער ס׳קומט זעלטן אין קירך איז תמיד אַ צייט לאַנג דער אָביעקט פון אַלגעמיינעם אינטערעס. פּויל האָט זיך געדרייט און געקאָרטשעט און זיך געווונטשן דעם טויט. ער האָט דייטלעך געשפּירט ווי יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען נעמען זיי פון אים די אויגן נישט אַראָפּ; מיט נייגעריקע, פריינטלעכע, דורכשטעכנדיקע בליקן קוקן זיי אים אַריין טיף אין זיין נשמה. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער באַמערקט באַהאַלטענע געלעכטערס. דער גלח פון אַלטאַר האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס מיט שרעקלעך בייזע בליקן. אויף אַ באַנק הינטער פּוילן האָט אַ צעניאָריקער ראָצער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און געכאַפּט פון פאָטער איבערן פּיסק... איצט האָט שוין דער עולם פון אַלע זייטן געלאַכט גאַנץ אָפן; דער גלח איז כסדר געוואָרן צעקאָכטער, און אַן אַלטער מאַן אין דער צווייטער העלפט קירך האָט זיך געטרייסלט פון כעס, מיט אַ פלאַמענדיקן פּנים האָט ער געוואָרפן בייזע בליקן אויפן גאַנצן אַרומיקן עולם.

פּויל איז געשטאַנען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. זיצן רויק האָט ער נישט געקאָנט; ער האָט געקניפּן די פיס, גע-

מאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער איז כלומרשט שטאַרק פאַראינטע־רעסירט מיטן גלחס דרשה און האָט זיך פאַרגענומען צו זיצן רויק; ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן; אין אַ פּאַנישער שרעק האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן: אומעטום רייען זיצנ־דיקע מענטשן און אויגן, הונדערטער נייגעריקע, חוזקדיקע אויגן. ער האָט געהאַט בדעה אויפצושפּרינגען און אַנטלויפן, און דאָ האָט אים אַ פּויערטע, זיצנדיק לעבן אים, אַ שטאַרקן שטויס געטאָן און געברומט: „דעם הוט אַראָפּנעמען!״

פויל האָט אַזוי געשווינט און ענערגיש אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דעם הוט, אַז דאָס שטרוי האָט געקנאַקט. שטייף ווי אַ סטאַטוע איז ער געזעסן אויפן אָרט, און זיין האַרץ האָט געהאַקט ווי די פּאָדקעוועס פון צעווילדעוועטע פערד.

די נייגעריקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן צו שטומע אָדער האַלב־הויכע געלעכטערס, זיינען אָבער תיכף געוואָרן גלייכגיל־טיק און איינס נאָכן אַנדערן זיך אָפּגעקערט. אַרום אין זאַל האָבן זיך די מענטשן באַפרידיקטע צוריק אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּלעצער. אויך דער גלח האָט צופרידן געשמייכלט און פריי אָפּגעאָטעמט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער גאַנצער אינ־צידענט געווען דערליידיקט, פאַר אַלע, אָבער נישט פאַר פויל בענטאָן.

געשפּאַנט און טרויעריק האָט ער אויסגעהערט די דרשה ביזן סוף. אַז דער עולם איז זיך צעגאַנגען, כדי זיך איינצו־טיילן אויף די ביבל־קורסן, האָט זיך אויך פויל אויפגעהויבן ווי מיט געליימטע גלידער. זיין העמד איז געווען פיטשנאַס און אינעווייניק אויף זיינע הענט האָבן אַ גאַנצע רייע פּורפּור־רויטע האַלבע־לבנות אָנגעצייכנט די ערטער, וווּ ער האָט זיך צעביסן די פינגער־נעגל ביז אין פלייש אַריין. די ליפּן פעסט צונויפ־געפּרעסט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין אומעטיקן צימער אַריין, וווּ די יונגלעך האָבן געהאַט זייער ביבל־לעקציע. מיט איין בליק האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דער רוב טראָגט קורצע הויזן. דעמדאָזיקן מיאוסן פאַקט האָט ער זיך גופא באַמיט אויפצוקלערן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער טרייסטלאָזער לעקציע. מיט נישט

קיין רויקן געוויסן האָט ער זיך צוגעהערט צום לערער, אַ גע-וועזענעם לאַנדווירט, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו לערנען די ביבל מיט אַ צענדליק צעלאָזענע יונגלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט קיין עצה געבן. קיין איינציקער פון די אָנוועזנדע, מיטן לערער בתוכם, האָבן נישט געהאַט קיין שום פעסטע באַגריפן וועגן גאָט און רעליגיע, און דערצו האָט נאָך דער געוועזענער לאַנדווירט געמוזט שטאַרק מדקדק זיין, ס'זאָל זיך אים חלילה נישט אַרויסכאַפּן קיין שום אָריגינעל וואָרט, וואָס די יונגלעך זאָלן עס נישט קאָנען אַוועק-טראָגן צו זייערע עלטערן.

אויף דער זונטאָג-שול האָט פויל בענטאָן זיין גאַנץ לעבן געקוקט ווי אויף אַן אומפאַרמיידלעכע צרה, וואָס איר איינצי-קער גוטער שטריך באַשטייט דערין, וואָס זי קומט פאָר נאָר איין מאָל אין וואָך און אָפטמאָל גיסט גראָד דאַן אַ רעגן. זיין מוטער איז בנוגע רעליגיעזע ענינים—צו זיין גרעסטער פרייד — געווען לחלוטין אינדיפערענט. דער פאָטער האָט געהערט צו יענע שטרענג קירכלעכע לייט, וואָס גייען פסח און ווייַנאַכט אויב ס'איז אַ גוטער וועטער צו די יום-טוב תפילות, און דאָס איבעריקע זיינען זיי בנוגע זייערע רעליגיעזע פליכטן שוין יוצא מיטן לייענען דאָס זונטאָג-בלעטל.

ווען מ'זאָל שטרענג אַנאַליזירן פוילס רעליגיעזע באַגריפן בכלל, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס: ס'קאָן נישט שאָדן, אַז עמיצער לייענט די ביבל, און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ליבן גאָט איז עס אַ געוואַלטיק גרויסע, לוסטיק געשטימטע, נעפּלהאַפטע געשטאַלט מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, פעיק צו געבן יעדן איינעם אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט.

נאָך דער זונטאָג-שול האָט פויל אָנגעהויבן קלערן אַהין און אַהער, צי זאָל ער מקיים זיין דעם פאָטערס באַפעל און בלייבן איבערן זונטאָג-געבעט. אויב דער אַלטער האָט זיך אַזוי געקאָכט איבער אַביסל ביליאַרד, האָט ער געקלערט, איז טאַקע גלייכער, כ'זאָל אים צוליב טאָן און בלייבן. און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין קירך, מיט גלעזערנע אויגן און נישט

געחערט קיין האַרץ.

נאָך דער דרשה האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיטן עולם ארויס־געדרוקט פון קירך, באַגריסט דאָ און דאָרט עמיצן פון די זונטאָג־דיק אויסגעפוצטע דאָרפישע באַקאַנטע און פון גרויס שמחה, וואָס ער געפינט זיך ווידער אויף דער פרייער לופט, האָט ער לגמרי פאַרגעסן צו קלערן מכוח זיינע לאַנגע הויזן. באַלד האָט ער זיך אָבער גאַנץ דייטלעך ווידער אָן זיי דערמאָנט, ווי נאָר עס האָט זיך פלוצלינג לעבן אים באַוויזן אַ שוואַרצהאָריק יונג מיידל.

— גוט מאָרגן, מאַרי, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געקינצלטן קאָנווערסאַציע־טאָן, — דו גייסט אויף אַהיים?

— אַ, דאָס ביסטו פויל! — אַ צופרידענע האָט זי זיך צעלאַכט.—אָבער זאָג נאָר, דו זעסט, באמת, אויס מעכטיק גרויס אין דיינע לאַנגע — אין דיין נייעם אַנצוג! איך קאָן זיך וועטן, אַז אַלע וועלן דיר געבן גאַנצע אַכצן יאָר.

— דו מיינסט אַזוי? גו איינדע־אמתן, בעת איך גיב אַ טראַכט — נעכטן בין איך דעם גאַנצן אָוונט געווען ביים ביל־יאַרד־שפּילן, און פּאָפּ טורנער, פאַרשטייסטו, ער איז דאָך אַ ריכ־טיקער מבוול... קיינער אונטער אַכצן יאָר טאָר נישט אַריינקומען.

מאַרי באַרטמאַן איז געווען אַ שטאַרק געבויטע רויטבאַ־קיקע ברונעטין. זי איז געווען פּוילס מיידל, אויף אַזוי פיל, וואָס ער פלעגט גיין מיט איר (דווקא צופוס) אויפן יערלעכן שול־יום־טוב. ער איז געזעסן נאָענט פון איר אויף אַ שטח פון צוואַנ־ציק צענטימעטער, זיך געשפּירט אומבאַקוועם, אַרומגערינגלט מיט קירבים־טאָרטלעך און עפּעל־וויין און געהאַט פון זיך גופא אַ גרויסאַרטיקן איינדרוק.

ביידע האָבן זיי זיך געמיטלעך געשלעפּט איבערן זון־באַ־שפּרענקלטן טראָטואַר. פויל האָט גערעדט מיט אַביסל אַן אומ־נאַטירלעכן טאָן און האָט דערציילט נסים ונפלאות פון זיין גע־לונגענער נאַכט־אַוואַנטורע אין שפּיל־זאַל.

— און אַט זאָגט צו מיר בוק: „קום אַהער, לאָמיר שפּילן נאָך אַ פּאַרטיע אויף פינף דאָלאַר".

— זאָג פויל, האָט אים מאַרי פלוצלינג איבערגעהאַקט אויף

אַ העפלעכן און באַשטימטן אופן, לויטן שטייגער פון אַ שטאַרק געבויטער ברונעטער מיידל, — וואָס טרייבסטו זיך עפּעס לעצטנס אַרום מיט אַזעלכע אויסגעלאַסענע יונגען ווי גוס מולעט און דעם יונגן וואָרלעי?

— דו, זיי זיינען גאָרנישט אַזוי צעלאָזן. זיי זיינען נאַר, ווי זאָל איך דיר זאָגן, נישט אַזוי שטאַרק איבערקולטיווירט.

ער איז אַליין געווען פריידיק איבערראַשט, ווי געשיקט ער האָט אַרויסגערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט. וואָס דאָס באַדייט אייגנטלעך, האָט ער גענוי נישט געוווּסט, אָבער מאַרי האָט אים אַזוי באַוווּנדערנדיק אָנגעקוקט, אַז ער איז געווען פולשטענדיק צופרידן. ער האָט עס איבערגעחזרט פאַר זיך — „אי-בער-קול-טי-ווירט" — און זיך עס אָנגעמערקט אויף שפּעטער.

מיט מאַרין האָט ער זיך אָפּגעזעגנט פאַר דער טיר פון גע-מויערטן הויז, וואָס ביל באַרטמאַן האָט זיך אויסגעבויט פאַר די ריווחים פון זיין אייזן-האַנדל.

— ווידערזען, מאַרי.

— ווידערזען, פויל.

ער איז אַוועק מיט פעסטע טריט, האָט געלעקט די ליפּן און זיך פאַרגעשטעלט די געבראָטענע הינדלעך, וואָס וועלן שטיין אויפן טיש, אַז ער וועט קומען אַהיים.

3

ווי שלעפעריק פאַרגייען די זונטאָגדיקע נאָכמיטאָגן, ווען מ'טוט נישט מער ווי עסן און ווידער עסן. פויל איז געזעסן אין גאַסטצימער אויף דער פאָדלאָגע און זיך אַרומגעשלאָגן מיט דער זונטאָג-צייטונג צווישן שלאָפן און וואַכן.

צום סוף האָט ער אַ נעם געטאָן פּאַפּיר און אַ בלייפע-דער און אָנגעהויבן צייכענען בילדער. ער האָט שאַטירט, אויס-געמעקט, געקריצט און דאָס האָט בײַ אים אָפּגענומען אַ האַלבע שעה צייט, דערבײַ איז זיין צונג געווען אַזוי טעטיק ווי דער בלייפעדער. די צייכנונגען האָבן געהאַט קנאַפּ וואָס ענלעכקייט מיט די מוסטערן, אָבער לויט געוויסע שטריכן האָט מען גע-

האָט דערקענען, אַז דאָס יינגל האָט קינסטלערישע פעיִקייטן, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון פעקל צייטונגס-פּאַפּיר, אויף וועלכן ער איז געלעגן און זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג.

ער האָט נישט געהאַט קיין געלט, איז געווען יום-טובדיק אויסגעפּוצט, אים איז געווען לאַנגוויילים. נעמענדיק אין באַ-טראַכט דידאַקטיק דריי אומשטאַנדן, האָט פויל געקלערט, ווען זיין דאָס קלוגסטע אַוועקצוגיין אין שטאָט און אַביסל אַ הוליע טאָן.

דער פּאָלקסטימלעכער אויסדרוק „אַרומהוליען" איז אַ מין אומבאַהאָלפענער, הינקעדיקער „בלשון סגי-נהור", וואָס דאַרף באַצייכענען אַ זייער קאָמפּליצירטע זאַך. ווער ס'איז נאָר אַ געניטער הוליאַק שלעפּט זיך אַוועק תיכּף נאָך אָוונטברויט אין שטאָט אַריין און טרעפט זיך דאָרט מיט זיין ספּעציעלער חברה. אין יעדער פּראָווינץ-שטאָט פון אַ טויזנט איינוווינער זענען פאַ-ראַן אַ רייע לויזע פאַרבאַנדן, וואָס קלויבן זיך אויס זייער שטאַנדקוואַרטיר אין אַ געוויסער מאָס לויט זייער פּראַקטישן קוקפּינטל, ווו מ'קאָן אַמבאַקוועמסטן זיצן און שפּייען אין סופיט אַריין. שפּילזאַלן און גאַראַזשן האָבן תמיד אויף דעם אופן אַ האַלבן טוץ אומבאַצאָלטע איבערגעגעבענע יונגע קרעפטן. שטאַרק באַליבט פאַרן דאָזיקן צוועק זענען אויך פליישׁ-געוועלבער, שענק און רעזערוואַרן-פּלעצער. קוים איז דער הוליאַק אַריינגעשטויסן אין זיין גרופּע, פאַלט ער אַריין אין אַזאַ מערקווירדיקן צו-שטאַנד, וואָס קאָן העכסטנס באַצייכנט ווערן אַלס טיילווייז גע-שטערטע אונטערנעמונגס-לוסט. ער רויכערט געמיטלעך און פירט אַ טאַנצנדיקן שמועס, מאַכט אָבער דערביי דעם איינ-דרוק, אַז ער איז גרייט יעדן מאָמענט צוצוטרעטן צו וועלכער נישט איז אונטערנעמונג, וואָס זאָל אים אונטערקומען אונטערן האַנט. אָבער דאָך האַנדלט ער, אייגנטלעך, נישט געשפּאַנט, אָדער וואַרטנדיק אויף עפּעס — ניין, ער הוליעט.

פויל האָט זיך, הייסט עס, אַוועקגעלאָזן אויפן לאַנגן וועג פון זיין וווינונג אין שטאָט אַריין.

וועסטפּיעלד האָט זיך פולשטענדיק געפונען אונטערן איינ-

פלוס פון דעם אונטערן נאָמען זונטיק באַקאַנטן שלאָפמיטל. די אומגעלומפערט גרויסע הייזער אויף דער הויפטגאַס זענען געווען טונקל און פוסט. אַ פּאָר פּאָרדוואָגנס מיט אָנגעצונדענע רעפלעקטאָרן האָבן זיך מיט אַ גערויש געטראָגן צו דער שטאָט צו. דאָס זענען געווען גאָטספּאָרכטיקע דאָרפסלייט אויפן וועג צו די אָוונט־תּפֿלות. אומבאַהאָלפן זענען זיי געזעסן אין זייערע טרייסלענדיקע פּאָרדוואָגנס.

פויל האָט זיך צוגעקליבן צו אַ גרופּע, וואָס האָט זיך באַזעצט פאַרן פליישגעוועלב. דאָס זענען געווען ייִנגען, וואָס פרייוויליק אָדער קעגן זייער ווילן זענען זיי הייַנט־קן אָוונט געבליבן אָן ראַנדערוווּען.

— סערוווּס! — האָט פויל קורץ געגריסט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָ האָבן זיך געפונען סנאַג וואָרלע, נוי קאַנע, דעם באַנקירס בכור; מוטט יענקינס, סנוט האַרטמאַן און אַ פּאָר דאָרפס־ייִנגען, גרויס ווי די אָקסן, וואָס האָבן ליאַרעמדיק געקייט טאַבאַק און געוואַלטיק געשפּיגן איבערן טראָטואַר אין רינשטאָק אַריין.

אַלבערט האַרטמאַן, מיטן נאָמען „סנוט", איז געווען דער שיפּישער, געניצל־פאַרדאָרבענער קליינשטעטלדיקער גימנאַזיסט, ער איז געווען אַ שיינער קליינער שד, פלינק און נעשיקט און האָט פאַרשטאַנען אין געהעריקן מאָמענט אָנצונעמען אַן אומשולדיקע מלאָכים־מינע, און אַ דאַנק דעם איז אים ביז אַהער געלונגען אויסצומיידן די דימיטירונג*), זיינע דריי הויפּט־קונצשטיקלעך — די מעשה מיט גערטרודע הומפּריס, די זויפעריי אין לינוויל און די געשיכטע מיטן רעליגיע־לערער האָבן אים נישט אומזיסט געמאַכט פאַר דער גלענצנסטער און וויכטיקסטער דערשיינונג אין אונטערקלאַס פון גימנאַזיע. ער איז נישט געווען געוויקסיק, האָט געהאַט אַ פּנים פול פרישצעס און געראָכערט ווי אַ הויכער קוימען.

— האַלאָ, סקיטער, — האָט ער באַגעגנט פוילן מיט אַ ליאַרם, — האָסטו מיטגעבראַכט עפּעס צום טרינקען!

נאַטירלעך האָט ער געוווּסט, אַז פויל האָט גאָרנישט, אַני

---

*) דימיטירונג—דאָס אויסשליסן פון שול.

דערש וואָלט ער נישט געפרעגט, ווייל אַזעלכע חברה-לייט ווי ער האַלטן שטאַרק פון בלאָפן.

— ניין, — האָט פויל געשצירעט די ציין, אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער לאַנגער באַנק לעבן מוטט יענקינס,— וואָס האָט מען בדעה היינט אין אָוונט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ווילייגעריש.

— אַך, אונזער עיפּושדיקע געסט איז דאָך אַזוי טויט, ווי אַ צעטרעטענע זשאַבע! — האָט מוטט פאַרביטערט געענט-פערט.

מוטט איז געזעסן אין דעם עלטער, ווען אַ סך קליינ-שטעטלדיקע בחורים קלויבן זיך אַוועקצולאָזן אין דער פרעמד און קיין שום אַנדערע זאַך האָט ער טאַקע אין זינען נישט געהאַט.

— ווען ס'זאָל שוין אַמאָל קומען דער סעמפּטעמבער — האָט סנוט געזיפצט. — דאַן וואָלט מען לפּחות געקאָנט צוגנבע-נען אַ פּאָר מעלאָנען.

— און באַקומען אַ ריכטיקע פּאַרציע קלעפּ — האָט גע-מורמלט גוס, דערמאָנענדיק דערמיט אָן אַ לאַנג פּאַרגעסענע אַוואַנטורע, וווּ ער גופא האָט מיט זיין הינטערפּראָנט געשפּילט אַ גאַנץ פּראָמינענטע ראָל.

— איך וויל אייך זאָגן, וואָס מיר וואָלטן פּאַקטיש און באמת געקאָנט טאָן, — האָט אָנגעהויבן סנוט, — מיר וואָלטן זיך געקאָנט ווי ס'דאַרף צו זיין אָנכלאַיען.

— און מיט וואָס? — האָט סאַרקאַסטיש אַ פרעג געטאָן סנאַג וואָרלעי.

— און ביים אַלטן האַמפּטאָן צולאַטכענען אַ פּאָר הינער, און זיי איבערדריין די העלדזעלעך און מאַכן אַ געשמאַקן בראָטן.

אָבער אַ מאָדנע זאַך: קיינער, ווי ס'האָט אויסגעזען, איז נישט געווען הונגעריק.

לאָמיר אַלע אַריבערגיין קיין לינוויל, — האָט פּראָפּאָ-נירט נוי קאַנע, — דאָרט קאָן מען לעבן אַ טאָג מיט אַ גרוי-סער חבריה.

— ניין, זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין! — האָט זיך סנוט געמאַכט גרויס. — דער שפּיצעל אין לינוויל האָט מיך שוין אָן דעם אויך אויפן אויג, ווייל איך האָב דעמאָלט, בעת אונזער זויפעריי, צעבויקערט די ביינער אַ האַלבער שטאָט מענטשן.

די מעשה איז געווען גאַנץ ווייט פון אמת, ווייל דער לינגווילער שטאָט-פּאָליציסט האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן הער גימנאַזיסט, וואָס איז אָפּגעלעגן די גאַנצע נאַכט, ווי אַן עלנט הינטל אויף דער פּאָדלאָגע פון אַ שטייענדיקן פאָרדוואָגן.

סנאַג וואָרלעי האָט זיך געגעזעגנדיק אַ הויב געטאָן.

— יאָ, איך מוז גיין. איך דאַרף מאָרגן פרי זיין אויפן פעלד.

סנאַג האָט יענץ יאָר פאַרלאָזן די שולע, און די לערער האָבן נישט געלאָזן נאָך אים קיין איינציקע טרער. פּאַמעלעך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אויפן וועג אַהיים, אַ האַלבן מייל אין דער דרום-ריכטונג, ווו ס׳האָט זיך געפונען וואַרטלעיס פאַר-אָרעמטע כאַטע.

די אונטערהאַלטונג האָט זיך שווערלעך געצויגן און איז באַלד איינגאַנצן איינגעשלאָפן. שווייגעדיקע און מיט שווערע טריט האָבן זיך די דאָרפס-יינגען איינער נאָכן צווייטן אָפּגעטראָגן.

ס׳איז געוואָרן שטאַרק טונקל, און באַלד איז די גאַנצע באַלויכטונג באַשטאַנען בלויז פון דער איינציקער באַרנע אין יוּוועליר-געוועלב און פון די פאָר אָרימע גאַסן-לאַמטערנעס. אויך מוטט יענקינס האָט זיך באַלד אָפּגעזעגנט, שעלטענדיק מיט טוי-טע קללות גאַנץ וועסטפיעלד, אָנהויבנדיק פון ערשטן תושב ביז אויפן היינטיקן אומעטיקן זונטאָג-אָוונט. פויל האָט באַהאַלטן זיין געגנעצן. און ס׳איז ערשט געווען נישט מער ווי האַלב אַכט. יואָס האָט ער אָלץ נישט אויסגערעדט: וועסטפיעלד איז אַ טוי-טע נעסט אַפילו זונטאָג-אָוונט, אויב מ׳האָט נישט קיין ראַנדע-ווו, און ס׳פעלט געלט זיך אַריבערצוטראָגן אין יענעם קלאַסישן

צושטאַנד, וואָס אויפן זשאַרגאָן פון דערדאָזיקער געגנט האָט עס געהייסן „שכור ווי אַ נאַכטוועכטער".

ס'זענען נאָך געבליבן פון זיי פיר. אַ געדויש האָט זיי אוועקגעשטעלט אויף די פיס און אַלע האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן מיט אימפעט אין דעם נאָענטסטן זייטיקן געסל. אַן אַלטער אָפענער פאָרד איז אָנגעפאָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיינע לאָמפּן האָבן באַלויכטן די אויסגעשטאָרבענע געשעפטסהייזער. בוק און לאַרי זענען געזעסן אין אויטאָ.

— נו, איר האָט דאָך געהאַט אַזעלכע גרויסאַרטיקע פּלענער, חברהלייט! צי האָט זיך אייך נישט געוואָלט איבערכאַפּן מיט אַ פּאָר מיידלעך קיין לינזויל? — האָט געחוזקט לאַריס קליינער ברודער, נאָכדעם ווי דער מאָטאָר האָט אויפגעהערט ברומען.

— יאָ, שנעקן! זיי האָבן שוין געהאַט געזעלשאַפט, — האָט אַ זאָג געטאָן בוק, זיך שטיקנדיק פון געלעכטער.

— מאַכט נאָר נישט אייערע הינטישע שטיק! פּונקט ווי זיי זאָלן האָבן געווען דאָרט אויבן! — האָט סנוט ווייטער געחוזקט.

לאַרי האָט זיך מכין געווען דעם קליינעם צו דערלאַנגען. אָבער סנוט האָט זיך צו דער רעכטער צייט אַראָפּגעבויגן, באַלד לאַכנדיק זיך ווידער באַוויזן און אַ שטראַלנדיקער דערקלערט:

— איצט וועלן מיר צוזאַמען ערגעץ ווו פאָרן. דו האָסט געגנוג בענזין — דו מיינסט, אַז איך האָב נישט געזען ווי דו האָסט הינטנאַרום אַפּערגעצויגן צוואַנציק ליטער, בעת פּאַ איז געווען ביים עסן.

— האַלט ס'מויל! — האָט לאַרי געדונערט.

סנוט האָט בלויז נאָך אומפאַרשעמטער זיך געשטיקט פון לאַכן און איז אַרויפגעקראָכן אויפן פרייען פאָדערשטן פּלאַץ. פוילן און די צוויי אַנדערע האָט ער מיט אַ האַנטבאַוועגונג פאַרבעטן זיך צו זעצן אויף די הינטערשטע פּלעצער. נישט לאַנג

קלערנדיק, האָבן זיי זיך אַרײַנגעכאַפּט, נישט רעכענענדיק זיך מיט די שפּרינגפעדערן פון אויטאָ, וואָס האָבן זיך אין שרעק געבויגן אונטער דער אומגעוויינטער משא פון זעקס פּערזאָן.

מיטן קנאַפּל האָט בוק אַ האַק געטאָן אין רודער, דער מאָטאָר האָט זיך תיכּף אויפגעכאַפּט צום לעבן און אויפגעהויבן אַ קאַנאַקעריי, אַז די אָנגענעמע זונטאָגס־רו האָט זיך אָפּגעטראָגן אין אַלדע רוחות, און מיט שטורם און געוואַלטן האָט זיך דער שווינדזיכטיקער אַלטער פאָרד, אַ שווער אָנגעלאָדענער, געקייקלט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

4

סנוט האַרטמאַן האָט קודם כּל אָנגעהויבן פון זינגען יעדנפאַלס איז באַלד דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פון הייזעריקע העלזער האָט זיך געטראָגן אַזאַ דיסהאַרמאָנישער געזאַנג איבערן לינווילער וועג, אַז די באַצייטנס אַהיימגייענדיקע פּויערים זענען אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כּעס. די זעקס ייִנגען האָבן זיך געריסן פונקט אַזוי התלהבותדיק ווי פאַלש און האָבן זיך געוואָרפן אין טאַקט אַזוי האַסטיק אַהין און צוריק, אַז דער וואַקלדיקער פאָרד האָט געפערלעך אַרומגעטאַנצט אויפן זאַמדיקן וועג און צוויי מאָל שיר נישט אַריין מיט די הינטערשטע רעדער אין גרובן. נישט געקוקט אויף דעם האָט בוק לגמרי נישט געהאַט בדעה אַראָפּצורוקן דעם גאַזהעבל פון זיין געשווינטקייט כאָטש אויף אַ האַלבן צאָל. דער וואָגן האָט געמאַכט משוגעגע שפּרונגען און געקרעכצט אין אַלע זיינע שפּאַלטן, און די שוואַכע טירלעך זענען כּסדר געפלויגן און ליאַרעמדיק געהאַקט אין די זייטן־ווענט.

ענדלעך האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט ביים עק פון דער איינזאַמער דאָרף־גאַס און לאַררי האָט געקאָמאַנדעוועט:

— אויפשטיין!

די דריי, וואָס זענען געזעסן פאָרנט, זענען אויפגעשטאַ-

נען. לאַררי האָט אויפגעהויבן די קישעלעך און אַרויסגענומען עפּעס אַ שווערע זאַך. דערנאָך האָט ער זיי צוריק אַוועקגעלייגט אויפן אָרט און די דריי האָבן זיך צעזעצט. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. מ׳האָט געהערט דעם פּוסטן קנאַק פון אַ פּראָפּן, וואָס שפּרינגט אָפּ פון אַ בּרויזנדיקן געטראַנק. דאַן האָט לאַררי אויפגעהויבן אין דער הויך אַ דרייליטערדיקע פלאַש, געמאַכט אַ פיינעם לחיים און דערלאַנגט יענע, וואָס זענען געזעסן פון הינטן.

גוס מולעט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, שווייגנדיק צוגעטראָגן די פלאַש צום מויל און גיריק צוגעדריקט די גראָבע ליפּן צו דער עפענונג. מיט אַ משוגעדיקער אויפרעגונג האָט זיך פיל צוגעקוקט ווי מולעטס גראָבער האַלז האָט זיך רעגמעסיק באַוויגן. דערצו האָט ער געהערט אַ לאַנגזאַמען פערמאַנענטן גאָרגלען און שלינגען, אַ כלאָפּטשענדיקן גערויש פון טרינקען.

גוס האָט געטרונקען און געטרונקען, ס׳איז ממש געווען צו באַוואונדערן. ענדלעך האָט זיך לאַררי צו אים איבערגעבויגן און אַרויסגעריסן פון האַנט די פלאַש.

— הזרישע קאָפּ, — האָט ער אים געזידלט, — לאָז פאַר נאָך עמעצן!

איצט האָט זיך סנוט האַרטמאַן מיט גרויס הרחבה גענומען צום טרינקען. ער האָט געכליאָפּטשעט מיט אַ סדר, און ס׳האָט געדויערט שרעקלעך לאַנג ביז ער האָט אָפּגעגעבן צוריק די פלאַש, אָבער אַ מומחה אַ טרינקער האָט געקאָנט באַמערקן, אַז דער אינהאַלט פאַרמינערט זיך מוראדיק קנאַפּ.

דערנאָך האָט ערשט פיל באַקומען אין האַנט אַריין די קאַלטע, קלעפּעדיקע פלאַש. אַ גאַנצע קייט פון עמאָציעס האָט אים אַדורכגענומען בליצשנעל. קודם כל האָט ער דערשפּירט אַ פּאַנישע שרעק, אַ קינדערשע מורא פאַר אַן עובדה, וואָס ער האָט געוווסט, אַז מ׳טאָר עס נישט טאָן. אין דעם מאָמענט האָט ער דערזען ווי לאַררי האָט שטאַרק הנאה פון זיין וואַקלען זיך־סנוט, לעבן אים, האָט גאַנץ אָפּן געהוזקט, גוס האָט זיך באַ-

רעקט, ווי אַ קאַץ און נוי קאַנע האָט אים מיט פּאַראַכטונג אָנגעקוקט. באַלד האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ ברענענדיקער צאָרן אויף זיין אייגענער פּחדנות. פּלוצלינג איז אַלץ לגמרי אַנדערש געוואָרן: איך בין אַלט זעכצן יאָר, טראָג לאַנגע הויזן, דאָס וואָלט דאָך נאָך גאָר שענער געווען! האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, ניין, ער האָט עס געקלערט, ער האָט עס בלויז גע-שפּירט, האָט צוגעטראָגן צום מויל די פלאַש און דערלאַנגט אַ שרעקעוודיקן זופּ.

אין משך פון דער גאַנצער צייט איז בוק געזעסן אָפּגע-קערט פון די איבעריקע און געהאַלטן דאָס פּנים נאָענט איבערן שטייער-ראָד.

די משקה האָט געהאַט עפּעס אַ מין ביטער-זיסן טעם און שרעקלעך געברענט ביים אַראָפּשלינגען. פויל האָט שווער גע-אָטעמט, מיט אַלע כּחות זיך אָנגעשטרענגט איינצוהאַלטן דעם הוסט, האָט געשפּירט ווי די אויגן גיסן זיך אים אָן מיט טרערן און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ווי נאָר ער האָט אָפּגע-כאַפּט צוריק דעם אָטעם, האָט ער אַרויסגעמורמלט דאָס וואָרט, וואָס לויט אַ געהיימען אָפּמאַך, מוז עס אין דעמדאָזיקן מאָ-מענט געזאָגט ווערן:

— פּרימאַ!

אין פלאַש איז געווען אַ גענוג שוידערהאַפטע צונויפמי-שונג פון זויערן עפּלזאַפט, צמוקים-ברייַ און געפעלשטן וויין. דערצו אַ געהעריקער צוזאַץ פון אַלקאָהאָל, הויכפּראָצענטיקן, דעסטילירטן קאָרן-בראָנפן, וואָס האָט אַמאָל געקאָסט גאַנצע זעקס דאָלאַר אַ פּערטל.

לאַררי האָט זיך געהייסן דערלאַנגען די פלאַש, האָט גע-טרונקען נאָכאַמאָל און איבערגעגעבן נוי קאַנען.

— ניין, — האָט זיך יענער ענערגיש אָפּגעזאָגט.

— נו, וואָס אַזוינס איז מיט דיר געשען? -- האָט גוס אויסגעשריגן.

— קום אַהער, מאַך אונז נישט צום נאַר, האָט לאַררי אַ זאָג געטאָן מיט גרויס פּאַראַכטונג.

— דער בוק האָט פולע הויזן — האָט סנוט געמורמלט צו זיך אַליין.

נוי האָט געלאַכט, איז אָבער געבליבן ביי זיינס.

— דאָס ווייסט איר דאָך אַלע, אַז איך טרינק נישט, — האָט ער דערקלערט, — און אויב איר האָט עס נאָך נישט באַגריפן, קאָן איך אייך גאָרנישט העלפן. פון מיינעטוועגן מעגט איר זיך אָנזויפן מיט אַ גאַנצער וואַנע, דאָס איז אייער זאַך, אָבער מיך לאָזט געמאַך.

לאררי און סנוט האָבן אים שווייגנדיק אָנגעקוקט. ביים שוואַכן לבנה-שיין האָבן זיך אויף זייערע פּנימער געזען אַן אויסדרוק פון אַ ייִנגלשן עקל. באַלד האָט גוס מולעטס לויזע צונג איבערגעהאַקט דאָס פּיינלעכע שווייגן.

— נו, גענוג, אַז ער וויל נישט, דאַרף מען נישט. מיר שמעקט עס!

ער האָט אַ נעם געטאָן די פלאַש און אויפסניי זי צוגעטראָגן צום מויל.

ווידער זענען אַוועק עטלעכע מינוט מיט פּייערלעכן טרינקען און רייסן די מיילער. דערנאָך האָבן די ייִנגלעך פּאָרנט אַריינדערלאַנגט, די פלאַש הינטן אין וואָגן און געהייסן גוסן אויסטרינקען די שמוציקע שיריים. בעת ער איז נאָך געווען דערמיט פאַרנומען, האָט זיך פון מערב זייט דערנענטערט אַ פרעמדער אויטאָ און זיי באַלויכטן מיט זיינע רעפלעקטאָרן.

אָגשטאָט די פאַרעטערישע פלאַש צו באַהאַלטן, ווי ס'האָט געפאָדערט דער פּשוטער שכל, האָט זי גוס כּסדר געהאַלטן אין דער הויך און געטרונקען ביים פולן שיין פון די כּסדר נענטער צוקומענדיקע רעפלעקטאָרן. סנוט האָט האַרציק געלאַכט און אַ נעם געטאָן די פלאַש, כּדי אַלע זאָלן זען, אַז ער האָט אויך מיטגעטרונקען.

— אַוועק מיט דער פלאַש, זאָג איך! — האָט בוק געליאַרעמט — איר ווילט דווקא מ'זאָל אונז אַלע אַריינפּאַקן.

אָבער גוס האָט געבריוקעט ווי אַ חזיר און געטרונקען ווייטער.

ביים וואָרט „אַריינפּאַקן" האָט פּויל געשפּירט ווי זיין פּאַ־ נישע אַנגסט פּאַרטאָפּלט זיך. ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעריסן ביים גראָבן גוס די פלאַש פון מויל. בעת ער האָט זי נאָך געהאַלטן אין האַנט, נישט ווייסנדיק וואָס דער־ מיט צו טאָן, איז דער פרעמדער אויטאָ פאַרבייגעפלויגן.

ער האָט נישט באַוויזן צו זען, אַז דאָ איז פאַרבייגעפאָרן מאַרי באַרטמאַן, אָנשטעלנדיק אויף אים אַ פּאָר אויגן.

5

אַרום אַכט אַ זייגער זענען זיי אָנגעקומען קיין לינוויל, אָבער נישט געקוקט אויף דער בעסערער באַלויכטונג, איז דער געמישטער געזעלשאַפט דאָ נישט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן. גוס איז געווען פולשטענדיק בלוי, סנוט האָט געהאַלטן אין איין רעדן אויפן קול גאָרישע וויצן, נאָר כדי צו באַווייזן זיין גרויסקייט; לאָררי איז געווען צעהיצט און האָט זיך געכעסט בלויז פּויל, בוק און נוי קאָנען זענען נאָך געווען לגמרי פּרע־ זענטאַבל.

הינטערן שטאָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געקויפט אין אַ בודקע עטלעכע זעמל. בוק האָט באַצאָלט פאַר אַלע. פּויל האָט זיך געפּרוווט אונטערפלירטעווען מיט דער פאַרקויפערין און געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַלטן לעב־יינג.

אין אַ נאַכלעסיקער פּאָזע האָבן זיי זיך צעזעצט אין אוי־ טאָ, די פיס אַראָפּגעהאָנגען איבער די זייטן־ווענט און קאָנפע־ רירט ווי אַזוי צו פּטורן דעם אָוונט.

— עולם, לאָמיר גאָר גיין אין קינאָ אַריין! דאָ אין לינ־ וויל זענען זיי אַזוי פּראָגרעסיוו, אַז זיי שפּילן אַפילו זונטאָג אין אָוונט!

— יאָ, אָבער דאָס קאָנען מיר אין אַ וואָכנטאָג מאַכן אין דער היים!

— אָבער, גאָמז איינציקער, וואָס זאָלן מיר באמת טאָן?

— נאָך אַמאָל לאָזן אָנפּילן די עיפּושדיקע פּלאַש!
— טאַקע, יאָ, אַ טייערער איינפאַל;
— דו האַלט ס׳מויל! ביסט שוין אַזוי אויך געגוג בלוי!
— אַליין ס׳מויל! ביסט אַ סך שכּורער פון אים.
— ווער איז שכּור? זאָל איך דיר אפשר ווייזן.
— רויק, חברה, רויק! שטורכע אַן אַנדערן מיטן עלנבויגן, לאַררי, אויב נישט כאַפּסטו באמת קלעפּ.
— הייליקער שטרויזאַק, אפשר וועלן מיר דאָך פאָרט עפּעס טאָן און נישט זיצן דאָ ווי די פלעקער און זיך ארומרייסן.
— דאָס מיין איך אויך. לאָמיר ערגעץ וווּהין גיין!
— וואָס וואָלט זיין ווען מיר פאָרן, למשל, אַריין אין שטאָט.
— יאָ, פּרימאַ!
— אַביסל צו שפּעט, — האָט באַמערקט בוק.
— ס׳שפּילט דאָך קיין ראָל נישט, — האָט אַ זאָג געטאָן פויל, כלומרשט, ווי אַ דערוואַקסענער.
— ס׳איז ערשט נישט מער, ווי צען מינוט נאָך אַכט, — האָט צוגעגעבן לאַררי, אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער.
— אַלזאָ, מ׳פאָרט!
בוק האָט אַוועקגעלאָזן דעם וואָגן און אים אויסגעקירעוועט אין דער ריכטונג צום ברייטן ברוקירטן וועג, וואָס פירט פון לינוויל אויף צפון-מערב זייט צו דער שטאָט. ער האָט אַ דריי געטאָן די רעפלעקטאָרן, זיך אויסגעצויגן ברייטלעך אויף די קישנס און אָנגעשטעלט דעם גאַזהעבל מיט אַ האַנטבאַוועגונג אויף דער העכסטער געשווינטקייט.
כאָטש די שטאָט איז אינגאַנצן געלעגן דרייסיק מייל ווייט פון וועסטפיעלד, האָט מען דאָך אויפן דאָרף נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן אירע איינריכטונגען. די פּראָווינצער פלעגן אַ פּאָר מאָל אין יאָר פאָרן אַהין אויף אַ טאָג-צוויי און בלויז זיך פאַרטומלען דעם קאָפּ. זיי האָבן געוווּסט די נעמען פון די ווילדסטע גאַסן, מאַגאַזינען און טעאַטערס; אָבער יעדעס מאָל

זענען זיי געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, וואָס זיי זענען גע־קומען צוריק קיין וועסטפיעלד, ווו מ׳האָט געקאָנט אַרומגיין אי־בערן גאַס און זיך נישט דאַרפן אַרומקוקן אויף אַלע זייטן.

דערצו האָט די שטאָט, נאַטירלעך, אַטראַפירט אַלע וועסט־פיעלדער לעבנס־אַנשויאונגען, ווייל תמיד לייגן דאָך אַרויף די גרויסע שטעט זייער שטעמפּל אויפן לאַנד אויף אַ מיילנווייטן שטח אין דער אַרומיקער סביבה. אין שטאָט מאַכן די פּראָווינ־צער זייערע גרעסערע קניות, בעת די היימישע סוחרים בלייבן לגמרי ליגן מיט זייערע אויסגעשטעלטע סחורות אין די שויפענצ־טער. ווייל די שטאָט איז דאָס גלענצנדיק געבענטשטע לאַנד וווהין ס׳עמיגרירן די דאָרפס־ייִנגען, ווען ס׳ווערט זיי מיאוס די פעלדאַרבעט, און וווהין ס׳טראָגט זיך אָפּ דאָס יונגע מיידל, איי־דער מ׳דעקט אויף איר חטא.

דער פאָרד האָט האַסטיק געקלאַפּט און זיך געטראָגן ווי אַ פייל פון בויגן. פויל האָט אַראָפּגערוקט זיין שטרויהוט אויבן קאַרק און געזונגען צוזאַמען מיט די איבעריקע אָפּגעריסענע פערזן פון פּאָפּולערע שלאַגערס. ער האָט זיך געשפּירט גליק־לעך, וואָס ער זיצט דאָ ברייטלעך אויסגעצויגן אויף די אויס־געריבענע אויטאָ־קישנס, אין אַ מין געהויבענער שטימונג, און דער וואַרעמער ווינט בלאָזט אים אין פּנים אַריין. אַ ווילדע אויטאָ־פּאַרטיע דירעקט אין שטאָט אַריין און מיט אַזעלכע ווויל־ייִנגערישע חברים! נו, פּרימאָ!

שוין אַ געוויסע צייט זענען זיי געפאָרן לעבן אַ טראַמ־וויי־ליניע. און אָט האָבן אויפגעבלאַנקט די ערשטע גאַסן־לאַנ־טערן. און אונטער יעדער לאַמטער האָט מען געזען אַ וווּרשטן־האַנדל אָדער אַ פרוכטן־געוועלב, אַ רעזערוואַר־פּלאַץ אָדער אַ האָטעל־רעקלאַמע. פון אַ טאַנק־פּלאַץ ביים וועג, באַלויכטן מיט פאַרשידנפאַרביקע לאַמפּיאָנען האָט זיך געטראָגן אַ פּייעו־דיקע דזשאַז־מוזיק. די לאַמטערנעס זענען כסדר געוואָרן גע־דיכטער, די באַוועגונג שטאַרקער און די טראַמוויי־ליניע האָט זיך פאַרטאָפּלט.

אַז זיי זענען צוגעפאָרן נענטער צו דער שטאָט, האָט ג' ק

פאַרקלענערט דעם טעמפּאָ און איז געפאָרן לפּחות מיט אַ גע־
וויסער פאָרזיכטיקייט. די ווילעס, וועלכע זיי זעגען פאַרבייגע־
פאָרן, האָבן געמאַכט אַן עלעגאַנטן און נייעם איינדרוק.

דורך טייערע פאָרהענגער איז געפאַלן אַ מילדער לאָמפּן־
שיין אויף זאָרגפעלטיק געפּלעגטע בלומען־בייטן. אויף די גאַסן־
עקן זענען די געוועלבער כּסדר געוואָרן געדיכטער, פריער קליי־
נע, דערנאָך גרויסע, דראָגעריעס, גאַראַזשן, אויטאָגעשעפטן.

דערדאָזיקער אַריינפאָר אין דער גרויסער שטאָט איז באמת
געווען אַ זעלטענע אַוואַנטורע, אַ ווילדע, שפּאַנענדיקע, וואָס
האָט ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. בוק איז געפאָרן מיט אַזאַ
אימפּעט, ווי ס׳וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן. אַ פּאָר מאָל איז
דער פערד געקומען אין באַרירונג מיט אַנדערע אויטאָס, אָבער
ענדלעך זענען זיי בשלום אָנגעקומען אויף אַ זייטיקער גאַס,
ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעשטיגן, כּדי זיך קודם
כּל צו אָריענטירן.

אַ מאָמענט האָט יעדער איינער פאַר זיך באַוווּנדערט דעם
טומל און ליאַרעם פון שטאָט. אויסערלעך האָט פיל געשפּילט די
ראָל פון אַ גלייכגילטיקן שטאָטמענטש, וואָס איז בלומרשט גע־
ווינט אַרומצוהוליען אויף דער „פיפט אַוועניו״, אינערלעך אָבער
האָט ער געפיבערט פון גרויס אויפרעגונג. ער איז שוין באמת
געווען אַ סך מאָל אין שטאָט, אָבער נאָך קיינמאָל נישט צוזאַמען
מיט דערדאָזיקער „באַנדע״. אויך אַלע איבעריקע, כאָטש זיי
וואָלטן זיך שוין קיינמאָל אין דעם נישט מודה געווען, האָט גע־
וואַלטיק אימפּאָנירט די אַרומיקע סביבה, און אַלע, ווי איינער
האָבן זיי געהאַט דאָס אומזיכערע געפיל פון אַ דאָרפיש קינד
אין אַ גרויסער, גרויסער שטאָט.

— קוק נאָר, דאָס איז זיכער עפּעס עקסטרע טייערס! —
האָט אַ זאָג געטאָן סנוט, אָנווייזנדיק אויפן טאַמפּסאָן־רעסטאָ־
ראַן, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

זיי זענען געפאָרן ווייטער, צוריק זיך פאַרקירעוועט צו
דער הויפּטגאַס צו און דאָרט זיך אויסגעמישט מיט דער גאַנצער
מאַסע אויטאָס, גלאָצנדיק מיט די אויגן אויפן ליכט־מבול.

די מחנות טעאַטער־באַזוכער האָבן זיך געשטופּט אויף די טראָטואַרן און ממש פֿאַרפֿלייצט די גאַס. די אויטאָס האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן. אַ צייט נאָכאַנאַנד איז מען געשטאַנען פֿאַר אַ הויז, באַפּוצט פֿון פֿאָרנט מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע לאָמפּן. דאָס איז געווען די ריוואָלי, דער גרעסטער קינאָ־טעאַטער אין שטאָט.

— זע נאָר, סאַראַ שיינקייט! — האָט פֿויל אַ זאָג געטאָן מיט פֿול התפּעלות צו נוי קאַנע. — צי איז עס נישט גרויסאַרטיק, די דאָזיקע אַלע לאָמפּן! אָ, ווען איך זאָל זיך קאָנען אַהין אַריינקריגן און עס אָנקוקן.

— אָ, אינעווייניק איז ערשט אמת פּרימאַ, האָט זיך נוי גרויסגעמאַכט. איך בין שוין דאָרט איין מאָל מיט מיינע אַלטע געווען. אין פּאָיע האָבן זיי דאָרט אַפֿילו קאַנאַריקלעך אין קליינע שטייגעלעך.

— קאַנאַריקלעך? פֿויל איז ממש דערשיטערט געוואָרן. משוגע צו ווערן! קאַנאַריקלעך אין אַ קינאָ, דאָס איז פֿאַר זיינע באַגריפֿן געווען דער גרעסטער פֿאַרשווינדערישער לוקסוס. איבער די אַקסלען האָט ער געוואָרפֿן אויפֿן ריוואָלי אַ לעצטן אין באַוווּנדערונג אָפּשטאַרבנדיקן בליק. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט גלייך און זיפֿצנדיק, זיך באַקוועם געמאַכט אויף זיין פּלאַץ. קאַנאַריקלעך! צי וועט ער עס נאָך ווען עס איז זען מיט זיינע אייגענע אויגן?

פֿאָרנדיק אין זיגזאַגן דורך זייטיקע גאַסן זענען זיי אָנגעקומען אין אַ רויקן מיט הייזער באַבויטן קוואַרטאַל. אַ פֿערטל שעה נאָכאַנאַנד האָבן זיי זיך דאָרט אַרומגעדרייט, ביז זיי האָבן לגמרי פֿאַרלאָרן דעם וועג.

בוק האָט דערזען אויפֿן טראָטואַר צוויי מיידלעך.

— סנוט, האָט ער באַפֿוילן, זאָלסט נאָר האַלטן דאָס מויל! איך וועל באַלד פֿרעגן די ווייבספֿאַרשוינען, ווי אַזוי מען קומט צוריק אויף לינוווילער גאַס.

ער האָט אָנגעזאָגט די מיידלעך, זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט אַ העפֿלעכע מינע, זיי האָבן אָבער קיין קוק נישט געטאָן נישט אויף אים, נישט אויף זיין העפֿלעכן זשעסט און אַפֿילו

נישט א־יפן פאָרד, וואָס ע־ גופא איז שוין געווען אַ מערק־ווירדיקייט פון ערשטן סאָרט.

— העי, אַך, אַנטשולדיקט, האָט בוק אַ זאָג געטאָן אײנמאָל נאָכן אַנדערן. די מיידלעך האָבן פאַרדריסלעך געקוקט אײנער אויף דער צווייטער און זענען געגאַנגען ווייטער.

— אַך, אַנטשולדיקט, — איצט האָט שוין בוק טאַקע גע־שריגן אויפן קול. אפשר קאָנט איר אונז זאָגן ווי אַזוי מען קומט אויף דער ערשטער אַוועני? מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

די גרעסערע פון זיי האָט געמאַכט אַ חוזק־מינע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און, ווי ס'שיינט, זיך געשלאָגן מיט דער דעה. פלוצלינג האָט זיך דאָס גרעסערע מיידל אויסגעדרייט און שאַרף אַרײַנגעקוקט בוקן אין פנים אַרײַן. ער האָט געמאַכט אויף איר אַן אײַנדרוק פון אַזאַ ערלעכן, דאָרפישן, תמעוואַטן יינגל, וואָס האָט זיך באמת פאַרבלאָנדזשעט, אַז זי איז ווייכער גע־וואָ־ן.

— אויב איר ווייסט טאַקע באמת נישט,—האָט זי אַ זאָג געטאָן שטייף, אָט דאָ איז די ערשטע אַוועני.

— באמת? איר חוזקט נישט?

— אָן שום חוזק.

זי האָט אים אַביסל איבערגעטריבן נאָכגעשפּעט, בוק איז אָבער נישט געווען אַזוי פיינפיליק, ער זאָל דאָס באַמערקן. זי האָט אויסגעזען גאַנץ גוט, און ער האָט שוין גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו פאָרן ווייטער.

— צי וועלן מיר פון דאַנען אויפן אויטאָוועג קומען קיין לינוויל, — האָט ער ווידער געפרעגט און זיך שוין געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס ער זאָל זי נאָך פרעגן. אין בריטן, ווייסן קרייז פון דער גאַסן־באַלויכטונג האָבן די מיידלעך מיטן אויטאָ פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שיינע קליינע גרופּע.

פויל האָט לכתחילה באַטראַכט די מיידלעך זייער גלייכ־גילטיק. איצט איז אים געפעלן געוואָרן די גרעסערע, מיט וועלכער בוק האָט בינו לבינו געפּרוווט פאַרפירן אַ שמועס. דאָס אַנדערע מיידל האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן

זי האָט געטראָגן אויפֿן קלייד אַ האַלבדורכזיכטיקן רויטלעכן רעגן-מאַנטל. דעריבער האָבן אירע געקרויזלטע האָר גאָלד בלאָנד שימערירט. די פֿאַרבן האָבן איבערראַשנדיק און שיין געווירקט. אויפֿן רוקן פֿון מאַנטל, צווישן די אַקסלבלעטער, האָבן זיך געזען דריי פֿאַנטאַזיע-אותיות „צ. ה. ס." און אונטער זיי איז געווען מיט קאָלירטע טינט אויסגעמאָלט אַ שיין זומערפֿויגעלע מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגל. פֿון אונטערן רויטלעכן מאַנטל האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיק שלאַנקער פֿוס אין נידעריקע שיך.

פֿויל האָט נאָך געהאַלטן אין קלערן, וואָס דאָס קאָן עפּעס זיין פֿאַר אַ מין מיידל, וואָס טראָגט אַ רעגנמאַנטל מיט אותיות און מיט אַן אויסגעמאָלט זומערפֿויגעלע, ווי זי האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און אים אַריינגעקוקט אין פּנים.

מיט אַ געפֿיל פֿון עפּעס אַ מין זיסער דערשיטערונג האָט ער קאָנסטאַטירט רייצנדיקע זאַכן: אַ רויזיק מויל, נעוועלבטע אויגן-ברעמען, אַ גריבעלע אין באַק, אַ נאָז ביים שפּיץ לייכט פֿאַרריסן, ווי אַ רויזן-בלאַט.

אַ פֿערטל מינוט האָט זי עס פֿאַרטראָגן, וואָס זיין בליק שלינגט זי איין. דערנאָך איז זי רויט געוואָרן און האָט זיך ווידער אויסגעדרייט. פֿוילן איז מער נישט געבליבן ווי זיך צו באַנוגענען מיט אַ הכנעהדיקן בליק אויף די איניציאַלן „צ.ה.ס.", וואָס האָבן געבלאַנקט פֿאַר אים איבערן פֿאַרכציקען זומערפֿויגעלע אויפֿן רויטלעכן פֿאָן.

סנוט האַרטמאַן, געוויינלעך דער צענטער פֿון דער אַלגעמיינער אויפֿמערקזאַמקייט, האָט זיך געשפּירט שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט. ער האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, זוכנדיק אומזיסט עפּעס אַן אַריינפֿירנדיקן וואָרט, בעת בוק האָט פּעדאַנטיש און אומבאַהאָלפֿן געמאַכט אַן אָנגריף אויפֿן מיידל אויפֿן טראָטואַר. אָט איז ענדלעך געווען אַ שאַנס עפּעס מיטצונעמען, און דערדאָזיקער שוטה, בוק, פּטרט די צייט מיט זיין פּלוידעריי מכּח וועג און נאָך אַזעלכע שטותים, בעת אַן הפסקה אין בוקס פֿאַרהאַנדלונגען, האָט זיך סנוט אַ הויב געטאָן פֿון אָרט

און אָן קונצן אויסגעשריגן:

— האַלאָ, מיידלעך, צי האָט איר נישט קיין חשק צו פאָרן מיט אונז יינגלעך אויף אַ שפּאַציר? שנאַפּס האָבן מיר נאָך אויך אַביסל.

בוק, א צעקאָכטער, איז אויף אים אָנגעפאַלן.

— האַלט ס׳מויל, דו, קעמל איינער!

מער האָט ער זיך נישט געזידלט, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס מיידל האָט אָפּגעמאָסטן די יינגלעך פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ בליק פול פאַראַכטונג און שטאָלץ, אַ נעם געטאָן איר חברטע אונטערן אָרעם און געשווינט זיך אָפּגעטראָגן. מ׳האָט געזען ווי זיי האָבן הויכמוטיק געהויבן די שמאָלע אַקסלען.

בוקס האַלז־מוסקולן האָבן זיך שטייף געשפּאַנט, בעת ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו סנוטן.

— דיר דאַרף מען פּשוט אַראָפּדרייען דיין דרעקיקן קאָפּ — האָט ער געלאָסן דערקלערט, געבראַכט אין אָרדענונג דעם אויטאָ און זיך געלאָזן פאָרן ווייטער.

6

דעם לעצטן טייל אויף צוריקוועגס האָט אָנגעפירט לאַררי האַרטמאַן, אַ דערהיצטער און שטאַרק אויפגעבראַכטער. ער האָט אויסגעקליבן אַ וועג לגמרי ווי אים האָט זיך געוואָלט. גוס האָט פון צייט צו צייט געשפּירט אַ שרעקלעכע נישטגוטקייט. פויל האָט עפּעטערס געכאַפּט אַ דרעמל און געזען אין חלום גאָלד־בלאָנדע האָר און אַ רויטן מאַנטל.

ער האָט האָט גראָד באמת געהאַט איינגעשלאָפן, בעת עס האָט אים אויפגעוועקט אַ ווילדער געשריי פון בוקס מויל. תיכף נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער טראַסק. דער פאָרד האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ האַרטע זאַך און מיט צעהאַקטע שויבן אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. נאָך אַ קראַך און דער־

קלאַנג פון מעטאַל קעגן מעטאַל, דאַן איז דער וואָגן געבליבן שטיין. פויל האָט ערשט, אַן אויפגעציטערטער, זיך געמוזט אויסרייבן די אויגן, כּדי זיך צו אָריענטירן ווו ער געפינט זיך.

זיי זענען געווען ביים סוף פון דער צפון־אַלייע, אין דער הויפּט־גאַס. לאַררי איז פאַרפאָרן מיט אַ פּאָר מעטער צו נאָענט, און איצט איז דער פאָרד געזעסן רייטנדיק אויפן ד[illegible]־פּלומפּ. זשאַק קינזל, דער נאַכטוועכטער, האָט זיך אַ פּאַרסאַ[illegible]עטער באַוויזן פון דער פינצטערניש און באַלויכטן די סצענע מיט זיין עלעקטרישער לאַמטערנע.

איין בליק איז אים גענוג געווען. ער האָט אָפּגעזיפצט. שוין יאָרן לאַנג קלאַפּט ער מיט זיינע פוס נאָך האַלבער נאַכט איבער די וועסטפיעלדער גאַסן. און דעריבער האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו די טרויעריקע עובדות פון דער יוגנט אין די נעכט, בעת די עלטערן זענען זיכער, אַז זיי ליגן פּלומרשט אין די וואַרעמע בעטן. ער האָט אָבער נישט געהאַט דעם קוראַזש אַוועקצופירן די יוגנטלעכע שכּורים אין אַרעסט־הויז אָדער גאָר אַהיים צו די שטרענגע עלטערן, ווען ער פּלעגט זיי כאַפּן מיט מיידלעך צוזאַמען אין אַן אויטאָ אָדער אויף אַ פּוסטן פעלד. ווען ער זאָל דאָס האָבן געטאָן, וואָלט ער דאָך דערמיט געזאָגט, אַז די יוגנט אין וועסטפיעלד איז באמת נישט דאָס, וואָס זייערע ליבנדיקע טאַטע־מאַמע טראַכטן וועגן זיי. מ׳וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ גוואַלטיקע אַפּיקורסות און ער וואָלט תּיכּף פאַרלאָרן זיין שטעלע. מיט אַנדערע ווערטער: ס׳וואָלט אַוועק אַ קלאַנג, אַז אין וועסטפיעלד הערשט אַ לגמרי געזעצלאָזער צושטאַנד.

— איז נאָך עפּעס אויך קאַפּוט, צי נאָר די רעפלעקטאָרן? — האָט ער טאָלעראַנט אַ פרעג געטאָן. ניין? טאָ גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט בשלום זיך אַרויסדרייען. דער פּלומפּ האָט זיך נאָר אַביסל אויסגעקרומט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך פויל אין דער שטיל דורכן גאָרטן אַריינגעקריגן אין שטוב. אויף די שפּיצפינגער איז

ער אַריין אין קיך, אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

ס'איז געווען אַ פערטל איינס. פּויל האָט אַ ציטער געטאָן. פאַרבייגייענדיק פאַר די עלטערנס שלאָפצימער, האָט ער געהערט דעם פאָטער זיך איבערדרייען אין בעט און פרעגן מיט אַ פארשלאָפענער, גראָבער שטים:

— וויפיל איז דער זייגער?

פּויל האָט זיך געוואַקלט.

— האַלב צוועלף, האָט ער זיך שרעקנדיק אַ זאָג געטאָן.

— אַזוי שפּעט קומט מען נישט אַהיים. וווּ ביסטו געווען?

— אין טורן־פאַריין.

מ'האָט געהערט דאָס קרעכצן פון די שפּרינגפעדערן אין בעט. באַפרידיקט האָט זיך דער פאָטער איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט.

פּויל האָט שטאַרק געגענעצט און איז געשווינט אַריין צו זיך אין צימער. נישט אָנצינדנדיק אַפילו קיין לאָמפּ, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, אַרויפגעכאַפּט די פּיזשאַמע און זיך אַריינגעכאַפּט אין בעט. אַ מאָמענט האָבן די געשעע־נישן פון אָוונט אין אַ ווילדן טומל געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. דערנאָך איז ער איינגעשלאָפן און האָט געחלומט וועגן בלאָנדע האָר און אַ דורכזיכטיקן רויטן מאַנטל.

דריטער קאַפּיטל

1

„איך וועל באַמערקן. דו וועסט באַמערקן, ער וועט באַמערקן, מיר וועלן באַמערקן, איר וועט באַמערקן, זיי וועלן באַמערקן, — האָט שלעפעריק נאָכגעזאָגט דער קלאַס, בעת פריילין באָטס, די פראַנצויזישע לערערין, האָט אויף דער קאַטעדרע צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיטן שפּיץ בלייפעדער.

פּויל האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען די קונץ צו באַוועגן שטיל, כלומרשט מיטן כאָר, די ליפּן, בעת זיינע געדאַנקען זענען געווען, גאָט ווייס ווו, נאָר נישט אין וועסטפּיעלדער צענטראַל־גימנאַזיע. ביי זיין גרויסן, אַלטמאָדישן פּולט, האָט ער זיך געמאַכט אַזוי באַקוועם, ווי ס'איז נאָר מעגלעך געווען און געצופּט אַ פאַרטראַכטער די אַרומגעריסענע עקן פון פראַנצויזישן לערנבוך.

אין ערגעץ פאַרשפּרייטן זיך נישט קיין נייעס אַזוי שנעל ווי אין אַ קליין שטעטל. כמעט די גאַנצע שולע האָט שוין געוווּסט פונם נעכטיקן שפּיל. ביי זיין גאַנצער פאַרשלאָפנקייט האָט פּויל געקאָנט באַמערקן ווי איינע פון די גימנאַזיסטינס קוקט זיך צו אים צו מיט אַ געוויסן אינטערעס. תיכּף האָט ער אָנגענומען אַ שטייפערע האַלטונג און געפּרוווט צוגעבן זיינע אויגן אַ גלייכגילטיקן און דרייסטן אויסדרוק. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז ס'האָט זיך געענדיקט דאָס איינחזרן פון פראַנצויזישן צייטוואָרט.

אין דעם יאָר האָט דער קלאַס צום ערשטן מאָל אָנגע-הויבן פראַנצויזיש. ס׳רוב זײַנען געווען מיט אַ קלאַס נידעריקער, ס׳האָבן זיך אָבער געפונען עטלעכע פון צווייטן און דריטן קלאַס ווי אויך אַ פּאָר ייִנגלעך פון פערטן, ווי בוק און אַ שטיקל ייִנגל מיטן נאָמען קונס, וואָס האָבן נאָך ביידע געמוזט אַ גאַנץ יאָר לערנען שפּראַכן, כּדי אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען. ס׳רוב שילער פון צווייטן קלאַס האָבן שוין אַ יאָר געלערנט פראַנצויזיש און איצט בלויז געדאַרפט איבערחזרן. די שילער פון דריטן האָבן געלערנט פלייסיק, אַמבעסטן אָבער האָבן נאָכגעזאָגט די גאָר קליינע.

פויל האָט אַריבערגעקוקט צו בוקן, וואָס איז געזעסן מיט פיר פולטן ווייטער פון אים. ווי טרויעריק! אין שולצימער האָט זיין פאַרגעטערטער בוק מיט איינמאָל פאַרלוירן אַלע זיינע העל-דישע מעלות. פון ענערגיש, טויט און טייוול אויסלאַכנדיקן הפקר־יונג פון ביליאַרד־שפּילן און אויטאָ־פאָרן, איז ער דאָ גע-וואָרן אַ דורכשניטלעכער, הויכגעוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַ געגנוג נידעריקן שטערן, וואָס האָט זיך מיטן פאַרדאַגהטן ערנסט פון אַ בראַוון סטאַדע-הונט געראַנגלט מיט די שווערקייטן פון אומרעגלמעסיקן צייטוואָרט. אויף זיין געזיכט איז נישט געווען מער קיין זכר פון יענעם איידעלן פייער, וואָס האָט אים אַזוי פאַרשענערט מיט צוועלף שעה פריער, בעת ער האָט אין שטאָט געמיטלעך געפלוידערט מיט די ביידע וווּנדערבאַרע, אומבאַקאַנטע מיידלעך.

דער קלאַסנצימער איז געווען פּירקאַנטיק און גענוג קליין. דורך דריי גרויסע פענסטער האָט מען אַרויסגעקוקט אויפן מאָ-נאָטאָנעם אויבערפלאַך פון גראַזלאָנקעס און פון די פּוסטע קאָרנפעלדער.

דרייסיק אַלטמאָדישע האָלצפולטן זענען געשטאַנען צו פינף אין אַ ריי און די פלאַכע קאַטעדרע פאַרנט האָט פאַרענ-דיקט די איינריכטונג. אויף די ווענט האָט געהאָנגען אַן אָפּגע-נוצטע, פאַרעלטערטע מאַפּע פון פראַנקרייך, דריי מעלאַנכאָלישע בילדער מיט חורבות־לאַנדשאַפטן און אַ צעבראָכענער טערמאָמע-

טער; אויפֿן סופֿיט די פֿאַרטרוקנטע סימנים פֿון טיכטיקן אַרויפֿשפּייען. די ווענט זענען געווען טונקל ברוין און דורכגעלעכערט פֿון פֿירקאַנטיקן טאַפֿל.

דאָסדאָזיקע צימער פֿלעגט במשך פֿון טאָג אויסגענוצט ווערן פֿאַר פֿלאַנימעטריע און פֿראַנצויזיש פֿאַרן ערשטן קלאַס. אויפֿן טאַפֿל איז געלעגן אַ מוראדיק דיקער שיכט קריידשטויב, וואָס איז וואָכנלאַנג נישט גערייניקט געוואָרן. אין די אויבערשטע ווינקלען זענען געווען אָנגעזעצט ווי שפּינוועבס פֿאַרשידענע רעשטלעך פֿון קלאַסן־איבונגען און אומדערלויבטע צייכענונגס־פּרוּוון. אַ דרייעק האָט דורכגעשניטן אַ פֿראַנצויזישע פֿראַזע, וואָס האָט סטיליסטיש און אָרטאָגראַפֿיש געהאַט אַ סך פֿעלערן. אַ געאָמעטרישער לערזאַץ — ווונדערבאַר נאָכגעמאַכט דעם כּתב פֿון דער לערערין — איז געווען אָנגעשריבן אין דער קווער אויפֿן טאַפֿל און דערקלערט, אַז אין רעכטווינקלדיקן דרייעק איז די סומע פֿון די קוואַדראַטן איבער די קלײנזייטן גלייך דעם — אָבער דאָ איז ער פֿאַרלוירן געגאַנגען אין מויל פֿון אַ קו מיט אַ פֿאַנטאַסטיש גרויסן אייטער. אונטערגעשריבן איז געווען „דאָס איז נישט קיין אָקס". צי האָט גאָר עמעצן פֿון דער מאַכט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דערדאָזיקער צייכענונג און ראַנד־באַמערקונג האָט מער צוגעהאָלפֿן דער דעמאָראַליזאַציע פֿון דערציִונגס־וועזן ווי אַ גאַנץ טוץ אַנאַרכיסטן? פֿיר טאָג נאָכאַנאַנד איז דאָסדאָזיקע מייסטערווערק געשטאַנען אויפֿן טאַפֿל, און די תּלמידים פֿון ערשטן קלאַס האָבן כּסדר געכאַפּט דערפֿון „התפּעלות".

פֿרייליין באָטס האָט זיך, ווי ס׳שיינט, דערמיט נישט אינטערעסירט, ווייל מ׳האָט עס נישט אויסגעמעקט און — ס׳האָט גערייצט די געמיטער.

בעת פֿרייליין באָטס האָט געדאַרפֿט אַן אָרט צום שרייבן, פֿלעגט זי אָפּווישן מיט דער שמאַטקע בלויז אַ שטיקל טאַפֿל און איבערלאָזן פֿון רעכטס און פֿון לינקס דעם אָנהויב און דעם סוף פֿון די פֿריערדיקע זאַצן, וואָס ס׳פֿלעגט אָפֿטמאָל פֿירן צו מערקווירדיקע רעזולטאַטן, וועלכע זענען אויסגענוצט געוואָרן

צום שאַפן די גוטבאַקאַנטע גימנאַזיסטן-װיצן און מוח-דערשיטערנדיקע המצאות.

דער קלאַס האָט זיך געלאַנגװײַלט און אױפן קול געגענעצט. אַ דאָרפסיונג מ׳ט אַ שלעכטן װ״ח און אין אַ בלאָטע באַשפריצטן אַנצוג האָט געהאַלטן אין אײן פּיקען מיט די פינגער אױף די זײַטלעך פון זײַן לערנבוך מיט צײכענונגען פון אײזל-אױערן. ערגעץ-װו אױף אַ פענסטער האָט הױך און צאָרנדיק געזשומעט אַ פאַרבלאָנדזשעטע בין. אַן אַכצניאָריקער פון דריטן קלאַס האָט אומבאַהאָלפן געפלירטעװעט מיט אַ פערצניאָריקער פון ערשטן. פרײַלין באַטס האָט גערעדט און גערעדט, געשװינט און מיט אַ שטאַרקער באַגײַסטערונג, װי אַ מאָטאָר, למשל, װאָס לױפט כסדר מיט דערזעלבער קראַפט. פון צײַט-צו-צײַט האָט זי אונטערגעהוסט, אַ הוסט װי אַ קראַצנדיקער בילן פון אַ פוקס. דאָס קרײַד האָט געסקריפעט איבערן טאַפל, רײַסנדיק די נערװן. אין דער לעצטער רײ האָט אַ דיק מײדל געכאַפּט אַ דרימל.

2

אוליס װ. אירװין האָט געלערנט אַלגעברע, פיזיק, לאַטײַן און נאָך עטלעכע װיכטיקע הױפּט-קעגנשטאַנדן. דערצו איז ער געװען שול-אינספעקטאָר פון װעסטפיעלד, װאָס ס׳האָט זײַן אַרבעט נאָכמער באַשװערט. ער איז, נעמלעך, געװען אונטערגע-װאָרפן דער איבער-אױפזיכט פון עטלעכע אױטאָריטעטן, קודם-כל דער עפנטלעכער מײנונג, יענעם גוטבאַקאַנטן קלײנשטעטלדיקן שרעקבילד, דערנאָך דער שטאָטישער שולקאָמיסיע (װעלכע איז באַשטאַנען פון צװײ פּריצים, אַ פריזירער און דעם סטאַציע-מײַסטער) און דער קרײַז שול-אינספּעקציע, און ענדלעך, אַלס לעצטע אינסטאַנץ, דער מלוכהשער שול-פאַרװאַלטונג.

דער שול-אינספּעקטאָר אירװין האָט געהערט צו די דיקע, בערנעלעכע מענער, װאָס האָבן אױפן גאַנצן לײַב צופיל װײך פלײש און אױפן קאָפּ אַ פליך, אַ טיפּ, װאָס צװישן די לערער

פון די מיטלשולן איז ער שטאַרק פאַרשפּרייט. אַלגעברע האָט ער געלערנט אומגעפער אַזוי ווי מ'האַקט אַריין אַ טשוואָק אין וואַנט.

ער האָט, למשל, געשריבן מיט בליצאַרטיקער געשווינטקייט אַ גאַנצע קייט אומפאַרשטענדלעכע צייכנס אויפן טאָפל און דערביי דעקלאַמירט אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקאָנט. קוים איז ער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, האָט ער שוין נישט בלויז געשריען, נאָר ממש געליאַרעמט.

דאָס פלעגט געשען גאַנץ אָפט, ווייל ס'רוב איז ער געווען שלעכט געשטימט.

אָפטמאָל האָבן פיל פון אונז נאָך זיין לעקציע געהאַט דאָס געפיל, ווי עמעצער זאָל זיי האָבן געזעגט דעם מוח. אין משך פון ערשטן סעמעסטער האָט פויל מיט גרויס חשק געהערט די אַלגעבּרע-לעקציעס און אויסערדעם גענומען באַזונדערע לעקציעס. דערנאָך האָט ער איצט געדאַרפט נאָר איבערחזרן און ס'האָט אים שוין קנאַפּ-וואָס אינטערעסירט.

מאַרי באַרטמאַן איז געזעסן אויף איר אָרט פאַר פוילן, גלייך ביים אָנהויב פון דער לעקציע האָט ער שוין באַמערקט אַז אונטער זיינע בליקן נעמט זי אָן אַ פרעמדע און פראָסטיקע מינע.

ווי נאָר דער לערער פלעגט זיך אויף אַ ווײַלע אויסדרייען צו אים מיט דער פּלייצע, האָט ער זיך גלייך אַריבערגעבויגן אויף פאָרנט, כדי צו קאָנען בעסער איבערלייענען די אויפגאַבּן, וואָס ער האָט אַראָפּגעשריבן פון מאַריס העפט. זי האָט עס דערזען, אַרויפגעלייגט פלוצלינג איר רונדע האַנט אויף די רעכענונגען, זיך אונטערן נאָז מיט אַ ביטול צעלאַכט און קאָלט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

פויל איז געווען איבערראַשט. אַ משונהדיקער איינפאַל פון איר זייט, באמת. ער האָט לייכט אַ שטויס געטאָן מאַרין מיטן בּלייפעדער און געמורמלט:

— וואָס איז געשען, מאַרי?

איר יינגלשער קאָפּ האָט געמאַכט אַן אָפּווערנדיקע באַוועגונג.

פּויל האָט טרויעריק אָפּגעזיפצט און געזוכט אַן אַנדער הילפסקוואַל פאַר זיינע שטוב-אויפגאַבן. זיינע בליקן האָבן זיך געטראָגן איבערן צימער מיט יענעם שרעקעוודיקן און צעטומלטן אויסדרוק, וואָס מ'זעט אַזוי אָפט ביי מיטלשילער, בעת ס'בלייבט זיי נאָר נאָך אַ פערטל שעה אויף איבערצושרייבן פון אַנדערע די אויפגאַבן.

דאָס מיידל פון דער רעכטער זייט האָט זיך צוגעקוקט צו פּוילן אַ שטאַרק צופרידענע.

זעענדיק ווי ער זוכט אַזוי, האָט זי זיך ממש געשטיקט פון געלעכטער, אַ נעם געטאָן איר אויפגאַבן-העפט און שמייכלענדיק אים אַריבערגעגעבן.

— אַ, אַ שיינעם דאַנק דיר, גערטרודע, האָט פּויל אַ זאָג געטאָן.

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס זייטל מיט די אויפגאַבן און מיט אַלע כּוחות געכאַפּט איבערשרייבן. אַז ער האָט שוין געהאַט געענדיקט, האָט ער געזען ווי דאָס מיידל האַלט נאָך אַלץ אין איין לאַכן.

ער האָט אונטערגעשמייכלט און דערלאַנגט איר צוריק דעם העפט.

— נאַ, בחור! פּרימאַ, זאָג איך דיר!

פּויל איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס אַ מיידל פון דריטן קלאַס רעדט צו אים אַזוי מענטשלעך, נישט מיטן אויסדרוק פון „פּאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ, קליינער!" מיט וועלכן די עלטערע מיידלעך פלעגן געוויינלעך אין אַ פּאַרטרוילעכן שמועס אָפּפּאַרטיקן די יונגערע.

— זאָג, לאַררי איז געווען שיכּור, בעת ער איז אויפן עק גאַס אַריינגעפאָרן אין פלומפ אַריין? — האָט זי פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— נו, פאַרשטייט זיך, מיר זענען אַלע געווען אַ היפּש ביסל בגילופין!

פויל האָט שיר נישט פאַרלוירן די שטים פון זיין איי־גענער העלדישקייט. אַזויפיל האָט ער גאָר לגמרי נישט געהאַט בדעה צו זאָגן.

דאָס מיידל האָט אים דאַנקבאַר אָנגעקוקט.

— דו האָסט זיך אָבער אָנשטענדיק געהאַלטן, דו! אויף דיר דערקענט מען גאָרנישט, דיינע אויגן זענען לחלוטין נישט רויט. זע נאָר נאָך, צי עס שטימט!

פויל האָט אויסגעגלאָצט זיינע בלויע אויגן און אַריינגע־קוקט אין אירע, וואָס זענען געווען טונקל ברוין.

— מיר, מיר געפעלן זיי זייער, — האָט זי געמורמלט.

פויל איז רויט געוואָרן און געוואָרפן אויף איר אַ גיכן בליק פון דער זייט.

— אָ! ווער וועט דען אַזוי געפערלעך פאַרדרייען די אויגן, דו חזיר, — האָט זי זיך געשטיקט.

פויל איז געווען אַ דערהרגעטער. עפעס איז עס שוין באמת געווען אַ ביסל צו גראָב! ער וואָלט קיינמאָל נישט גע־וואָגט צו האַלטן זיך פאַר אַ „חזיר" אין דאָזיקן צערטלעכן זין פון וואָרט, און דער געדאַנק האָט דאָך געהאַט פאַר אים עפעס פאַרשיכּורנדיקס.

דער גלאָק אינדרויסן האָט געקלונגען און אָנגעזאָגט, אַז ס'האָט זיך געענדיקט די לעקציע. ווי וואַסער איבער אַן אומזי־כערן וואַל האָבן זיך די תּלמידים, צווייפלייגנדיק געשווינד זייערע ביכער, געריסן צום אַרויסגאַנג און פויל אינמיטן צווישן זיי.

ערשט אינדרויסן האָט ער באַמערקט, אַז גערטרודע, לוסטיק פלוידערנדיק, גייט לעבן אים.

אַ מאָמענט איז ער געווען אינגאַנצן צעטומלט, אַפילו אויפגערעגט און כּמעט דערשראָקן פון איר נאָענטקייט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, געמאַכט אַ מינע פון כּלומרש־טער גרויסקייט, מיט אַ געמישטן געפיל פון אַנגסט און שטאָלץ צוגעגאַנגען נעבנטער און שפּאַצירט מיט גערטרודען איבער די פול געפּאַקטע קאָרידאָרן.

הינטערן רוקן פון זייביידן האָט מען געקאָנט הערן פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

צווישן צוויי יינגלעך פון פערטן קלאַס:

— נאַ, איצט ווערט עס קלאָר! זע נאָר, זע, סקיטער בענ-טאָן גייט שוין מיט דער אַרומטרייבערין! די נבלה קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן ביז זי וועט אויסוואַקסן.

— אָך, די יאָגט זיך פשוט נאָך זיינע לאַנגע הויזן, פאַרשטייסטו. ער זעט שוין באמת אויס ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, לאַנגע הויזן מאַכן תּמיד אַזאַ איינדרוק. איך זאָג דיר, אַז דער סקיטער וועט ווערן אַ גאַנצער קנאַקער, ווי נאָר ער וועט אַריבערגיין אין פּרימאַ.

צווישן צוויי מיידלעך פון ערשטן:

— דו זעסט די הומפּרעיס, די ראָצערין? איצט לויפט זי שוין נאָך פויל בענטאָן, קוים האָט ער נאָר אָנגעטון לאַנגע הויזן, די איז שוין באמת משוגע!

— איך ווייס נישט, אייגנטלעך איז זי אפשר גערעכט. צי קאָן ער כאָטש טאַנצן? ס'זעט אויס, אַז יאָ. דו, צי האָסטו געזען סאַראַ מאָדנע קלייד באָטס האָט היינט אָנ-געטאָן?

צווישן עטלעכע ערשטקלאַסלער:

— דו, טו נאָר אַ קוק! פויל בענטאָן מיינט איצט זיכער מי יודע סאַראַ פיינשינקנדיקער הונט ער איז צוליב זיינע לאַנ-גע הויזן! פונקט ווי דער האָן אויפן מיסט, מ'קאָן מיינען, אַז ער האָט כּסדר צו טאָן מיט מיידלעך, איך קאָן זיך וועטן, אַז קיין צוויי האָט ער נאָך זיכער נישט געהאַט, און איז וואַרשיינלעך אויך נישט מער, ווי זאָגט מען דאָס, ווי אַ געוועלבהיטער!

— אָ, ער איז גאָרנישט אַזאַ צאַצקע ווי מ'מיינט. ערשט נעכטן איז ער געווען שיכור ווי לוט און איז אַרויפגעפאָרן מיטן אַלטנס פאָרד גלייך אויפן פּלומפּ אַרויף און אים צעבראָכן אויף שטיקלעך, און פאַר דעם האָט מען טאַקע געמאַכט אַ ריכטיקע ווייפערייַ אין שטאָט, פאַרשטייסטו מיך.

— וואָס דו זאָגסט! וועגן אַזעלכע מעשיות האָב איך

לגמרי קיין אַנונג נישט געהאַט! נו, אָט האָסטו דיר!.. אָבער אייגנטלעך האָב איך מיר תמיד געקלערט, אַז ער איז אַ סך פּיפּיקער, ווי מ'זעט עס אים אָן.

3

הער קאַרטער איז געווען אַ געבוירענער אין וועסטפּיעלד און האָט זיך דאָרט געלערנט אין שולע. נאָכן עקזאַמען איז ער אויף גאַנצע פיר יאָר אַוועק אין דער נאָענטסטער אוניווערסי-טעטס-שטאָט און דערנאָך געקומען צוריק קיין וועסטפּיעלד, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין יוגנטליבע, זיך געקויפט אַ הויז און אַ פערד-וואָגן און זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם לערער-באַרוף. ביים סוף פון זיין קאַריערע וועט ער זיכער אויך באַקו-מען אַ פליך און פאַרוואַקסן ווערן מיט ווייכע פלייש ווי הער אירווין, לעת-עתה איז ער נאָך אָבער געווען גענוג יונג, כדי צו פאַרדינען דעם ביינאָמען „דער יונגער מאַקס" און פלעגט זיך מיט די יינגלעך, — בכּיוון זיך צוזאַמענטרעפנדיק מיט זיי פאַרן שפּילזאַל — גאַנץ פיין אַמוזירן מיט יעדערן באַזונדער.

געשיכטע האָט פויל גאַנץ ליב געהאַט, איבערהויפּט אַזוי ווי קאַרטער פלעגט זי לערנען. אַלס לערנבוך האָט דער קלאַס באַנוצט אַ כמעט סקיצנהאַפטע איבערזיכט, ווי גאַנצע דריי הונ-דערט יאָר גרויל און נויט זענען געשילדערט געוואָרן אויף נישט קיין גאַנצע דרייהונדערט זייטלעך, אָבער אַפילו ביי דידאַקטיקע באַשווערנדיקע אומשטענדן, האָט הער קאַרטער פאַרשטאַנען ווי צו מאַכן זיין קעגנשטאַנד העכסט אָנציִענדיק. איבער לאַנגווייל-קע שלאַכטן און גוזעצגעבונגען פלעגט ער געשווינד אַריבער-לויפן, דערפאַר זיך אָבער דווקא קאָנצענטרירן אויף באמת מאָ-לערישע פאָרפאַלן, וואָס קאָנען ווירקלעך עפּעס זאָגן, ווי, למשל, דער ערשטער שקלאַפן-אימפּאָרט קיין אַמעריקע. פאַרזיסט מיט הער קאַרטערס תמיד שפּאַנענדיקע אַנעקדאָטן, זענען די פּילן פון דער חכמה געווען פאַר די שילער לייכט אַראָפּצושלינגען.

— פאַרוואָס, — האָט הער קאַרטער אָנגעהויבן דייטלעך און רויִק, — פאַרוואָס האָט אַבראַם לינקאָלן געהאַלטן, אַז די שקלאַפן־פראַגע אין די פאַרייניקטע שטאַטן טאָר נישט באַהאַנדלט ווערן אויף צווייערליי אופנים?

ער האָט די פראַגע מאַטערנדיק געלאָזן הענגען אינדערלופט און לאַנג געזוכט אויף דער קלאַסן־ליסטע דעם קרבן, וועלכן ער האָט געוואָלט אַרויסרופן.

דער קלאַס איז געזעסן און האָט געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם.

— פויל בענטאָן, — האָט זיך ענדלעך הער קאַרטער דעצידירט, זיך אָנגעלענט אויפן שטול און פריינטלעך געשמייכלט.

דערהערנדיק זיין נאָמען, האָט פויל אָנגעהויבן שאַרפן דעם מוח, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען. ער האָט, אמת, פרייטיק אין אָוונט די אויפגעגעבענע לעקציע זייער ערנסט געלערנט, אָבער צווישן פרייטיק אין אָוונט און מאָנטיק פרי האָט זיך לעצטנס געצויגן אַן אומענדלעכע קייט פון פאַרשידנאַרטיקע געשעענישן.

— פאַרוואָס האָט אַבראַם לינקאָלן געהאַלטן, אַז די שקלאַפןפראַגע אין די שטאַטן טאָר נישט באַהאַנדלט ווערן אויף צווייערליי אופנים? יאָ, מ'מוז זען... אַך... נאַטירלעך... נישטאָ קיין פשוטערע זאַך ווי דאָס! און גלייך האָט זיך פויל פעסטער אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן דערציילן.

— אַבראַם לינקאָלן האָט בפירוש געזאָגט, אַז אויב אין אַ הויז הערשן פאַרשידענע מיינונגען, האָט עס נישט קיין קיום. דעריבער האָט ער געזאָגט, אַז אָדער זאָלן די, וואָס זענען פאַר דער שקלאַפעריי, ווערן די באַלעבאַטים אין די גאַנצע פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער יענע, וועלכע זענען קעגן, זאָלן די שקלאַפעריי אָפּשאַפן און אַלע שקלאַפן באַפרייען, און אַבראַם לינקאָלן האָט געמיינט, אַז די שקלאַפן דאַרף מען לכל־הדעות באַפרייען. און דאָ האָט ער, הייסט עס, געזאָגט, אַז דער ערשטער טראָפּן בלוט, וואָס וועט פאַלן אויף דעם אופן — וואָלט געווען — געווען דער סוף פון דער אוניאָן — איך מיין, לינקאָלן — לינקאָלן האָט געמיינט, אַז — ס'הייסט, אַז די שקלאַפן —

לחלוטין צעטומלט האָט פויל געזוכט ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דידאָזיקע אַלע גליטשיקע געדאַנקען־רעשטלעך.

דער קאַרטער האָט באַפרידיקט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, לינקאָלן איז געווען אין דער מיינונג, אַז אַזאַ וויכטיקע פראַגע טאָר נישט בלייבן לאַנג אָן קיין דעפיניטיווער לייזונג. גוט, פויל!

ער האָט אַ נעם געטאָן דעם צענזורן־בוך און אַוועקגעשטעלט אונטער „בענטאָן, פויל” דעם ווונדערלעכן העראָגליפןצייכן, וואָס ס'האָט באַטייט אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער.

אַ מאָמענט האָט ער זיך פאַרטיפט אין מחשבות, דערנאָך ווידער אַוועקגעשטעלט אַן אומגעווייינלעך וויכטיקע פראַגע און זיך שרעקנדיק, זי געלאָזן הענגען אינדערלופט אַזוי לאַנג, ביז, ער האָט באַקלערט וועמען ווייטער אַרויסצורופן.

דער קאַרטער האָט געהאַלטן פון אַ שטרענגער דיסציפּלין און פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט די באַקאַנטע אויסדרוקן, ווי „ערלעכע אַרבעט”, לעבעדיקע פאַראינטערעסירונג און דעסגלייכן.

די שילער, — פאַרשטייט זיך, אויסער די „גאונים”, וועלכע האָבן געקאָנט מיט אָפענע אויגן שלאָפן — האָבן ביי אים געמוזט אויפמערקזאַם זיך צוהערן, ס'רוב האָבן זיי טאַקע ווי ס'דאַרף צו זיין אויסגעלערנט דאָס, וואָס ער פלעגט זיי אַרויסגעבן.

די איבעריקע אויפגאַבן האָט מען געמאַכט מער־ווייניקער פינקטלעך, אָפּהענגיק פון דעם אַרט לערער. אַ גלייכגילטיקער לערער, למשל, קאָן פון אַ מאָדערנעם טאַנץ־קורס מאַכן אַ בעסערע טרויער־פייערונג. פאַרקערט ווידער איז אַזעלכער ווי הער קאַרטער אימשטאַנד מיט דער פראַגע וועגן פאָרגעשיכטלעכע וואַסערשטיינדלעך אַרויסצורופן אַליידנשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונג.

פינפאונצוואַנציק מינוט געשיכטע און ווידער הילכט דער גלאָק, און אויפסניי הויבט זיך אָן דאָס ווילדע, חיהשע שטופּעניש.

אין אַלגעמיינעם געדראַנג אין קאָרידאָר האָט פּויל נישט־ווילנדיק דערלאַנגט פרעדי טורנערן אַ שטאַרקן שטויס.

— נישט אַזוי ווילד, סקיטער! — האָט זיך פרעדי צע־לאַכט און צוריק דערלאַנגט פּוילן אַ העפטיקן רוק, אַלס לוין דערפאַר וואָס ער האָט אים נישט געשפּאָלטן דעם מוח.

— זאָג נאָר, — האָט ער זיך געווענדעט צו אים מיט אַ הילכעדיקער הארציקייט, — דו משוגענע הון, האָסט שוין אפשר באַוויזן צו צעברעכן נאָך אַ פּאָר פלומפּן פון נעכטן אוונט אָן?

פרעדי טורנער איז געווען דער גרעסטער קונדס אין צווייטן קלאַס און אָנגערופן צו ווערן פון אים „משוגענע הון”, איז געווען אַ געוואַלדיקער כבוד פאַר אַ תּלמיד פון אַ נידערי־קערן קלאַס, וועלכן ס׳איז אַזוי שטאַרק געגאַנגען וועגן סאָציאַלן אויפשטייג.

פּויל האָט זיך געשפּירט אויפן זיבעטן הימל. זיין גאַנ־צער פּנים האָט געלאַכט און מאָמענטאַל האָט ער געפּאַקט דאָס אויסלייזנדיקע וואָרט:

— מיר זענען אַלע געווען מלא איבער די אויערן און דערנאָך, נישט אמת —

בעת דערדאָזיקער אונטערהאַלטונג האָבן פּויל און פרעדי בלאָקירט דעם אַריינגאַנג צום קלאַס, ווו ס׳האָט געדאַרפט פאָרקו־מען די ענגלישע לעקציע און זענען געווען אַזוי פאַרטיפט אין שמועס, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט ווי מאַרי באַרטמאַן האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גאַנצער מחנה, וואָס האָט זיך גע־טראָגן איבערן קאָרידאָר, צוגעגאַנגען צו פּוילן און שרעקעוודיק אַ צופּ געטאָן פאַרן אַרבל.

— פּויל, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ ווייכער שטים.

דער מיט פרייד פאַרשיכּורטער בחור איז אָבער געווען אַזוי איבערגענומען פון דער פאַכמענישער אָפּשאַצונג וועגן זיין בלומרשטער קונסט צוצוציען די ווייבער, אַז ער האָט אויפן מיידל אפילו נישט געוואָלט קיין קוק טאָן.

זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ מיט דער באַוועגונג פון

דיקע, ברונעטע מיידלעך, פאַראַכטלעך ז׳ך צעלאַכט און איז אַרויס פון קאָרידאָר און גלייכצייטיק פון פוילס לעבן.

4

האָמערס אָדיסייע איז אַ רעכט אייגנטימלעכע שפּייז פאַר בופצן אָדער זעכצניאָריקע מוחות.

איר אומגעוויינלעכער שפּראַך-אוצר האָט צעטומלט די קעפּ פון די תּלמידים אין ערשטן קלאַס, זיי האָבן זיך ממש גע-וואָרגן מיט די שווערע מיטאָלאָגישע נעמען, אָבער זיך מוטיק גערוקט ווייטער און סוף-כּל-סוף האָט דאָך ס׳רוב פון זיי באַ-קומען די געוווּנטשענע צייגניש, אַז מ׳האָט ווי געהעריק אבי-סאָלווירט דעמדאָזיקן קעגנשטאַנד.

און דער צנועהדיקער אָדיסיי האָט גערעדט צו די בתולות און געזאָגט:

„איך בעט אייך, שטעלט זיך אַ ביסל אָן אַ זייט, ביז איך וועל זיך אָפּוואַשן דאָס זאַלציקע פון מיינע אַקסלען און איך וועל זיך אויסשמירן מיט שמן-זית, ווייל איך שעם זיך וואָס איך גיי נאַקעט צווישן אַזעלכע שיינגעלאָקטע בתולות.״

פון הינטערגרונט אין קלאַסנצימער האָט זיך דערטראָגן אַ הירזשענדיקער, ציגישער געלעכטער און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט א שטיל קייכן.

פויל האָט דאָס ברוינע ביכעלע געהאַלטן הארט ביים גע-זיכט.

זיינע באַקן זענען געווען רויט ווי פייער צוליב דער פיינלעכקייט פון דעם, וואָס ער האָט געמוזט לייענען.

די לערערין האָט מיט אַ דערצערנטן בליק אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ די קייכנדיקע יוגנט, געוואַרט ביז ס׳איז צוריק שטיל געוואָרן און געהייסן פוילן לייענען ווייטער.

ער איז דורכגעקראָכן נאָך אַ האַלבע זייטל און קוים אַ לעבעדיקער זיך אַ זעץ געטאָן אויפן באַנק, בעת די לערערין האָט ענדלעך געזאָגט:

— זייער גוט, פויל. העטי דארליק, לייען ווייטער.

די ענגלישע לערערין איז געווען אַ שווערע, ערנסטע מיידל פון דאָרף.

זי פלעגט אויסשליסלעך ארויסרופן יענע יינגלעך, וואָס האָבן בעתן לייענען נישט אָנגעהויבן תיכּף צו לאַכן. דורכ־שניטלעך איינמאָל אין וואָך האָט דער גאַנצער קלאַס, אָן דער הילף פון די ביכער, געמוזט שרייבן אַן איבערזיכט איבער אַ געוויסן טייל פון דער אָדיסייע.

נישט געקוקט אויף דעם איז דער גאַנצער ענגלישער אונ־טערריכט באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ׳האָט זיך צוגעהערט צום הינקעדיקן לייענען פון וועלכן־נישט־איז שילער.

בכלל גערעדט איז די אָדיסייע געווען, כאָטש לאַנגווייליק, אָבער אומגעפערלעך און צו דערליידן, אויב ס׳איז נאָר גראָד אין דער שעה נישט געשען קיין שום אויסטערלישע געשיכטע. אין אַזעלכע טעג איז די לעקציע געווען אַן אמתע אָפּקומעניש פאַר דער לערערין און די קלוגערע תּלמידים, און פאַרקערט אָבער, אַ גרויסע שמחה פאַר די, וואָס יאָגן זיך נאָך שמוציקע אוואַנטורעס.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין דער שולאויסגאַבע פון דער אָדי־סייע, זענען נישט געווען קיין ספּעציעל אומריינע שטעלן, אָבער אַז מיטלשילער איז געלעגן צו געפינען צווייַדייטיקייטן, און מאַכן אומזויבערע וויצן, קאָן אַפילו דאָס בוך דער „קריסט־לעכער הויז־שליח" צושטעלן גענוג מאַטעריאַל.

וואָס אָנבאַלאַנגט פוילן, זענען אים אויפגעפאַלן געוויסע הומאָריסטישע שטעלן אין טעקסט, און בעת מעשה האָט ער זיך געטראַכט: די פּיפּיקע יאַטן האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, דעמאָלט עפּעס מאָדנע קאָמיש גערעדט. ווייטער פון דעם זענען זיינע קענטעניש וועגן האָמערס אָדיסייע נישט געגאַנגען.

נישט געקוקט דערויף פלעגט ער באַקומען אויסגעצייכנטע צענזורן.

אין גרונט גענומען, אויב ער זאָל וועלן זיין ערלעך, האָט ער דעמדאָזיקן קעגנשטאַנד אייגנטלעך נישט פיינט געהאַט.

5

די גאַנצע שולע איז געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער אוילע *), ווו ס'זענען פאָרגעקומען די איינשרייבונגען און ס'האָבן זיך געפונען די ביכער.

אין לאַנגע רייען האָבן זיך געצויגן די פולטן, און ביי יעדן פולט איז געזעסן אַ יונגער מענטש, צום צוזעצט ווערן פול מיט לעבן.

איבער יעדן טיש האָט געשטאַרצט אַ „געזיכט, ס'רוב אַן אָפן און געזונט יונג געזיכט.

זיי האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן, וווּנדערבאַר זיך צונויפגעמישט און פאָרגעשטעלט דעם געזונטשפּריצנדיקן, ברייטלאַכנ־דיקן פּנים פון יונג־אַמעריקע.

מען זעט דאָ און דאָרט אַ פּריצייטיק בייז, אַ פּריצייטיק ביטערע פּנים, בכלל געגומען אָבער אָנשטענדיקע, פאַרטרויענס־ווערטע ערלעכע פּנימער, פּנימער מיט מעגלעכקייטן, אַ סך, וואָס האָבן אויסגעזען אַ ביסל באַשרענקט.

אומרייפע בחורים־אַקסלען. אָרעמס, וואָס האָבן געפירט דעם טראַקטאָר, געהויבן די לאָפּעטע. באַקן מיטן ערשטן מענ־לעכן האָרשפּראָצן. מיידלעך מיט ליכטיקע שטערנס און שטאַר־קער ברוסט, גוטע שפּייז־היטערינס, מאַמעס פון אַ סך קינדער, פליסיקע לאַטע־לייגערינס אין דער צוקונפט ביי שטילע, בראַווע בחורים פון דאָרף, ערלעך מיסט אונטער די פינגערנעגל.

אומצופרידענע, בלייכע מיידלעך, וואָס רייסן זיך אין שטאָט, דרייסיק מייל פון דאַנען, ווו דאָס לעבן קלאַפּט אַזוי אומגעהייער שטאַרק.

בחורים מיט אומריינער הויט, מיט אַ געקנייטשטן שטערן און קרומען בליק: לייענער פון דעטעקטיוו־ און שוידער־ראָמאַנען.

---

*) פאַרלעזונגס־זאַל אין אוניווערסיטעט.

און דערנאָך, ענערגישע פנימער, פנימער מער ווי ענער־גישע, פנימער פול מיט דער איינציקער פרייד צו זיין יונג און צו לעבן. וואַקסנדיקע פנימער, באַלויכטן פון וווּנדער, וואָס זיי געפינען אויס אין זיך פון טאָג צו טאָג נייע קרעפטן. זומער־באַשפּרענקלטע דינע פנימער, רויטע פנימער מיט דיקע באַקן...

פנימער, יעדער אַ ווינציקער טייל פון גרויסן פילפּאַכיקן פּנים פון דער יונגער גענעראַציע.

אַנדערע שלעכטע, ס׳רוב אָבער גוטע.

6

פאָרן אַרייַנגאַנג אין דער צענטראַלשולע זענען געשטאַנען אַ פּאָר ייִנגלעך.

צווישן זיי איז געווען איינער, אַ שמאָלער, אַ בלאָנדער אין אַן אויפפלאַנדיק נייעם אַנצוג מיט לאַנגע הויזן. האָסטיק זשעסטיקולירנדיק, האָט ער דערציילט פאַר זיינע אויפמערקזאַמע צוהערער אַ באַשיינפּערלעך זאַפטיקע מעשה.

— און פאַרשטייט איר מיך, האָבן מיר שוין די צוויי צניעותדיקע מיידלעך געהאַט אין אויטאָ — איינע איז געזעסן ביי מיר אויפן שויס — און דער אַנדערער האָבן מיר, הייסט עס, געמוזט זאָגן, אַז פאַר איר איז שוין קיין אָרט נישטאָ. נו, איך בין דאָך געווען טויט־שיכּור און ווייס לגמרי נישט, וואָס אַזוינס איז נאָך שפּעטער אַלץ געשען, אויסער וואָס מיר האָבן שיר נישט איבערגעפאָרן אַ שפּיצעל. מיטאַמאָל האָט עס דער־לאַנגט אַ טראַסק, ממש פאַרטויבט צו ווערן, און דאָ האָבן מיר מיטגעשלעפּט דעם נבלהדיקן פלומפּ אויף אַ שטח פון נייַנציק קילאָמעטער, פאַרשטייסטו מיך; דאָס שויבנגלאָז האָט זיך גע־שאָטן אויף אַלע זייטן, לויטער ברעקלעך. פויל בענטאָן איז גע־ווען אויפן זיבעטן הימל.

ענדלעך איז ער געווען אַ ריכטיקער פיינער הונט!

פערטער קאַפּיטל

I

די שלאַנקע פרוי האָט מיט איר קילער האַנט אַרויסגענו־מען דאָס פּענדזעלע פון פּוילס מיט פאַרב פאַרשמירטע פינגער און מיט אַפּאָר געשיקטע שטריכן געמילדערט דעם גאַליקן אויס־דרוק, וואָס דער „זונען־אונטערגאַנג איבערן ים" האָט אַרויסגע־וויזן אין פּוילס פאַרבן־פאַרטיילונג.

— אַזוי, — האָט זי פריינטלעך אַ זאָג געטאָן. — נישט אמת? אַביסעלע מער רויטס אינעם געלן — איז עס ערשט ריכטיק, יאָ, אַזוי פּויל!

פּויל האָט זיך אויסגעלאַכט און אונטערגעשמייכלט:

— גאַנץ ריכטיק! אַזוי איז עס, באמת, שנעל! — האָט ער צוגעגעבן.

עלען קרעג, די צייכן־לערערין, האָט אים פריינטלעך אָנ־געקוקט. אַ פּאַסמע האָר, וואָס זי האָט נאָך געטראָגן נישט גע־שוירן, איז איר געלעגן ווי אַ ברוין רינגעלע אויפן שטערן. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן פּוילן און אויסגע־מאָלט אַ לאַנגן פינגער פון זונענליכט איבער די האַרטע בלויע פאַליעס.

— דו דאַרפסט די פאַליעס נישט צייכנען אַזוי האַרט, פּויל, דו מוזט זיך מיט זיי באַגיין מילדער. דאָס זיינען ווייכע, וואַרעמע כוואַליעס, וואָס קומען, דאַרפסטו וויסן, פון אַ הייסן דרום־ברעג.

זי האָט עס געזאָגט מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, ווי אין חלום, בעת איר האַנט האָט ווייטער געאַרבעט.

פויל איז געזעסן ברייט אויסגעצויגן אויפן שטול, די הענט האָט פויל פאַרלייגט אויפן ברוסט. זיין בליק האָט דורכגעדרונגען בילדער און פאַרבן און געשוועבט אין מרחקים... און פריילין קרעג האָט גערעדט און כסדר געמאָלט.

— די אינזל איז זייער שיין, וואָס דו האָסט דאָרט אויבן אָנגעמאָלט. אַהאַ, פּאַלמען — זיי וועלן מיר נאָך אַביסל מער אָנבויגן, גלייך ווי דער ווינט זאָל זיי שאָקלען... פּאַלמען שאָקלען זיך פון טראָפּישן ווינט... ס'קלינגט שוין כמעט ווי אַ ליד! וואָס קאָנען מיר נאָך אַלץ האָבן אויף אונזער אינזל פּאַפּאָגייען — און ליידנשאַפטס-בלומען —

— און מענטשן-פרעסער, — האָט פויל צוגעגעבן.

— אפשר. אָבער זיי וועלן מיר נישט מאָלן. מענטשן-פרעסער זיינען נישט שיין. מיר מאָלן נאָר שיינע זאַכן — די איבעריקע פאַרגעסן מיר געוויינלעך.

— אָבער מאַלפּעס זיינען דאָך גאַנץ זיכער געווען — האָט פויל באַמערקט.

— יאָ, מאָל עס לכל הדיעות. שמוציקע, שרייענדיקע ים-קעץ. און אַ קריסטאַל-קלאָרער קוואַל מיט וווּנדערבאַרע פיש, וואָס טראָגן זיך אויף אַלע זייטן. זומער-פויגעלעך, אַזעלכע פּראַכט-פויגלע, סאַמעטענע! און ריזן-פלאַנצן ווי אַלטע שפּיץ-הינט. — און ריזן-שלאַנגען, וואָס זאָלן אויפפרעסן די מאַלפּעס, — האָט פויל דערגאַנצט.

פריילין קרעג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אים מיט שרעק אָנגעקוקט.

— אָבער, פויל, דיר פאַלן תמיד איין די סאַמע מיאוסע זאַכן. ווען דו זאָלסט דאָ נאָך איצט אָנוואַרפן אַ פעלזן-באַנק אַזוי, מיט די כוואַליעס לייכט איבער איר, וועט עס דאַן אויך באַדייטן עפּעס שרעקלעכס, ווי?

— די פעלזן-באַנק? יאָ, פאַרשטייט זיך, ווייל דאַן קען זיך דאָך איבער דאָס שיפל.

— וועלכעס שיפל ? — האָט פריילין קרעג פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן.

— נו, יאָ, דאָס שיפל פון די ים־רויבער. ווייל זיי האָבן דאָך טאַקע דאָס שיפל אַראָפּגעלאָזן, און דאָרט האָבן זיי געהאַט לויטער גאָלד און זילבער און נאָך זאַכן. און אָט איז געוואָרן נאַכט און ס'האָט געשטורעמט און זיי זיינען אַרויף אויפן פעלזן־באַנק און זיך איבערגעקערט. דער הויפּטמאַן איז אַרויף אויפן שיף און דאַן זיינען אים נאָכגעגאַנגען אַלע גאָלד־שטיקלעך, ער איז אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן, בלויז דער קאָפּ איז געבליבן פריי. און די אַרמיי, זי איז צוגעשווומען צום ברעג, און איינער האָט אויסגעטאָן דאָס העמד און עס אָנגעבונדן אָן אַ לאַנגן שטעקן אַלס נויט־סיגנאַל. אָבער דערנאָך זענען זיי אַלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט און אַזוי ווייטער, און געבליבן איז נאָר איינער. ער איז אַזוי געזעסן אין זאַמד, שוין נישט געווען מער ווי הויט און ביינער און זיך כּסדר געשפּילט מיטן גאַנצן רויב פון דימענטן און רובינען און פּערל און געקוקט אויפן ים.

— און וואָס איז מיט אים געשען ? — האָט פריילין קרעג שטיל אַ פרעג געטאָן.

— נו, ער — פויל איז פּלוצלינג צוריק אַראָפּגעפאַלן אויף דער האַרטער ערד און אַ פאַרשעמטער באַמערקט, אַז פריילין קרעג קוקט אים אָן מיט לויכטנדיקע אויגן. אומרויק האָט ער זיך געדרייט אַהין און צוריק אויפן שטול.

— נו' יאָ, דער לעצטער האָט זיך עפּעס דורך אַ נס גע־ראַטעוועט, אָדער איז געשטאָרבן אָדער עפּעס אַנדערש, — האָט ער אויסוויכנדיק געענדיקט.

— דאָס האָסטו אַלץ אויסגעקלערט בעתן מאָלן ? — האָט זי רויק אַ פרעג געטאָן.

פויל האָט, אַביסל שעמעוודיק, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיט צוגויפגעלייגטע הענט האָט זיך די פרוי אָנגעבויגן נעענטער צו אים.

— פויל, — האָט זי אַ זאָג געטאָן כּמעט בעטנדיק, צי

האָסטו נישט צייטנווייז אַ געפיל, ווי דיר זאָל זיך וועלן אַליין עפּעס מאָלן, אַזוי זיך, פון אייגענע געדאַנקען, ווי למשל, אַן איילבילד, אַ לאַנדשאַפט, עפּעס מיט שפּיציקע בערג קעגן דער לבנה און די אָפּגרונטן אונטן אין שאָטן און די טונקל-גרינע טענענבוימער — פלוצלינג איז איר בליק געפאַלן אויף דר׳ערד. זי האָט צענומען די הענט און איז אויפגעשטאַנען.

— קום, לאָמיר גיין שפּאַצירן! — האָט זי פלוצלינג אויסגעשריגן און אַ הויב געטאָן די אָרעמס אין דער הויך. — לאָמיר אַרויסגיין און עפּעס וואָס סקיצירן, עפּעס וואָס גרינס, פון פרילינג.

פויל, אַ שווייגעדיקער, האָט געוואַרט, ביז זי האָט אָנגעטאָן איר ברוין היטעלע און אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען איר סוועטער. אויסער זיי ביידע איז אין צימער קיינעד נישט געווען, ווייל די איבעריקע צייכן-שילער זענען זיך אַלע צעגאַנגען שוין מיט אַ האַלבער שעה פריער. צייכענען און קונסטגעשיכטע איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דאָזיקן דאָרפישן דיסטריקט נישט געווען קיין פאַרפליכטנדיקער געגנשטאַנד. אויף אייגענער אחריות האָט עללען קרעג צונויפגעשטעלט אַ קליינע גרופּע, וואָס פלעגט זיך צוזאַמענקומען נאָך די לעקציעס. אויסערדעם האָט זי געלערנט געאָמעטריע, כדי צו פאַרדינען אויף איר טעגלעך ברויט. די נשמה האָט זי אָבער געשפּייזט מיט איר קונסט.

צוזאַמען זענען זיי אַרויס אין ליידיקן, הילכיקן קאָרידאָר, אַראָפּ פון די טרעפּ און דורך דער הינטערטיר פאַרלאָזן די שולע. לענגאויס דעם פּאַרקאַן, זענען זיי געשווינט געגאַנגען איבער עטלעכע צעאַקערטע פעלדער און לעבן אַ קליין וועגל, וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט בוימער.

דאָ האָט זיך פריילין קרעג אָפּגעשטעלט.

— צי איז דאָס נישט שיין? די יונגע, העל-גרינע בלעטער, מיין איך.

— המ... יאָ, זייער שיין. — האָט פויל שלעכט-געשטימט אונטערגעברומט.

עללען קרעג האָט זיך געשווינט אויסגעדרייט און אים אַ קוק געטאָן אין פּנים אַריין.

— נו, נו, וואָס אַזוינס איז, אייגנטלעך, מיט דיר געשען? היינט ביסטו דעם גאַנצן טאָג צעקראָכן ווי קליי. ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען דו האָסט זיך באמת געקאָנט פרייען מיט שיינע זאַכן. אָבער איצט, ווי ס'ווייזט-אויס, ביסטו מיט עפּעס אַנדערש באַשעפטיקט, און טאַקע נישט מיט קיין גאָר שיינע זאַכן.

פּויל האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, זיך געשאָקלט אויף איין פוס, געהאַקט מיטן צווייטן פוס אין דער ערד און גאָרנישט געענטפערט.

פריילין קרעגס רויט מויל האָט פאַרטראַכט געאַרבעט. זי האָט אָפּגעמאָסטן פּוילן פון אויבן ביז אַראָפּ און דערנאָך געזאָגט:

— איך האַלט די גאַנצע צייט, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די לאַנגע הויזן, וואָס דו טראָגסט איצט. יאָ, דערפאַר וואָס דו ווערסט אַזוי צעקאָכט, וואָס איך רייד וועגן דעם, איז פאַר מיר קלאָר, אַז דאָס איז דער גרונט, פאַרוואָס דו ביסט מיט איינמאָל אַזוי גרויס ביי זיך! צי דען איז עס שבֿלדיק, פּויל? צי מיינסטו, אַז ס'איז קינדעריש זיך צו אינטערעסירן מיט קונסט און צו האָבן אַביסל פאַנטאַזיע-לעבן?

— נ—יין, איך האָב בלויז געקלערט!

— וואָס האָסטו געקלערט?

— אָט וואָס, פריילין קרעג! נישט אמת, קיין איינער פון די ריכטיקע פיינע יונגען נעמט נישט קיין לעקציעס פון קונסט-געשיכטע. נאָר מיידלעך און אַזעלכע ווייבערישע בחורים, ווי טשאַרל האַמפּטאָן. זיי צייכנען אַזעלכע נאַרישע מעשיות און מאַכן דערפון אַ גאַנצן וועזן.

— איצט זאָג מיר נאָר, ווען מיינסטו אייגנטלעך מיט די ריכטיקע פיינע יונגען? — האָט זי פאַרדעכטיק אַ פרעג געטאָן.

— נו, די אַלע, וואָס טוען עפּעס שבֿלדיקס, ווי לאַרי

האַרטמאַן, למשל, אָדער —

— וואָס, דערדאָזיקער שרעקלעכער שוטה איז ביי דיר אַ ריכטיקער יאַט? לעצטנס האָט ער אויף מיין לעקציע געמאַכט אַן אומפאַרשעמטע באַמערקונג, אפשר דערמיט אומפּאַנירט ער דיר אַזוי שטאַרק? און פריילין פיי האָט מיר דערציילט, אַז מיט איר האָט ער, בעתן טעאַטער-שפּילן געוואָלט ווערן גאַנץ נאָענט. מיט מיר הויבט ער שוין בעסער גאָרנישט אָן, דער מנוול, סיידן ס׳ווילט זיך אים כאַפּן דעם ריכטיקן אָפּשניט און אַרויסשפּרינגען פון שולע. און אים ווילסטו עס דווקא נאָכטאָן? — זי האָט אויף אים מיט כעס אַ קוק געטאָן ווי אַ שטרענגע מוטער.

— גאָט מיינער, ניין! איך מיין דאָך נאָר, אַז קיינער פון די גרעסערע לערנט נישט קיין קונסטגעשיכטע, ווי למשל, בוק דאַנעלי און אַזוי ווייטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן נישט לערנען קיין האַנטאַרבעט, מיין איך.

— דער יונגער דאַנעלי איז פאַר מיר אויך נישט קיין גוטער ביישפּיל. ער לערנט ערנסט, אמת, אָבער ער איז אַ שרעקלעך געמיינער יינג און לעצטנס האָט זיך פון אים געשפּירט שנאַפּס. אויסערדעם זענען דאָך דידאָזיקע אַלע יינגלעך אַ סך עלטער פון דיר, פּויל! נעם למשל, אַרנאָלד דאַנעלי, ער האָט שוין באַשטימט צוואַנציק יאָר, און לאַרי האַרטמאַן איז שוין אויך איבער אַכצן. און דו ביסט דאָך ערשט פופצן, פּויל.

דאָס יינגל האָט איר צוגעוואָרפן אַן אומבשרייבלעך אויפגעבראַכטן בליק און האָט אויפגעהויבן די אַקסלען, ווי אַ באַליידיקטער אַריסטאָקראַט.

— דערמיט בין איך לגמרי נישט מסכים, פריילין קרעג! איך בין איבער זעכצן!

זי האָט געשפּירט, אַז זי האָט געמאַכט אַ פעלער. זי האָט אים פאַרשאַפט די גרעסטע קרענקונג, וואָס ס׳קאָן נאָר זיין פאַר אַ יינגל, זי האָט גרינגגעשעצט זיין עלטער און דאָס גרעסטע פון אַלע פאַרברעכנס — געשפּילט אויף זיין אומשולד.

— אַלזאָ — האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ פריינטלעכערן טאָן, ווארפנדיק אַ בליק אויף די פעלדער,—ווייסטו, אויך אין דעם

קאָנסטו נאָך אַ גאַנץ יאָר בלייבן אַ ריכטיק קינד און צוואָרטן! איך האָב זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט, אַז דו ווילסט ווערן עפּעס אַנשטענדיקס און זויבערס, ווייסטו.

זי האָט אָפּגעזיפצט, אָפּגעטריבן אירע געדאַנקען און ווי־דער אַ קוק געטאָן אים ערנסט אין פּנים אַריין.

— אויב דו דאַרפסט אַ ביישפּיל, פויל, פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין קלוגע יונגלעך ווי, למשל, נוי, קאַנע און אַרווין קונס? זיי ווייסן, וואָס עס איז גוט און וואָס נישט, און בשום אופן וועט קיינער נישט זאָגן, אַז זיי זענען ווייבערישע חברה־לייט. קיין בעסערן ביישפּיל קאָנסטו גאָרנישט האָבן.

פויל האָט נאָך כּסדר געקלערט וועגן דער באַמערקונג „בלייבן אַ ריכטיק קינד". זי האָט אים אַזוי געקרענקט, אַז ער האָט לגמרי פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך אייגנטלעך.

— איצט וועט שוין זיין גוט, — האָט ער ביי־זווייליק גע־לאַכט. — אַזעלכע שוטים ווי די צוויי! הע, נוי, קאַנע! ער טרינקט אַפילו נישט מיט, ווען ס'איז פאַראַן אַביסל שנאַפּס!

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנגן פאַרניכטנדיקן בליק.

— הייסט עס, אַלזאָ, אַז דו טרינקסט יאָ מיט?

פאַרצווייפלט האָט פויל געפּרוווט אויסצומיידן איר צאָרנ־דיקן בליק.

— נ—אָך, ווו! דאָס זאָג איך דאָך נישט! איך קלער גאָר־נישט וועגן דעם, פריילין קרעג!

שוין העכער אַ יאָר צייט איז זי געווען זיין בעסטע פריינ־דין, און ער האָט לגמרי קיין חשק נישט געהאַט צוליב אַ פּאָר חוצפּהדיקע אויסדרוקן זי צו פאַרלירן.

אַ צייט נאָכאַנאַנד זענען זיי געזעסן איינער לעבן צווייטן ביים ראַנד פון אָפּגרונט און געצייכנט. פון צייט צו צייט האָט פויל געמוזט אָנקוקן פריילין קרעגס שיינע, ברוינע האָר, ווי זיי האָבן באַקומען פון דער ליכטיקער זון אַ גאָלדענעם גלאַנץ. ער האָט געשפּירט אַ שטילע בושה.

ערשט שפּעט נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קלויבן אַהיים. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם געאָמעטריש גלייכן,

פון דער זון גלאַנצנדיקן דראָט-פּאַרקאַן און עלדלען קרעג האָט אין דער שטיל געזונגען אָפּערע-מעלאָדיעס און געטראָגן הויך דעם קאָפּ. פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, האָט זי אַרויפגעלייגט איר שלאַנקן אָרעם אין סוויטער-אַרבל אויף פּוילס אַקסל. דאָס יינגל האָט דערשטוינט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, מיט אַ מין האַסטיקער באַוועגונג, און געהאַט אַ וווּנדערלעכן בליק. מאָמענטאַל האָט זי אַראָפּגענומען צוריק איר האַנט.

— אָ, איך האָב לגמרי פאַרגעסן,—האָט זי צעטומלט אַ זאָג געטאָן,—איך קאָן זיך גאָר דערצו נישט צוגעוווינען, אַז דו ביסט שוין נישט מער דאָס קליינע יינגל מיט די פלאַקסענע האָר. איך פאַרגעס כסדר, אַז דו — אַז דו ביסט שוין דערוואַקסן.

אויף דער שול-לאַנקע האָבן זיי זיך צעזעגנט. זי איז לאַנגזאַמער געגאַנגען ווייטער און פאַרביסן מיט די ליפּן. אויף איר געזיכט איז געלעגן אַ אומצופרידענער שטריך.

— אַזאַ מין זאַך! ווי קאָן מען מיט אַ תּלמיד אַזוי רעדן, מיט אַ יינגל, וואָס טראָגט שוין לאַנגע הויזן! וואָס וועט דערפון זיין, הע? עטישע עצות גיב איך אים, ער מאַכט פון מיר זיכער חוזק. רייך פאַרן משוגעים-הויז, ביסטו טאַקע, מיין ליבע! אַ משוגענע אַלטע בתולה! טינוף-לעבן!

2

פּויל איז צוגעגאַנגען צו דער גרופּע תּלמידים, וואָס האָבן געשפּילט מיט אַ ווייכער פּילקע. לכתחילה האָט ער פאַרנומען אַ פּלאַץ אויסערן שפּיל-פעלד און געלאָפן געדולדיק הינטער די פלי-פּילקעס, ביז ס'איז אים ענדלעך געלונגען אויפצוכאַפּן אַ פּילקעביים ערשטן אויפשפּרינגען. גליקלעך, וואָס איצט קאָן ער שוין אַליין שלאָגן, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם האַמער און זיך געפרייט מיט זיינע קלעפּ, וועלכע ער האָט דערלאַנגט אַזוי געשיקט, אַז די איבעריקע האָבן זיי אין פלי און ביים ערשטן צוראָפּפאַלן נישט געקאָנט דערכאַפּן.

ענדלעך האָט אָבער נוי קאנע מיט אַ ווילדן לופט-שפרונג באַוויזן די קוגץ אָפּצוקלאפּן די פּילקע.

— פּיין, — האָט פיל אָן שום קנאה פריידיק אויסגערופן און צוגעוואָרפן נוי דעם שלאָגער. איצט האָט ער זיך געשטעלט אויף נויס אָרט און זיך געבויגן נאָך נידעריק לויפנדיקע פּילקעס, געלאַכט אויפן קול, אַז ער האָט זיי .נישט דערכאַפּט, און האָט פאַרגעסן אַלע הויכקייטן פון דער קונסט און די טיפעניש פון דער ווילדקייט צוליב דער שמחה פון ייִנגלישן שפּילן.

ס'איז געווען אַ לעבעדיק און אָנשטענדיק שפּיל דאָ אויפן אַש-באַשאָטענעם ספּאָרט-פּלאַץ הינטערן רויטן ציגל-בנין פון דער שולע. קיין פּאַפּיראָסן האָט מען נישט אָנגעזען אין די אויגן. פון צייט צו צייט אַן אומשולדיקע קללה. אָבער קיין זכר נישט פון יענער אומגעלומפּערטער זידלעריי אין שפּילזאַל, וואָס האָט אָנגעפּילט די לופט מיט שטיקנדיקע ריחות. דעם נאָמען פון דער פאַרשייטער טרודל האָט מען דאָ נישט געהערט דערמאָנען קיין איינציקן מאָל. צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע עטלעכע טעג האָט זיך פיל געפילט גוט אין זיין פשוטן נאַטירלעכן צושטאַנד.

די ייִנגלעך האָבן געפירט אַ לעבעדיקן שמועס וועגן פישפאַנגען, וועגן די גערטנער, וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט, וועגן זיך אָנרוקנדיקן שלוס-עקזאַמען און מכוח די אויסזיכטן פון די וועסטפיעלדער ספּאָרטלער אין קאַמף פאַרן באַצירקס-פּריז.

אַז די אָוונט-דעמערונג האָט באַשווערט דעם ווייטערדיקן שפּיל און דערצו האָבן זיך פון די שכנותדיקן קיך-פענצטער דערשפּירט די ריחות פון געבראָטענעם פלייש, האָט דער עולם געוואָרפן דעם שפּיל און זיך געלאָזן גיין אַהיים. בעת זיין גיכן גאַנג, האָט זיך פיל פּלוצלינג דערמאָנט אָן זיין שפּאַציר מיט פריילין קרעג.

גאָט איינציקער, זי האָט דאָך גערעדט לגמרי נישט צו דער זאַך! זאָל זיין, אַז בוימער און אַזוי ווייטער זענען טאַקע שיין, זייער גוט! אָבער צוליב דעם דאַרף מען דאָך נישט

האַלטן אַזעלכע רעדעס!

דער ריח פֿון מערן און קרויט האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז, ווי נאָר ער האָט אַ עפֿן געטאָן די הויזטיר. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרקרימט און אין דער שטיל געקלאָגט: „אַ חזיריִשער לעבן!" מערן און קרויט האָבן אים פּשוט געעקלט, נאָך ערגער ווי בוראַקעס. זעצנדיק זיך צום טיש האָט ער נאָך אויף דעם חשבון געהאַלטן אין איין מורמלען.

— עס שוין בעסער און זוך נישט שטענדיק קיין פּרעטענזיעס אויף דיין מוטער! — האָט פֿרוי בענטאָן זיך געכּעסט, אָוועקשטעלנדיק די קאָכעדיקע שיסל מיטן געקעכץ אויפֿן נישט גאַנץ זויבערן טישטוך.

פֿויל האָט זיך גענומען אַ פֿענעץ ברויט, אַרויפֿגעלייגט דערויף מיטן מעסער אַ שטיק פּוטער, אָנגעשמירט דערנאָך גראָב מיט מאַרמאָלאַדע און אָנגעהויבן מיט כּעס צו קייען. דער פֿאָטער איז אַריין דורך די גאָרטן-טיר, האָט פֿאַרקאַטשעט די מאַנקעטן און זיך געוואַשט מיטן האַנטוך די הענט.

— האָסט געקאָנט וואַרטן, ביז אַלע וועלן זיך זעצן צום טיש און נישט כאַפּן פֿריער — האָט ער אים געזידלט.

דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס האַנטוך אויפֿן אייזקאַסטן, זיך אַ זעץ געטאָן צום טיש מיטן דיקן און שווערן קערפּער ווי-זאַ-ווי דעם זון, אָנגעגאָסן פֿון שיסל אין טעלער גאָר אַ פֿיינע פּאָרציע געקעכץ און זיך גענומען צו דער אַרבעט עס אַריבערצוטראַנספּאָרטירן אין מויל אַריין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אויך פֿרוי בענטאָן באַוויזן ביים טיש. מיט אַ פֿייכטער האַנט, אויף וועלכער ס'האָבן זיך נאָך געזען די שפּורן פֿון מערן-שאָבן, האָט זי אָוועקגעשאַרט פֿון שטערן די צעשויבערטע האָר. גרויסע שוויים-טראָפּנס האָבן באַדעקט איר ווייסע הויט.

פֿויל איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער און אָנגעברוגזטער. ער האָט געקלערט צי איז איצט דער פּאַסנדיקער מאָמענט אויף צו מאַכן אַ אָנגריף אויפֿן פֿאָטערס געלט-בייטל.

אין האָליוווד-טעאַטער זענען געוועזן אָנאָנסירט אויף דער קומענדיקער וואָך צוויי אַזייגער אַנציענדיקע שווידער-פֿילמען, און

צוליב זיין עקסטראטור אין שפיל־זאל איז ער געווען לחלוטין בלאנק. אָבער בכלל, האָט ער זיך געזאָגט מיט אַ וואַקסנ־דיקן קוראַזש, אַזוי קאָן עס ווייטער נישט בלייבן! ער מוז ביים אַלטן, וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אַרויסקריגן אַ גרעסערן טאַשן־געלט. ס׳פּאַסט שוין גאָרנישט אַנדערש פאַר אַ ריכטיקן יאַט! אַלזאָ:

— זאָג, פאַ! קאָנסט מיר געבן פופציק סענט? איך מוז קויפן צו דער לעקציע פון צייכנען אַ ספּעציעל פּאַפּיר.

דער פאָטער האָט געהאַלטן ביים טראַנספּאָרט פון אָנגע־לאָדענעם קרויט אויפן גאָפּל, און דווקא אויף אַזאַ הויך, אַז די קרויט איז, ווי גראָטעסקע וואָנסן, געשטאַנען פאַר זיין געזיכט.

— פופציק סענט — האָט ער זיך געכעסט, — אויף צייכנ־פּאַפּיר? — אין אַזאַ טאָן, פּונקט ווי צייכנפּאַפּיר זאָל זיין עפּעס אַ מין אומאָנשטענדיקער סאָרט פּאַפּיר.

— יאָ, מיר צייכנען איצט כסדר זייער פיל, און מיין פּאַפּיר גייט אויס.

הער בענטאָן איז געווען אויפגעבראַכט.

— ביי היינטיקן טאָג זאָל מען דווקא אַרויסוואַרפן געלט. צו וואָס לערנסטו, אייגנטלעך, צייכנען, וואָלט איך וועלן וויסן? פאַרוואָס באַזאָרגט אייך נישט די שולע מיט קיין פּאַפּיר, אָנ־שטאָט כסדר אַרויסצוּוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויף די עלטערן?

פלוצלינג האָט ער כיטרע אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן:

— וויפיל האָסטו נאָך פון האַלבן דאָלאַר, וואָס איך האָב דיר געגעבן שבת אין אָוונט?

— וואָס? דערפון האָב איך שוין גאָרנישט.

— זאָג נישט קיין ליגן.

— גאָט אייניציקער, פאַ, — האָט פויל אויסגעשריגן מיט פאַרדרוס, —נאַ, טו אַ קוק ביי מיר אין קעשענע! שטענדיק זאָגסטו מיר, אַז איך זאָג ליגן! נאַ, זוך, אויב דו ביסט שוין אַזוי — איך האָב נישט קיין צעבראָכענעם סענט.

— וואָס האָסטו טאַקע דערמיט געטאָן? אַרויסגעוואָרפן ביים ביליאַרד־שפּילן, דאָס קאָן איך מיר שוין פאָרשטעלן! וואָרט,

מיין ליבער, דערפאַר טאַקע באַקומסטו פון היינט אָן קיין סענט נישט און איבעריקנס, איך פּאַרוועך דיר גאַנץ בפירוש, אַז דו זאָלסט וועגן נישט איז ווידער —

— איך וויל עס גאָר אַליין נישט, פאַ! איך האָב אַ טייל אויסגעגעבן אויף צוקערלעך, און ס׳איבעריקע אויפן זאַמל-טעלער אין קירך.

— ווי, אין קירך? אָבער דאָרט איז דאָך גאָר דיין פוס נישט געווען. איך האָב געפרעגט דעם פּאַסטאָר האמפּטאָן, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט דיך נישט געזען.

מ׳מוז וויסן, אַז ארנאָלד בענטאָן האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן בריה אין דער טעכניק פון בלאָפן. ער האָט מאַ ע אויף דעם אופן אַמאָל פאַרקויפט אַ טראַקטאָר.

— איצט וועט עס זיך אויפקלערן! דער אַלטער גלח איז שוין אַביסל אַן עובר-בטל!

— אָבער פּויל, — האָט זיך געבייזערט פרוי בענטאָן.

— אויב ער זאָגט, אַז איך בין נישט געווען! גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין יאָ געווען! אַ משוגענער הונט האָט אים זיכער אַ ביס געטאָן —

— נו, אפשר האָט ער אַ טעות געהאַט, — האָט הער בענטאָן געשווינט אַ זאָג געטאָן. מיר איז טאַקע אָנגענעמער, אויב דו ביסט דאָרט יאָ געווען. בכלל, דאַרפסטו געדענקען — ווידער האָט ער שוין גערעדט הויך און גראָב—פון היינט אָן וועסטו מיר קיין איין זונטאָג נישט דורכלאָזן, פאַרשטייסט, צי ניין! איך וויל נישט, אַז מיין זון זאָל ווערן אַן אַטעאיסטישער שלימזל און זיך אַרומטרייבן מיט שפּילערס און רויכערן פּאַפּיראָסן און —

— ארנאָלד! פּאַפּיראָסן?

— יאָ, דאָס ווייסטו נאָך נישט! אונזער הער זון שפּילט איצט די ראָל פון אַ לעבויונג. לעצטנס שפּעט אין אָוונט —

— פאַ! צי קאָן איך באַקומען די פופציק סענט?

— ניין! מ׳מעג מיר דיך אַרויסגנבנען מיטן צייכנפּאַפּיר! לעצטנס —

— אַרנאָלד!

— לעצטנס שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך מיר אין די אויגן באַרימט, אַז ער רויכערט און —.

— און אין קירך וועלן מיך איצט קיין צען פערד נישט אַוועקפירן! — האָט פויל זיך צעהיצט, ורעלנדיק פאַר יעדן פּרייז פאַררייבן דעם פּאַפּיראָסן-קריזיס.

אָבער ער האָט זיך צו שטאַרק פאַרגאַלאָפּירט.

פּאַפּיראָסן-רויכערן, צייכנפּאַפּיר און ביליאַרד-שפּילן, דאָס אַלץ איז לגמרי גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער נאַר וואָס אַרויסגעוויזענער אַפּיקורסות.

— וואָ--אָס! — איז די מוטער געבליבן אַ טויטע און אַ קוק געטאָן אויף פּוילן, ווי זי זאָל אים איצט דאָס ערשטע מאָל דערזען.

— אַזוי? — האָט געדונערט דער פּאָטער. — דאָס וועלן מיר נאָך זען.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול. זיין גראָבער פּנים איז געוואָרן רויט פון צאָרן.

פויל איז אויך גלייכצייטיק אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשווינטקייט פון אַ קאַץ. מיט צעפרידנהייט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פּאָטערס געוואַלטיקן ריקצוג מיט אַ פּאָר טעג פריער. אויף זיין סובטעלן קינדערגעמיט האָט עס געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק. פון דערדאָזיקער דערינערונג האָט ער געשעפּט מוט. מיט אַ מוראדיקער קאַלטבלוטיקייט האָט ער זיך צוגעקוקט ווי דער פּאָטער שטייט און טרייסלט זיך אין זיין מאַכטלאָזן גרימצאָרן.

— איך בין קעגן דער קירך, — האָט פויל איין פאַר אַלעמאָל דערקלערט, אויפהייבנדיק הויך זיין קאָפּ. — דער גרעסטער טייל גייט נישט אין קירך, און איך גיי אויך נישט מער. דו און מאַם, איר גייט דאָך אויך קיינמאָל נישט. און דעריבער קאָנט איר עס פון מיר נישט פאַרלאַנגען! מיט די ווערטער האָט ער בדעה געהאַט אַוועקצוגיין.

—דו גייסט די מינוט צוריק! דאָס מוז איין פאַר אַלעמאָל

דערליידיקט ווערן, דו אומפאַרשעמטער —

— אַרנאָלד, נישט אַזוי הויך! פּויל, איך בעט דיך, קום צום טיש, ס׳איז אַ מיספאַרשטענדעניש —.

— קיין שום מיספאַרשטענדעניש! איך וועל אים די ביינער צעברעכן, דעם גראָבן יינג —.

— און דיין געלט קאָנסטו אויך האַלטן פאַר זיך! איך בין מער נישט קיין קליין קינד!

— פּויל, דו הערסט, צי נישט! אַהער, זאָג איך!

— הע, טאָ קום טאַקע און נעם מיך!

— אָבער, אַרנאָלד, באַרויק זיך דאָך!

— מ׳מעג אייך אַלעמען אַוועקגנבענען! — האָט פּויל, טריומפירנדיק, אויסגעשריגן און אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר דעם פאָטער אונטערן נאָז.

פון דער אויסזיכט אויף אַ מלחמה מיט זיין לאַנגפּיסיקן תכשיט האָט זיך הער בענטאָן לגמרי אָפּגעזאָגט. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך שטום געביסן די ליפּן, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט, אַראָפּגעלאָזן די דיקע אַקסלען און זיך פאַמעלעך אַריינגעשלעפּט אין קיך, כדי זיך אַדורכצושמועסן מיטן ווייב, וואָס איז נאָך כסדר געזעסן ווי אָן אַ נשמה.

— אַרנאָלד בענטאָן, — האָט זי געיאָמערט, — צי דאַרף דיין זון אַזוי מבזה מאַכן זיין אייגענע מוטער? ניין, אַזאַ מין שרעקלעכע זאַך האָב איך מיין גאַנץ לעבן נישט געהערט.

— אַך, הער אויף, קאַרא! דו ביסט אַליין שולדיק אין דעם — דו האָסט דערלאָזן דערצו, אַז ער זאָל זיך אַרומשלעפּן איבער שפּיל-הייזער און גאָט ווייסט ווו. ס׳איז דעריבער קיין ווונדער נישט —.

— איך האָב עס דערלאָזן? נו, אַרנאָלד, זיי אַזוי גוט, ווער ס׳האָט דאָס אַלץ דערלאָזן, ביסטו געווען. דו האָסט געוווסט, אַז ער רויכערט און קיין וואָרט נישט געזאָגט —.

— איצט הער מיך נאָר אויס איין איינציקן מאָמענט: דו האָסט דאָך איבערגענומען אין דיינע הענט די גאַנצע דערציִונג. שפּרינג מיר נאָר נישט אַזוי גלייך אין פּנים אַריין. איך בין אין

דרויסן, נישט אמת, און לויף זיך אָן געבוג ווי אַ גוטער הונט, כּדי מיר זאָלן האָבן צום לעבן און קאָנען קומען אַביסל צו זיך, און פאַר דער צייט ביסטו תּמיד געזעסן אין דערהיים און גע-לייענט נאַרישע ליבע-געשיכטעס און דיין זון — דיין זון געלאָזן ווערן אַ פוסטעפּאַסניק. וואָס מיינסטו, ווער פון אים אויסוואַקסן?

— דו, איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז ווען איך בין אַ מאַנס-ביל, און מיין זון זאָגט מיר עפּעס אַזוינס אין פּנים אַריין, וואָלט איך אים —.

A-5100

— וואָס וואָלסטו אים, למשל, געטאָן? אַדרבא טו עס טאַקע, איך בעט דיך! טו עס בעסער היינט איידער מאָרגן! פאַרנעם זיך טאַקע דו מיט דער גאַנצער דערציונג פון איצט אָן, זאָל ער פון מיינעטוועגן ווערן אַ גאַסן-רויבער, נאָר מיר זאָלסטו קיין פאָרווורפן נישט מאַכן. איך בין דאָך גאָט צו דאַנקען נישט קיין סך אין דערהיים. ביז צו דעם פונקט האָסטו אים דאָך אויף אַ גליקלעכן אופן דערצויגן, און איצט ביסטו טאַקע מחויב דיין דערציונג צו פאַרענדיקן, גוט, צי שלעכט! אָבער ווען איך זאָ, בײַ זיך אין הויז האָבן אַ דעה בנוגע דיסציפּלין, וואָלט איך אים צעהאַקט אויף קרעפּלפלייש.

— ניין, זעסטו, אַרנאָלד, אַזוי האָב איך דאָס נישט גע-מיינט! איך האָב בלויז געקלערט, אפשר ביידע צוזאַמען —.

3

ציטערנדיק פון גרויס אויפרעגונג און צעטומלט דורכן איבעראַשנדיקן דערפאָלג פון זיין חוצפּה, האָט פויל מיט לאַנגע טריט געשפּרייזט אין שטאָט אַריין.

פאַר גרעסעלס שענק האָט ער געזען שטיין בוקס און לאַריס אַלטן פאָרד-וואָגן; בוק איז געזעסן ביים רודער. פויל איז אַריבער די גאַס, איינגעשטיגן אין אויטאָ און זיך אַוועקגע-זעצט לעבן בוקן.

— וואָס אַזוינס איז מיט דיר געשען, טקיטער! — האָט

בוק גייגעריק אַ פרעג געטאָן — די זעסט אויס ווי די זאָלסט זיך קלויבן אָפרייסן ביי עמיצן אַ פוס.

פויל האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, זיך אָנ-געשפּאַרט טיפער אויפן קישן און געקוקט מיט אַ פינצטערער מינע אויף די מיט בלאָטע באַשפּריצטע שוך-שויבן.

— אָך, קיין שום עקסטרע מעשיות! — האָט ער מיד אָפּ-געזיפצט.

באַלד האָט ער אָבער צוגעגעבן:

— איך האָב בלויז מיין אַלטן געזאָגט, אַז מ׳מעג מיר אים אַרויסגנבענען. און האָב זיך אָפּגעטראָגן

בוק האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט און געזאָגט מיט אַ הכנעהדיקן שמייכל:

— דו הויבסט אָן אַ ביסל צו פרי, סקיטער! האָב שכל און האַלט זיך מיט די אַלטע אַ ביסל נענטער — דו ווייסט נישט, ווען דו קאָנסט זיי נאָך דאַרפן האָבן.

פויל האָט אויסגעהערט דעם מוסרדיקן טאָן און צוגעוואָרפן אַ לאַנג פאַרוואורפספולן בליק. דערנאָך האָט ער ווידער אַמאָל אָפּ-געזיפצט, ווי אַ ציניקער, וועמען ס׳איז שוין מיאוס דאָס לעבן.

— איך האָב אַן אומגליקלעכע היים, — האָט ער טראַגיש אַ זאָג געטאָן און ציטירט דערביי וואָרט ביי וואָרט אַ פילם-טיטל, וואָס איז אים געבליבן אין זכרון.

לאַררי האַרטמאַן האָט זיך באַוויזן און איז אַרויפגעשפּרונ-גען אויפן טריטברעט.

— פאַרטיק? — האָט ער שאַרף אַ פרעג געטאָן.

— אַלרייט — בוק האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, כדי צו לאָזן לאַררין דעם פּלאַץ ביים רודער.

לאַררי האָט געוואַרט נאָך אויף עפּעס.

— צי קאָן מען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קאָפּ-באַוועגונג אין פויל׳ס ריכטונג, צוואַרפנדיק בוקן אַ פילזאָגנדיקן, פאָרשנדיקן בליק.

בוק האָט זיך געווענדט צו פוילן:

— אַדיוס אַלזאָ, סקיטער, — האָט ער צערטלעך דערמאָנט

פוילס טראַגישער אויסדרוק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַהאָלפן שטויגען. ס׳האָט געדויערט אַן אויגנבליק ביז ער האָט, הילפלאָז געקרענקט, פאַרשטאַנען דעם ווונק. מיט אַ הויכמוטיקער מינע איז ער אַרויס פון אויטאָ.

פול אָנמעכטיקן צאָרן אויף די אַוועקפאָרנדיקע איז ער געבליבן שטיין אויפן גאַס. וווהין זענען זיי, אייגנטלעך, געפאָרן, וואָס זיי מאַכן דערפון אַזאַ סוד? וואַרשיינלעך, עפעס זייער וויכטיקס! זיך אָנזויפן צום טויט! און אים, פויל בענטאָן, אַזאַ כוואַט אַ יינגל, אים האָבן זיי נישט געוואָלט מיטנעמען! אַך! אויב אַזוי מעג שוין אַלץ גיין צו אַלדי-רוחות!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַנטשלאָסן אַוועק אין דער ריכטונג צום שפּיל-זאַל. דאָרט איז ער אָפּגעזעסן דעם גאַנצן אָוונט און זיך געפּרוּווט אין יעדער ריכטונג צוצוגעבן זיין געזיכט אַ שטאַרק געקינצלטן ערנסטן אויסדרוק. מיט אַ פאַראַכטונגספולער מינע האָט ער זיך צוגעקוקט צו די ביליאַרד-שפּילער, געשאָלטן אַזוי שטאַרק ביז ס׳איז אים אַליין מאוס און נמאס געוואָרן, און אויסגערויכערט ביזן לעצטן צי אַלע פּאַפּיראָסן, וואָס מ׳האָט אים אָנגעבאָטן.

מיט וואַקלענדיקע קניען און פאַרווילדעטן בליק איז ער שפּעט ביינאַכט געקומען אַהיים. „דער אַלטער זאָל זיך נאָר נישט דערוועגן אַ פּיפּס צו טאָן”, האָט געזאָגט זיין בליק; דאָך איז עס פאַר אים געווען אַן אומענדלעכע דערלייכטערונג, וואָס די עלטערן זענען שוין פעסט געשלאָפן.

זיין פינצטערע מינע האָט ער אָבער נישט אַראָפּגעוואָרפן. ביים אויסטאָן זיך האָט ער, פאַרקערט, געהאַלטן אין דער שטיל אַ לאַנגע, רעוואָלוציאָנערע דרשה קעגן טאַטע-מאַמע, און מיט צונויפגעפּרעסטע אויגן לאַנג און גיפטיק זיך צוגעקוקט צום פאַרפינצטערטן יינגלישן פנים, וואָס האָט צו אים אַרויסגעקוקט פון שפּיגל.

פינפטער קאפיטל.

דער שול-יום-טוב האָט געהערט צו יענע נישט צוגעפּאַס-טע, אַנטידערציערישע פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס די דאָרפישע מיטלשולן פלעגן פון צייט צו צייט איינאָרדענען פאַר זייער שילערשאַפט.

גאַסטגעבער איז געווען דער דריטער קלאַס, אויף אַזוי פיל, וואָס דאָס קרעפּ-פּאַפּיר אויף דער דעקאָראַציע איז געווען באַצאָלט פון זייער קלאַסן-פאָנד. צוויי וואָכן פאַר דעם געשעע-ניש איז שוין דער קלאַס געווען לגמרי אַרויס פון די כלים. עס זענען פאָרגעקומען שטורמישע פאַרזאַמלונגען, מ'האָט געשאַפן איין קאָמיטעט נאָכן צווייטן, פאַרגאָסן ביטערע טרערן, ווייל נישט יעדער קלאַסן-מיטגליד האָט זיך געקאָנט באַטייליקן אין פּראָגראַם, און אויף אַזאַ און אויף הונדערט אַנדערע אופנים האָט מען סוף כל סוף דערגרייכט דעם אייגנטלעכן ציל: אין משך פון אַ גאַנצער וואָך פּטור צו ווערן פון די לעקציעס אָדער פשוט צו זיצן אין דערהיים.

פוילן און אַלע איבעריקע ערשטקלאַסלער איז שוין ממש אומטעגלעך געווען איינצוהאַלטן, אַזוי שטאַרק זענען זיי געווען פאַרנומען מיט דער שמחה פון באַפאָרשטייענדיקן יום-טוב, און האָמערס טיראַדן האָבן לגמרי אומגעהערט פאַרבייגעדונערט פאַר זייערע אויערן.

אין פּויליס מוח האָט זיך כסדר פאַרפעסטיקט אַ דרייסטער אַנטשלוס: ער מוז אומבאַדינגט פועלן ביי זיין אַלטן, ער זאָל אים אויפן אָוונט אָפּגעבן דעם פאַרד. שוין אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אויפגעפירט פּאַ־דעכטיק מוסטערהאַפט, און פון צייט צו צייט געלאָזט פאַלן באַדייטונגספולע באַמערקונגען, ווי געשיקט ער קאָן אומגיין מיט אַן אויטאָ, און אַז היינט צו טאָג קומען טאַקע ס׳רוב ווירקלעך עלעגאַנטע יינגען מיט אייגענע אויטאָס אין שולע אַריין.

דער יום־טוב האָט געזאָלט פאַרקומען פרייטיק אין אָוונט. דינסטיק נאָכמיטאָג האָט פויל געטאָן עפּעס לגמרי אומגעוויינלעכס: ער האָט אַרויסגערוקט דעם אַזוי אויך גוט געפלעגטן פאַרד פון גאַראַזש און אים אָרנטלעך אַרומגעוואַשן. ער איז אפילו אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אים מיט אַן אַלט העמד בלאַנק אַרומגעפּוצט. די מוטער, וועלכע האָט צופעליק אַרויסגעקוקט פון קיך־פענצטער, האָט שטאַרק באַוווּנדערט זיין פּלוצלינגדיקן איינפאַל. זי האָט צערטלעך צוגעשמייכלט און זיך אומגעקערט צו איר אַרבעט.

מיטוואָך האָט זיך פויל באַפרייט פון שולע, מאָטיווירנדיק זיין בקשה מיט דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט צורעכט צו מאַכן דעם אויטאָ. ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן בעתן אָוונטברויט אַרויסצוטרעטן מיט זיין ביטע און זי אומבאַדינגט דורכצופירן.

הער בענטאָן איז גראָד דעם טאָג געקומען שפּעט אַהיים. ער האָט ממש געשטוינט פון זיין גוטער שטימונג. נישט בלויז דאָס, וואָס ער האָט היינט אין קלאָרק פאַרקויפט צוויי טראַקטאָרן און אַ שניידמאַשין, נאָר ער איז אויך געווען אויפן בייעם גוט פון אַ רייכן פאַבריקאַנט, וואָס וויל פאַרגרעסערן זיין באָדןבאַזיץ מיט עטלעכע גרויסע ערד־שטחים און וועט זיכער דאַרפן אַ גרויסן טראַנספּאָרט פאַרשידענע סאָרטן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. דערדאָזיקער הער האָט זיך מאַמענטאַל פאַרליבט אין טאָמפּזאָן־טראַקטאָר און צוגעזאָגט בענטאָנען צו מאַכן דורך אים אַלע זיינע באַשטעלונגען.

פויל האָט פלייסיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געלאַכט כלומרשט פון גאַנצן האַרצן און לוסטיק צוגעגעבן:

— או, יאָ, פיין, פאַ!

דערביי האָט ער געוואַרט, ווי אַ פוקס, אויף אַ גוטן און גינסטיקן מאָמענט, כדי אַרויסצופאָרן מיט זיין בקשה.

דער מאָמענט איז געקומען, בעת דער פאָטער איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיטן געוואַלטיקן מאַשינען-טראַנספּאָרט, וואָס דער נייער קונה וועט זיכער איינגיכן איינקויפן.

— דו, פאַ, — האָט פויל אָנגעהויבן לגמרי מיט אַ זייטיקער זאַך, כדי נישט צו פאַראַטן תיכף זיין חוצפהדיקן פּלאַן, — צי ווייסטו, אַז די באַרטאָלאָמעאָס האָבן געקויפט אַ נייעם אויטאָ? איך האָב געזען בודן פאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין. יאָ, ס׳רוב ייִנגען אין שולע קומען דאָך איצט אַהין מיט זייערע אייגענע אויטאָס.

— איבעריקנס, אויטאָ, — האָט דער פאָטער געשטאַמלט, — איך האָב געזען, דו האָסט נעכטן אונזערן אַרומגעוואַשן. דאָס איז גוט — ס׳פרייט מיך, וואָס דו אינטערעסירסט זיך אַביסל מיט דער היים אויך.

— אָך, יאָ! אָבער וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, פאַ, יעדער איינער, אַפילו די גאָר קליינע האָבן איצט אויטאָס. דו ווייסט דאָך, פרייטיק אין אָוונט האָבן מיר אַ גרויסן שול-יום-טוב, און אָט האָב איך די גאַנצע צייט געקלערט, ווי ס׳זאָל זיין, אפשר איז עס דיר נישט רעכט — אַז איך — נו, אַז איך זאָל נעמען דעם פאָרד אויף פאָרן אַהין און צוריק — נישט אויף לאַנג! אויף ערנוואָרט, פאַ, ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבן די פריער-צוגעגרייטע רעדע, איך וועל פאָרן זייער פאַמעלעך און נישט מיטנעמען קיין שום אַנדערע ייִנגלעך און —

חער בענטאָן האָט אים איבערגעהאַקט:

— אָך אַזוי; דעריבער הייסט עס? נו — אַ לאַנגע נערוון-שפּאַנענדיקע הפסקה. — איך וועל גאָרנישט האָבן קעגן דעם, אויב דו וועסט גאָר גוט אַכטונג געבן. זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט נאָר פאָרן פון דאַנען אין שולע און צוריק און קיין איינ-

צ‍יקן טריט נישט מער?

— יאָ, ערנוואָרט. גאַנץ באַשטימט! — אין דעם מאָמענט וואָלט אים פויל צוגעזאָגט הרים וגבעות.

פאַר הער בענטאָן איז דער ענין דערמיט געווען דערליידיקט, מיט זיין זון האָט ער זיך שוין מער נישט אינטערעסירט, נאָר זיך געווענדט צו זיין פרוי און אַנטוויקלט פאַר איר מיט אַלע פּרטים די קונסט פון טראַקטאָר-פאַרקויף, מיט וועלכער עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, אַלס ספּעציאַליסט, אַ געוויסער אַרנאָלד בענטאָן. דעמדאָזיקן אויספירלעכן פאָרטראָג האָט שוין פרוי בענטאָן אין פאַרלויף פון יאָר געהערט אַ מאָל צען, זי האָט אָבער פון צייט צו צייט פאַרמאָגט די אייגנשאַפטן פון אַן אויסגעצייכנטער געטרייער ווייב, זי פלעגט הכנעהדיק צושמייכלען און אויסדריקן איר שטאַרקע התפּעלות.

פויל איז בעת מעשה געזעסן ווי פאַרגליווערט און געקוקט, פול גליק און פאַרוווּנדערונג, אויף זיין גאָפּל. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. הייסט עס באמת? ער וועט נישט אין חלום, נאָר אויפן וואָר פאָרן מיטן פאָרד צום שול-יום-טוב! יאָ, דאָס איז דאָך פּשוט, פּשוט פּרימאַ!

— מאָם! געשווינט, געשווינט, גיב געשווינט אַהער וואַסער! אַך, איצט האָב איך שוין די זייף אינגאַנצן אין די אויגן! האָב רחמנות, מאָם, מאַך עס גיכער!

דאָס פּנים און דעם האַלדז אינגאַנצן פאַרשמירט מיט געדיכטן ווייסן זייפן-שוים, האָט פויל ווי אַ בלינדער געטאַפּט אין קיך דאָס וואַשברעט.

2

— מאָם! — האָט ער געוואָיעט, צוזויפּקוועטשנדיק ענגער די אויגן אונטערן בייסנדיקן זייף.

פרוי בענטאָן האָט אַוועקגעוואָרפן אירע כלים און איז געלאָפן העלפן איר זון. זי האָט אַריינגעגאָסן אַ טאָפּ וואַרעמע

וואַסער אין דער ווייסער וואַש־שיסל, וואָס פֿויל האָט בעת זיין בלינדן אַרומבאַלעבאַטעווען געהאַט נאָר וואָס אויסגעגאָסן.

אַ גליקלעכער האָט ער זיך אַ גאָס געטאָן דאָס וואַסער איבערן קאָפּ און פֿאַרנעצט דערביי זיינע קליידער און די פּאָדלאָגע אויף אַ גרויסן שטח. ער איז געווען נאַקעט ביזן גאַרטל. דאָס אָפֿענע אונטערהעמד האָט ווי אַ שירעם אַראָפּגעהאָנגען איבער די הויזן. די שיך, וואָס זענען פֿאַרן וואַשן זיך געווען בלאַנק אויסגעפּוצט, האָבן איצט געהאַט פֿלעקן פֿון פֿאַרשפּריצטן זייפֿן־וואַסער.

פֿויל האָט זיך געפֿליוכעט און געכליוסקעט ווי אַ לוסטיק ים־חזירל, און דערנאָך אָנגעהויבן מיט אַ גראָבן האַנטוך אַזוי אַרומפּראָטירן זיין שלאַנקן אויבערקערפּער, אַז די הויט האָט זיך באַדעקט מיט אַ געזונטער רויטקייט און זיינע באַקן האָבן גענומען גלאַנצן. די נאַסע האָר האָבן זיך איבערן שטערן צונויפֿגעדרייט אין אַ גראָטעסקן בלאָנדן קנויל. מיט שמערצפֿולע גרימאַסן האָט פֿויל, שטייענדיק ביים שפּיגל, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געקעמט מיטן אַלטן, צעבראָכענעם קאַם זיינע צעקודלטע האָר אַזוי לאַנג, ביז די פֿריזור איז ענדלעך, פֿייכט און גלאַט, געווען אין אָרדענונג. דערנאָך האָט ער צונויפֿגעלייגט דאָס האַנטוך, עס אויסגעשפּרייט איבערן קאָפּ און עס מיט די הענט געדרוקט אַזוי לאַנג אויף הינטן און אַזוי העפֿטיק געדריקט, אַז די אויגן זענען אים ממש פֿון קאָפּ אַרויסגעקראָכן. אַז ער האָט אַראָפּגענומען דאָס האַנטוך זענען די האָר געלעגן אַזוי אומגלויבלעך גלאַט און פֿלאַך, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אַ פֿעסט זיצנדיקע פּריזור־הויב פֿון גלאַנציקער לעדער.

מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל האָט זיך פֿויל צוגעקוקט צו זיין בילד אין שפּיגל, אַרויפֿגעצויגן דאָס פּיטשנאַסע הינטערהעמד אין דער הויך, עס צוגעקנעפּלט און מיט אַ הויכער, אָנמעלאָדישער פֿייפֿעריי אַריין צו זיך אין צימער.

אַ לענגערע צייט איז ער געווען באַשעפֿטיקט מיטן זוכן אַן אויבערהעמד פֿאַרן היינטיקן אָוונט. דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך שוין לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דעם שטייפֿן, נייעם, „דער־

וואַקסענעם" העמד, ער האָט אָבער געוואָלט האָבן דאָס פֿאַרגעניגן נאָך אַביסל זיך אונטערצושפּילן מיט אַזאַ מין אָנגענעמער מעגלעכקייט. ענדלעך האָט ער מיט גרויס פֿייערלעכקייט אַרויסגענומען דאָס העמד פֿון שופֿלאָד.

אַ מיאוסע האַלבע שעה איז אַוועק אין אומגעמיטלעכע און אָנשטרענגנדיקע איבערלעבענישן מיטן פֿאַרקנעפּלען דעם צופֿיל זעלבסטשטענדיקן קראַגן און די ווידערשפּעניקע מאַנקעטן; באַלד האָט זיך אָבער פֿויל אַוועקגעשטעלט אויף די שפּיץ־פֿינגער ביים שפּיגל און ממש צעבנעקוואָלן פֿון זיין אויסזען אין פֿולן גלאַנץ פֿון דעם „דערוואַקסענעם" העמד מיטן קראַגן, וואָס קנעפּלט זיך אָפּ.

ער האָט זיך געצופּט און געגלעט, נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל געטאַפּט זיינע ווי צוגעקלעפּטע האָר. צען מאָל נאָכאַנאַנד פֿאַריכט דעם פֿיינעם גרויען קראַוואַט און פֿלוצלינג זיך מוראדיק דערשראָקן, באַמערקנדיק צוויי רויטע פּרישציקלעך, וואָס האָבן זיך ביז היינט גאַנץ רויק געהאַלטן ביי אים אויפֿן באַק. ער האָט זיי געריסן, געקוועטשט און דערפֿון האָבן זיי זיך נאָך נאַטירלעך מער אַנטצינדן און אויסגעזען צוויי מאָל אַזוי גרויס. טואַלעטן־פּודער! איז אים איינגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק; ווי אַ פֿייל פֿון בויגן האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין דער מוטערס צימער אַריין און באַהאַלטן די פֿיינלעכע ערטער אונטער אַ גאַנצן באַרג פּודער. דערזעענדיק דאָ אַ פֿלעשל פּערפֿום האָט ער אַ גוטע העלפֿט אויסגעגאָסן אויף זיין נאָזטיכל.

ער איז אַריינגעגאַנגען צוריק צו זיך אין צימער, זיך אַ זעץ געטאָן אויף די קני און מיט יסורים גענומען נאָכאַמאָל פּוצן די שיך, פֿלוצלינג האָט זיך דערהערט פֿון אונטן דער מוטערס שטים.

— פֿויל, מיין ליב קינד, — האָט זי געשריגן, ס'איז שוין באַלד אַכט!

— וואָס? — האָב ער צוריקגעשריגן אין אַ העכסט טראַגישן טאָן און אין גרויס שרעק אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך. דער יום־טוב האָט זיך געזאָלט אָנהייבן אַרום זיבן.

— ס'איז דריי מינוט פאַר אַכט, — האָט זי דערקלערט, אָנבויגנדיק זיך אָן א זייט, כדי צו קאָנען קאָנטראָלירן גענוי דעם אַסטמאַטישן קיך-זייגער.

אַ מאָמענט איז פויל געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, דאַן האָט ער מיט אַ ווילדן שפּרונג אַ נעם געטאָן דעם הוט מיטן מאַנטל. אַרויפזעצנדיק דעם הוט ווי ס'איז אויפן קאָפּ, האָט ער אַראָפּגעטאַנצט פון די טרעפּ, און דער מאַנטל, אָנגעטאָן בלויז אויף איין האַנט, האָט געפלאַטערט הינטער אים. מיט איין שפּרונג איז ער דורך דער קיך און דער הינטערטיר אַרויס אויפן הויף.

ביי דער גאַראַזש-טיר איז ער ווילד צוריקגעשפּרונגען, באַמערקנדיק, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם צינד-שליסל. נאָכאַמאָל צוריק אין הויז אַריין און מאָמענטאַל צוריק מיטן שליסל אין האַנט.

מיט אַ שטאַרקן געפּילדער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן פירער-פּלאַץ, אַריינגערוקט דעם שליסל אין דעם צינדער און אַוועקגעלאָזן דעם מאָטאָר.

ס'האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע אייביקייט, אוממעגלעך געווען זיך צו דערוואַרטן, ביז דער מאָטאָר זאָל אין דער פינצטערניש פון גאַראַזש ענדלעך אָנהויבן זיין אומאַנטשלאָסן ברומען. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט פויל מיטן גאַז-העבל אונטערגעהאָלפן. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן בעת דער מאָטאָר האָט שוין איינמאָל אַרויסגעלאָזן אַ ווידערוויליקן ווילדן גערויש און איז באַלד ווידער אָפּגעשטאָרבן. אויפן שוידערהאַפטן, אַנטגיילטיקן שטייגער פון די פאָרד-וואָגנס.

ביי יעדן „אַה—רר. אַה—רר" פון מאָטאָר האָט פויל איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיט אַ זיפץ פון דאַנקבאַרקייט האָט ער סוף כל סוף דערהערט, אַז דער מאָטאָר איז דאָך מסכים זיך אַוועקצולאָזן צווישן די מענטשן. פויל האָט גערוקט דעם גאַז-העבל אַהין און צוריק און אַוועקגעלאָזן די מאַשין מיט דער געהעריקער קראַפט. דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעבויגן אויף לינקס, זיך אויסגעקירעוועט אויף הינטן און אַרויסגעפאָרן פון גאַראַזש לענגאויס דעם גאָרטן-וועג אַזוי געשווינט און מיט אַזאַ

ליאַרם, אַז דער פֿאָטער איז פֿון פֿאָדערשטן צימער מיט אַ ווילדן געשריי „צו אַלדי רוחות״, צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער און אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד די אָונטצייטונג.

פֿויל האָט אַרויסגעיאָגט דעם פֿאָרד אויף דער ברוקירטער דאָרף-גאַס, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און דערנאָך מיט אַמאָל זיך אַ לאָז געטאָן אַזוי געשווינט, אַז פֿאַרן אַלטן מאָטאָר איז עס שוין געווען אַביסל צו שטאַרק.

ער איז אָפּגעשטאָרבן מיט אַ שוואַכן וויגעשריי, האָט זיך אָבער באַלד אַ דאַנק די נגייע, נערוון-דערשיטערנדיקע פּרוּוון פֿון גאַז-העבל ווידער געמאַכט האַרץ.

ענדלעך האָט ער עס געבראַכט אַזוי ווייט, אַז דער וואָגן איז צוגעפֿאָרן צום שטאָט. פֿויל האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן, זיך אויסגעצויגן ברייטלעך אויף די קישנס און אַ רוק געטאָן דעם גאַז-העבל מיט אַ נאַכלעסיקער האַנטבאַוועגונג אויף דער העכסטער געשווינקייט.

3

העלע ליכטקוואַדראַטן האָבן באַלויכטן דעם הויכן בלאָק פֿון שול-בנין. אומגעפּע־ אַ טוץ אויטאָס זענען געשטאַנען פֿאַר דער געביידע, אומגעלומפּערט אויסגעשטעלט, נישט אויסנוצנדיק דעם פֿרייען שטח, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום אינסטרוקציעס — מיט איין וואָרט: דאָרפֿיש, שטייגעריש. פֿויל האָט געמוזט אָוועקפֿאָרן מיט אַ פּאָר הייזער ווייטער, ביז ער האָט געפֿונען אַן אָרט ווו זיך אַוועקצושטעלן.

ער האָט געשלאָסן דעם מאָטאָר, איז אויסגעשטיגן אין איין דער פֿינצטער געשווינט אַוועק אין שולע, פֿון זיינע שיינע חלומות וועגן אַ שטורמישן קבלת-פּנים, וואָס דערוואַרט אים דאָ, האָט ער זיך שוין לאַנג מיאש געווען.

מיט אַן אומצופֿרידענעם, אָבער פֿעסטן אויסדרוק אויפֿן פּנים איז ער אַריין אין קאָרידאָר. די פֿאַרשטויבטע ווענט זע-

נען געווען דעקאָרירט מיט פּאַפּיר-גירלאַנדעס אין רויט א ווייס, די פאַרבן פון דריטן קלאַס, ס׳האָט אומגעפּער אַזוי אויס געזען, ווי דער לייטער פון אַ שטראָף-אַנשטאַלט זאָל בעת יום-טוב האָבן אַרומגעוויקלט די קאַלטע אייזנשטאַנגען מיט פלאַג טוך און דעם עלעקטרישן שטול איבערגעדעקט מיט אַ נײַ קרעטאָן-איבערצוג.

ביים אַרייַנגאַנג אין ספּאָרט זאַל האָט פויל אַ ווײַלע אונ-טערגעוואַרט. דאָרט איז גראָד געווען אין גאַנג אַ קאָרב-פּילקע-מעטש.

אין אַזעלכע קליינע שטעטלעך פאַרנעמט מען זיך געוויינלעך מיט כל-המינים ספּאָרטן, דעם אויבנאָן פאַרנעמט אָבער תּמיד די קאָרב-פּילקע. דאָס שפּילט מען אָן אַן אויפהער אַ גאַנץ יאָר, אין ספּאָרט-זאַל און אונטערן פרייען הימל.

די צושויער זענען געזעסן אויף אַ קליינעם באַלקאָן אי-בער דער ספּאָרט-האַלע אויפן צווייטן שטאָק, אָדער פּשוט אַרום די ווענט אויף דער ערד און אויפגעמונטערט די שפּילער מיט פאַרשידענע אויסרופן:

— „בראַוואָ! אַ שאָס, אַ שאָס! אַ פאַרפלוכט! האַק אים צום טייוול — איצט וואַרפן, איצט!"

בוק דאַנעלי, אַ האַלבנאַקעטער, קרעפּטיקער אַפּאָלאָ *), איז געשטאַנען אין רעכטן צענטער פון די שפּילער. ער איז געווען די נשמה פון גאַנצן שפּיל: ווי אַ ווירבלווינט האָט ער זיך געטראָגן הין און צוריק אויף זיינע גומי-פּאָדעשוועס, אויפ-געכאַפּט פּילקעס, געוואָרפן, געלאָפן און געשלאָגן האַקעס. פּלאַטש, פּלאַטש, פּלאַטש האָט זיך געהערט דאָס אויפשפּרינגען פון דער פּילקע; פאַרברוינטע אָרעמס האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, און אין שיינע בויגנס האָט די פּילקע געקנאַקט אין קאָרב אַריין. לאַרי האַרמאַן איז געווען אַ מיטלמעסיקער שפּילער, מיט אַ דער-היצטן פּנים האָט ער געברילט די קאָמאַנדע-רופן און זיך נוקם געווען אָן די קליינע אומבאַהאָלפענע צווייטקלאַסלער. בוק פּונקט

*) אפּאָללא — דער גאָט פון דער זון, פון מוזיק, און פּאָעזיע.

פאַרקערט. ווי שטיל און זיכער ער האָט געשפּילט, ווי געשיקט און אומבאַזיגבאַר, און ווי קונציק ער האָט געשאָסן איין קאָרב נאָכן אַנדערן!

הער קאַרטער, וואָס האָט פיגורירט אַלס אומפּאַרטייאישער און צייטריכטער, האָט מיט זיין פייפל געגעבן דעם שלוסצייכן, און פאַרשוויצטע, אָן אַן אָטעם, האָבן זיך די יינגלעך אַ לאָז געטאָן אין דער קאַלטער גאַרדעראָב, כדי זיך אָנצוטאָן.

— דו, ווי האָט געהייסן דאָס שפּיל? פּיראַוונאַכציק, זעכציק אָדער — רעד נישט, דו האָסט דאָך נישט קיין אַנונג! טאָ האַלט שוין ס'מויל, ווו, צום טייוול, ווו זענען אַהינגעקומען מיינע שיך? דו, גיב מיר אַ צי פון דיין פּאַפּיראָס! הע, טאַנץ דיר אַרום אויף דיין אייגן העמד!

הער אירווין, מיט זיין פייכטוואַרעמער לייטזעליקייט און אָנגעשוואָלענעם שפּיציקן בויך, איז געשטאַנען אויפן מיטן שפּילפעלד און געהאַלטן אַ צען-מינוט-לאַנגע רעדע, ווי גוט דער אָוונט האָט זיך איינגעגעבן.

נישט אָן פאַרביטערונג האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז איינע פון די לעצטע פייערלעכקייטן מיטן אָנטייל פון העכערן קלאַס, וואָס גרייט זיך שוין אַוועקצולאָזן מיט איר שיף אויפן אָפענעם ים פון לעבן. ער, דירעקטאָר אָרווין, סימפּאַטיזירט זייער מיט דידאָזיקע יינגע מענטשן און פילט מיט דער טרויעריקער אויפרעגונג, וואָס נאָגט אין איצטיקן מאָמענט זייערע יוגנטלעכע הערצער.

בעת מעשה זענען פון די פּופּצן אויבערקלאַסלער פינף געווען פאַרנומען אין גאַרדעראָב מיט גאָט-לעסטערנדיקע קללות און הרמות, און זיבן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די אויטאָס פאַרן שול-בנין, פון וואַנען ס'האָט זיך פון צייט צו צייט געטראָגן אַ פאַרשטיקטער געלעכטער...

אַז מ'האָט שפּעטער אויפן שפּילפעלד זיך אָנגעהויבן שפּילן אין „ווינקעניש" האָט פויל מיט באַגייסטערונג מיטגעשפּילט. מען האָט פאָרמירט אַ גרויסן אומרעגלמעסיקן קרייז. פאַר יעדן יינגל איז געשטאַנען אַ מיידל, און ווי נאָר נאָך נישט קיין פאַרנו-

מענער יינגל האָט איר צוגעוווּנקען, האָט זי געשווינט געמוזט צולויפן צו אים.

אַלץ האָט געהאַלטן אין איין ווינקען און די מיידלעך זענען געלאָפן מיט משוגענע העזיות. די יינגלעך האָבן גע־פרווּוט גראָב און אומגעשיקט אָנצוכאַפּן, די מיידלעך האָבן לויפנ־דיק זיך אויסגעגליטשט, פּישטשנדיק געפאַלן אויף דער ערד און געוויזן שמוציקע מייטקעס. אַ משונהדיק ווילדער געלעכטער ביי די יינגלעך, און ביי די מיידלעך אַ כיכיקען, כיכיקען, כי־כיקען, ביי אַנדערע שוין פּשוט אַ היסטעריש געשריי.

אויפן פלאַנלאָזן אַלגעמיינעם יריד האָט זיך פויל ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף איין מיידל. ער האָט געוווּסט ווי זי הייסט און פלעגט איר אָפט זען אין שולע. היינט אין אָוונט האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל צו איר גוט צוגעקוקט און געפונען, אַז זי איז אַ שיינע.

זי האָט געהייסן רות שערווּד און געוווינט דריי מייל אויף מערב־זייט פון שטאָט אין אַ פּויערים־הויף. אירע עלטערן זענען נעווען פּויערים. זי האָט געהערט צו די בראָווע אין צווייטן קלאַס, איז געווען גענוג קליין, שלאַנק און רירעוו־דיק ווי אַ יינגע ציג, טונקלברוינע האָר, העלברוינע אויגן, אַ רונד, געזונט געזיכט, אַ פול רויט מויל, שיינע גלייכע פיס, לייכטע טאַנץ־פוס — דאָס איז געווען רות שערווּד.

אויף פוילס ווינק איז זי תיכף צוגעלאָפן און אין דער קווער דורכן גאַנצן קרייז. זיי האָבן געפלוידערט קינדערשע נאַ־רישקייטן, דערביי האָט רות זיך געשטיקט, געלאָפן הין און צוריק און אַרויסגערופן ביי פוילן עפּעס אַ מין שרעקלעכן, פיינלעכן געלעכטער. אַ ביסל שפּעטער איז עס געשען אַזוי, אַז זיי זענען צוזאַמען געשטאַנען אין פאָרצימער ביים סאָדע־וואַ־סער־פאָנטאַן!

אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון אָוונט האָט מען זיי געקאָנט זען זיצנדיק איינער לעבן צווייטן אויף די שמוציקע טרעפּ, פאַר־טיפט אין אַ שמועס. רעד אַליסטער, רותס קאַוואַליר אויפן דאָזיקן אָוונט, האָט זיי דאָרט אַנטדעקט. ער האָט צוגעוואָרפן

פוילן אַ פינצטערן בליק, אויף וועלכן פויל האָט פונקט אַזוי ביין אָפּגעענטפערט.

שפּעטער האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דער טומל. רות! אָ, יאָ, זי איז אַ נעט מיידל!

מ'האָט באַקומען כבוד, דין-געשמירטע זעמעלעך, קאַקאַאָ, פויל איז געזעסן אין אַ ווינקל צוזאַמען מיט אַ צענדליק יינגלעך, ס'רוב ערשטקלאַסלער.

זיי האָבן זיך גוט אַמוזירט, געשטורכעט אין דער שטיל איינער דעם אַנדערן אין די זייטן, זיך באַשפּריצט מיט קאַקאַאָ, די לערער האָבן געמאַכט מילדע באַמערקונגען. אָפטמאָל האָבן זיי זיך אַפילו אַביסל אונטערגעשאָלטן, בכלל האָבן זיי אָבער גע-האַט אַ גרויסאַרטיקן אָוונט.

האַלב עלף — די העכסטע צייט אַהיימצוגיין. דער רוב איז באמת אַהיימגעגאַנגען, עטלעכע זענען אָבער אַוועק אויף אַנדערע וועגן.

אין די קאָרידאָרן האָט מען געזען אַ מישמאַש פון מאַנט-לען און געהערט הויכע יינגלשע שטימען.

אין פאָרהויז האָט געקאָכט ווי אין אַ מיל. יעדער איי-נער האָט נאָך פאַרן אַוועקגיין זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיי-נע פריינט און חבריה. כדי זיך אַרויסצוקריגן האָט מען זיך גע-דאַרפט אָרנטלעך דורכפילטרירן.

פויל האָט זיך געפונען אין רעכטן מיטן געדראַנג, ער האָט זיך אָבער נישט שטאַרק געאיילט. גאַנץ גערן האָט ער זיך באַטייליקט אין פלוידערן און לאַכן ראָד-אַרום. צוקוקנדיק זיך אָבער אַ צייט נאָכאַנאַנד צו דעם פאָרווייזן אַוועקגיין פון יינג-לעך און מיידלעך, האָט ער פּלוצלינג דערשפּירט אַ געפיל פון איינזאַמקייט.

אַ רייע יינגלעך זענען געשטאַנען ביי דער טיר און גע-וואַרט אויף די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אין דער דאַמען-גאַר-דעראָב נאָך געפּודערט די נעז און אָנגעטאָן די היטן. אַז די מיידלעך האָבן זיך באַוויזן, זענען די יינגלעך לאַכנדיק זיי אַנט-קייגנגעלאָפן און גענומען אונטערן אָרעם.

— אַ, דאָס ביסטו, — האָבן געזאָגט די מיידלעך.

און די ייִנגלעך האָבן געענטפערט:

— לאָמיר גיין,

און דערמיט זענען זיי אַוועק.

זיי זענען געגאַנגען זאַלבעצווייט, זאַלבעפערט, זאַלבעזעקסט; דריי און פיר פּאָר האָבן זיך אָפּגעמאָל אַריינגעכאַפּט אין אַן אויטאָ און לוסטיקע זיך אָפּגעטראָגן.

פּויל האָט זיך אַריבערגעפּעקלט צו אַ גרעסערער געמיש־טער גרופּע. דאָס זענען געווען ייִנגלעך, וואָס האָבן געוואַרט אויף מיידלעך, און מיידלעך וואָס האָבן געוואַרט אויף ייִנגלעך, אויך איינצלנע, וואָס זענען דאָ געשטאַנען און געוואַרט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

פּאַר דער לעצטער צייט האָט זיך פּויל ביסלעכווייז באַ־פרייט פון זיין פּחדנות־געפיל און איז פּלומרשט געוואָרן אַ דורכ־געטריבענער גייזעלשאַפטלער און אַ געשיקטער פּלוידערער. אין דערדאָזיקער סביבה האָט ער זיך אַלנפּאַלס אויסגעצייכנט מיט זיינע וויצן. ווי כּלאחר יד האָט ער דערמאָנט זיין אויטאָ... דעם אָמניבוס האָב איך אין דרויסן.

— אָ! דו האָסט אַ וואָגן, פּויל?

— נו, פאַרשטייט זיך! מיין אַלטער באַנוצט אים אויך צייטנווייז. דו ווייסט דאָך, ווי ס'גייט צו!

ביי דעם אַלעם האָט פּויל געהאַט בלויז איין ליידנשאַפט־לעכן פאַרלאַנג, אַז אויך פאַר אים זאָל דאָ זיין אַ מיידל, וואָס ער זאָל איר גיין אַנטקעגן און קאָנען נעמען אונטערן אָרעם און אין דער פינצטער אַרויספירן.

מיטאַמאָל האָט ער גענומען פירן אַ געשפּרעך מיט אַ מיידל אָנגעטאָן אין ברוין, אַ מיידל, וואָס ער האָט זי גוט געקענט. זי האָט באַוווּנדערט זיין אויטאָ, גענומען אים אונטערן אָרעם און געדריקט זיין האַנט.

דערנאָך זענען זיי געשווינט געגאַנגען צוזאַמען איבערן גאַס, אַריינגעשטיגן אין אויטאָ, און פּויל בענטאָן אין אַרויסגע־

[פ]אַרן אין דער פינצטער, און גערטרודע הומפּרעיס איז אַ שמייכל-דיקע געזעסן לעבן אים.

— אָך, לאָמיר אַביסל פּאָרן שפּאַצירן, האָט זי געענט-פערט אויף פּוילס פראַגע. — ס'איז היינט ביינאַכט צו שיין, מ'זאָל קאָנען פאָרן גלייך אַהיים.

פּאָרזיכטיק איז פּויל אָפּגעפאָרן בערך אַ מייל אין דער ד זם-[...] פון דאָרף-וועג.

— ביים לעצטן זייטנוועג פאָר אַ ביסל אויף לינקס—האָט דאָס מיידל פלוצלינג באַפוילן.

פּויל האָט אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן.

— ס'איז זייער אַ שיינער וועג. גאַנץ רויִק אויף דערצו און —

ווי היפּנאָטיזירט האָט זיך פּויל פאַרקירעוועט אויף לינקס. ער איז לגמרי אַרויס פון די כלים; בלויז אַ פּאָרגעפיל פון אַן אָנקומענדיקער געפאַר האָט אין אים געברויזט.

דער וועג איז געווען אַ געדרייטער און אַזוי ווייניק אויס-געפאָרן, אַז די האַלב איינגעזונקענע וואָגן-שפּורן זענען געווען באַוואַקסן מיט הויכן גראָז. דאָס יינגל איז געפאָרן פּאַמעלעך און צעשראָקן. אָפּטמאָל האָבן זיך פון הינטער די זייטיקע פּאַר-קאַנעס געזען שלעכט געפלעגטע פּרוכטגערטנער, מייסטנס האָט אָבער די לבנה-שיין באַלויכטן בלויז פלאַכע און מיאוס אויס-געצויגענע קאָרן-פעלדער.

צופוסנס פון אַ קרומען בערגל האָט זיך פּויל אָפּגעשטעלט.

— זאָג, גערטרודע, וווהין פירט דען אייגנטלעך דערדאָ-זיקער פאַרוואַקסענער, אַלטער וועג? — האָט ער אַ פרעג גע-טאָן מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— אָך, ער פירט נישט אין ערגעץ.

זי האָט געמאַכט אַ שנעלע באַוועגונג און פאַרדרייט דעם [ש]לינדער און די לאָמפּן.

פּויל איז געוואָרן אומרויִק.

— זאָלן די לאָמפּן בעסער ברענען, ס'איז זיכערער! ס'קאָן

נאָך עמעצער פֿלוצלינג אַראָפּפֿאָרן פֿון באַרג און טאַקע גלייך אויף אונז.

גערטרודע הומפּרעיס האָט גרינגשעציק געשמייכלט און איז אַרויסגעקראָכן פֿון איר לייכטן מאַנטל.

— זאָלסט נאָר קיין מורא נישט האָבן, אַז דאָ וועט אונז עמעצער שטערן, ליבסטער, — האָט זי זיך חנדלענדיק אַ זאָג געטאָן.

איר דין זיידן קליידל איז געווען אָן אַרבל און זייער טיף אויסגעשניטן.

זי האָט פֿאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ און זיך אויס־געצויגן אויפֿן קישן, האַרט לעבן פּוילס פּלאַץ.

— טו אַ קוק, צי איז דאָ נישט הימליש שטיל? — האָט זי אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין און געוואָרפֿן אויפֿן יינגל אַ זייטיקן בליק. — איך האָב שטענדיק ליב זיך אָפּצושטעלן אויף אַזעלכע שטילע ערטער; דו נישט, טייערער?

פּויל האָט שטום צוגעשאָקלט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין אַ ווינקל פֿון פֿירער-פּלאַץ. כסדר האָט ער געהאַלטן אין איין באַנעצן זיינע ליפּן. זיין האַלז איז געווען ווי אויסגעטריקנט, זיינע פֿינגערשפּיצן קאַלט ווי אייז. אים איז איינגעפֿאַלן, אַז לויט אַלע, פֿאַר אַ געשיקטן יאַט, פֿאַרפּליכטנדיקע כּללים, דאַרף אַ בחור, וואָס זיצט מיט אַ מיידל אין אַן אויטאָ ביי אַן איינזאַמען וועגראַנד, זי אַרומנעמען און קושן... גערטרודע האָט אים געשפּאַנט באַטראַכט. די מוסקולן אויף איר מאָגערן פּנים האָבן זיך באַוועגט.

— ווי פֿילסטו זיך עפּעס אַזוי דאָ אַליין מיט מיר — אַזוי, ווי איצט — האָט זי געמורמלט מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול, פֿילסטו זיך נישט עפּעס אַזוי — אַזוי אַביסל מאָדנע?

אויף אַזאַ פֿראַגע האָט פּויל נישט געוווּסט וואָס צו ענט־פֿערן. ער האָט אָבער געשפּירט, אַז עפּעס וואַרט מען פֿון אים, און וואַקלדיק אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך גערטרודען, תּיכף איז זי געלעגן אין זיינע אָרעמס; איר קאָפּ איז געפֿאַלן אויף זיין אַקסל.

פאַר פּוילן איז עס, בײַ זײַן גאַנצער צעטומלעניש, געווען אַ מוראדיקער טריומף: ממש פּרימאַ! אַ בחור מיט לײַטן גלײַך! אַרויסגעפּאָרן מיט אַ מיידל און זיך געקושט! און זאָל איצט עמעצער זאָגן, אַז ער איז נישט קיין געשיקטער יאַט!

גערטרודע האָט אַרונטערגערוקט אונטער זײַן מאַנטל איר נאַקעטן אָרעם, און ער האָט געשפּירט, ווי אירע פינגער טאַפּן אים אַרום. פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי געטאַפּט? ער האָט נישט געוווּסט מיט וואָס מען עסט עס.

ווי נישט ווילגדיק האָט ער אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף אירע הייסע, נאַקעטע אַקסלען. זי האָט האַסטיק אַ ציטער געטאָן.

— אָ! — האָט זי אָפּגעזיפצט און אויפגעהויבן צו אים איר פּנים.

פּויל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעמאַכט די אויגן, פאַרביסן די ליפּן און אומגעשיקט געפּיקט אויפן פרעמדן פּנים. איידער ער האָט נאָך אויפגעהויבן צוריק דעם קאָפּ, האָט זי אים שוין פעסט אַרומגעכאַפּט מיטן אָרעם, מיט דער פלאַכער האַנט געהאַלטן זײַן קאָפּ און הונגעריק אים אַראָפּגעשלעפּט צו זיך. פּויל האָט געפילט ווי איר ציטערנדיקער מויל פאַלט אַרויף אויף זײַנעם.

ער האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן און געווישט דאָס מויל מיטן אַרבל פון ראָק. פע, שפּײַ!

ער האָט זיך אײַנגאַנצן פאַרלאָרן און קנייטשן פון עקל האָבן זיך באַוויזן אויף זײַן שטערן.

זי האָט אים פאַרוקט אין ווינקל, געהאַלטן פעסט זײַנע אָרעמס, אַרויפגעקראָכן אויף אים און אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

פּויל האָט זיך געוועהרט און זיך געריסן צוריק. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעניכטערט און איז געוואָרן ווידערשפּעניק, ער האָט זיך געהיט זי נאָכאַמאָל אָנצורירן און זיך דערבײַ אײַנער-לעך געשטעלט פאַרשידענע פראַגן.

וואָס אַזוינס האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעכאַפּט אין פאַר־שאָלטענעם מיידל? צי האָט זי זיך צוליב אים געקרענקט, אָדער וואָס אייגנטלעך? ער איז געווען אינגאַנצן צעטומלט און האָט זיך געשפּירט אַ ביסל נישט געזונט.

ענדלעך האָט זי נאָכגעלאָזן. ווי אַ באַלאָן, וואָס פאַרלירט די לופט, איז זי געווען דערשלאָגן, און געבליבן זיצן שטיל און האָפּערדיק, אַביסל זיך אָפּגערוקט פון פּוילן.

— לאָמיר פאָרן אַהיים! — האָט זי מיטאַמאָל אַ זאָג גע־טאָן מיט אַ דינער, טאָנלאָזער שטים.

פּויל האָט נישט געוואָרט, זי זאָל עס זאָגן נאָכאַמאָל. ער האָט געשווינט פאַרקירעוועט, אַרויסגעפאָרן צוריק אויפן שאָסיי און וואָס גיכער קיין וועסטפיעלד.

באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז, וווּ גערטרו־דע האָט געוווינט מיט איר פאָטער אַן אַלמן. זי איז אויסגע־שטיגן, און זיך אַפילו מער נישט אַרומגעקוקט.

— גוט נאַכט! — האָט פּויל העפלעך אַ זאָג געטאָן.

דאָס מיידל האָט נישט געענטפערט און האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשווינט אָפּגעטראָגן.

אין דערהיים, ביי זיך אין צימער, איז נאָך פּויל אַ צייט געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין דער פינצטער.

ער האָט געשפּירט בחוש, אַז ער דאַרף עפּעס עמעצן דאַנקבאַר זיין, ער האָט אָבער נישט געוווּסט גענוי פאַרוואָס.

5

די נאַכט איז געווען שווער, נעפּלדיק, שטיקנדיק. די לופט איז געווען אַזוי געדיכט און אומבאַוועגלעך, ווי אַן אַלטע פערד־דעקע. ס׳איז געווען איינע פון יענע נעכט, ווען משונהדיקע רוחות קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און וואַנדערן אַרום איבער די גאַסן. רוחות פון אַלטמאָדישע פויערים־הייזער,

געשפּענסטער פון אָרעמע, פאַרשאַרטע הינער-פּגרים און פאַרפוילטע קרויט-קעפּ, אינמיטן אָפטמאָל גאַנץ דייטלעך דער געווּרוּך פון זויערלעכן קאָרן-ברויי.

פּויל און בוק האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון שפּילזאַל. פּויל האָט געהאַט בדעה זיך אויסצולערנען ווי ס'דאַרף צו זיין שעלטן, רויכערן און שפּילן ביליאַרד. ער האָט אַפילו סנאַג וואָרליי איינמאָל אָנגעבויקערט די ביינער. דאָס האָט שטאַרק געהויבן זיין מיינונג וועגן זיך גופא.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך בוק קיין איינציקן מאָל נישט באַנוצט מיטן טאָן פון אַ גרעסערן ברודער, וואָס איז אין נרוגט גענומען בייביידן געווען אַזוי נאַטירלעך. זינט זיי זענען אַרויס פון שפּילזאַל, האָבן זיי נאָך ביידע קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. פּלוצלינג האָט בוק מיטאַמאָל איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— דו, סקיטער, — האָט ער גראָב אַ זאָג געטאָן, — דו האָסט עס, הייסט עס, דאָך געטאָן, נישט אמת?

— דו מיינסט — מיט גערטרודען?

פּויל האָט זיך פאַרשעמט צום טויט, ווייל ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן אַ פריערדיקן נאַכטשפּאַציר און אָן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט דעמאָלט געגעבן.

— יאָ, מיט דער פאַרשייטער טרודל! אַזאַ נבלה! אָבער ווייסטו, סקיטער, איך מאַך דיר נישט קיין פאָרוואורף דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך אויסגעלאַכט פון מיין גאַנצן דעמאָלטדיקן פייערלעכן שמועס. דעמאָלט, דו געדענקסט, ווען דו האָסט דאָס ערשטע מאָל אָנגעטאָן די לאַנגע הויזן. האָסטו דאָך מיר גלייך געקאָנט זאָגן, אַז איך רעד שטותים! אַזאַ פיינער יאַט ווי דו מוז עס פריער אָדער שפּעטער דורכמאַכן, ס'העלפט נישט.

— אָבער בוק, — האָט פּויל אַ דערשראָקענער פאַרזיכערט.

— איך האָב דאָך גאָרנישט — העריע! העריע! דו דאַרפסט זיך נישט איינרעדן, אַז איך —.

— יאָ, דאָס וועט שוין ביי דיר איצט זיין אין אָרדנונג, וואָס שייך דעם! אָבער וואַרשיינלעך ביסטו דאַן לפּחות געווען גענוג פאָרזיכטיק. באַזונדערס מיט איר! ס'וואָלט באמת געווען

אַ רחמנות אויף דיר, סקיטער!

אָבער, ליבער גאָט, איך האָב דאָך בכלל גאָרנישט —.

— נו, לאָז געמאַך; דערצייל מיר בכלל נישט קיין אומ־נויטיקע פּרטים! באַלד האָט אָבער בוק אַוועקגעוואָרפן זיין פילאָזאָפישן טאָן און מיט אָפענעם מויל אַרויסגעוויזן אַ ליידנשאַפט־לעכע פאַראינטערעסירונג.

— אָפּגעזען דערפון, וואָס האַלסטו פון איר, סקיטער?

— זי? פאַרשייטע טרודל? נו, די איז שוין ערשטער סאָרט!

— האָט ער אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן. אינערלעך אָבער און גע־שיצט דורך דער פינצטערניש האָט ער געקעמפט מיטן וויינען.

זעקסטער קאַפּיטל

1

פיר אַ זייגער...

די שטאָטישע שול-אָמניבוסן, אומגעלומפּערטע, מיט בלאָטע באַשפּריצטע אויטאָס, מיט אַ סך פענסטער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער שולע און אָנגעלאָדן זייער משא פון שרייענדיקע, זיך קײַלנדיקע קינדער, דערנאָך זיך מיט שווערקייט געלאָזן אין וועג אַרײַן.

די פאָרדמאָטאָרן האָבן זיך הויך און וויכטיק צעברומט און אַוועקגעטראָגן די שולקינדער אויפן דאָרף אַרויס, פון ציצעראָ צוריק צו זייערע היימישע פּענאַטן *).

פויל האָט כמעט צוויי שעה נאָכאַנאַנד מיט אַ גאַנץ קליינעם אינטערעס געשפּילט אין פּילקע, דערנאָך אַוועק אַהיים צוזאַמען מיט האָוואַרד אַלקיר, אַ זייער באַליבטן דריטקלאַסלער. אַלקיר איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פײַנער בחור, נישט פאַרדינענדיק דערבײַ דאָס וואָרט „שיק".

קיין אַלקאָהאָל האָט ער כמעט ווי נישט געטרונקען, גערויכערט גראָד זייער שטאַרק, אין שולע איז ער געווען געגנוג

---

*) פּענאַטן—רוימישע הויז-געטער.

שלעכט און געשלאָגן דעם רעקאָרד מיט דער גרעסטער צאָל ראַנדעוווען, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער מיידל. ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, פון מיטעלן וווקס און פיזיאָנאָמיע; זיין אינטעליגענץ איז געווען עפּעס נידעריקער פון מיטלמעסיק, זיין אויסזען, להיפך, עטוואָס העכער איבערן דורכשניט.

ער וועט שפּעטער זיכער אין דער קאָלאָניאַל-פירמע אַלקיר עטקינס ווערן דער מיטאינהאַבער אַלקיר און איינרעדן מאָגערע באַלעבאָסטעס צו מאַכן גרויסע רעכענונגען פון קאָלאָניאַל-סחורה; בקיצור, אַן אָנגעזעענער, געשעפטס-פעיִקער, חשובער מיטבירגער אויף להבא, וואָס אויפן אומגעשיקטן לשון פון די דערוואַקסענע הייסט עס סוף-כל-סוף נישט אַנדערש ווי אַ פיינער יאַט.

ביידע האָבן זיי זיך געמיטלעך געשלעפּט אין דער שפּעטער נאָכמיטאָגצייט.

זיי האָבן זיך אונטערגעהאַלטן מכּוח פוטבאָל-העלדן, וועגן שיינעם וועטער, וועגן פריילין פּייס נאַרישן פּנים, וועגן די לעצטע פילם-פאָרשטעלונגען אין האָלליווּד-טעאַטער און מכּוח געוויסע נאָג-חיות, מיטן נאָמען „מאָשוס-שצורעס". כאַפּן דידאָזיקע „מאָשוס-שצורעס" און אַראָפּציען פון זיי די פעלעכלעך איז אין וועסטפּיעלד געווען דער באַליבסטער ווינטער-ספּאָרט. סוף-כל-סוף איז די אונטערהאַלטונג געווען געפירט זייער איינזייטיק-זי האָט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויף דער טעמע „מיידל".

אַלקיר האָט געזאָגט:

— דו, סקיטער, צי האָסטו אויף שבת אין אָוונט אָנגעגרייט עפּעס פּיקאַנטס.

— איך האָב קיין זאַך נישט אין אויסזיכט, האָנגרי — האָט געענטפערט פויל.

טר האָט אָנגערופן אַלקירן מיטן נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט אין שולע, איינער פון יענע פלאַנלאָזע צונעמען, וואָס קלעפּן זיך אַזוי לייכט צו געוויסע שול-ייִנגלעך.

— אַזוי, — האָט האָנגרי ווייטער גערעדט, — טאָ אפשר וואָלטן מיר זיך צונויפרעדן מיט אַ מיידל? לאָמיר פאָרן ערגעץ-ווו צוזאַמען מיט אויגיס בּילטאָן. און פאַר דיר, נאַטירלעך,

אויך אַ מיידל, פאַרשטייסט, צי ניין?

— אָ, פיין, דאָס וואָלט געווען פּרימאַ! — האָט פּויל תּיכּף געגעבן זיין הסכּמה. פּויל, וואָס האָט זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט צונויפגעגערעדט וועגן אַזאַ מין אויטאָ-שפּאַציר.

— גוט, אויב אַזוי, קום איך צו דיר שבת אין אָוונט, אַזייגער זיבן און נעם דיך מיט. אָבער הער אויס, סקיטער, ברענג נישט מיט קיין שום זאַך צום טרינקען, — האָט ער פאַרענדיקט אַ ביסל אומזיכער.

פּויל האָט זיך אויף אַ מאָמענט שטאַרק פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— נו, פון מיינעטוועגן, האַנגרי, זאָל זיין נישט!

ער האָט עס אַ זאָג געטאָן מיט אַ זשעסט פון אַ פאַרשאָלטענעם אַלטן ים-גזלן, וואָס איז מסכּים זיך צו באַטייליקן אין אַ פּיקניק לשם אַ רעליגיעזן יום-טובֿ אָן שפּיזן און רעוואָלווערן.

— און זע דו זאָלסט מיטברענגען אַן אָנשטענדיקע פרוי, — האָט האַנגרי געעצהט. — אויניס וועט זיך אַ ביסל זשענירן, אַז ס'וועלן זיין נאָך צוויי.

— זיי רויִק, האַנגרי, איך וועל שוין מיטברענגען עפּעס פיינס.

— אַלזאָ אַדיאָס, סקיטער.

— אַדיאָס, ביז מאָרגן.

פייפנדיק האָט זיך פּויל אַוועקגעלאָזן אַהיים. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער פאָרשטעלונג, אַז איצט איז ער אויף אַן אמת און בפירוש אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו אַ טאָפּעלער פלירט-פּאַרטיע און פון אַזאַ פיינעם יאַט פון דריטן קלאַס ווי אַ-קיר.

קומענדיק אַהיים האָט ער אין זיין גאַנג אָנגענומען דעם וויכטיקן אויסדרוק פון אַ דערוואַקסענעם און, איבערטרעטנדיק די שוועל, אַ וואָרף געטאָן מיט האַסט די שולביכער אויף די טרעפּ.

דערנאָך איז ער ווי אַ פײַל פון בויגן אַרײַנגעלאָפן אין קיך, אַ הונגעריקער, יונגער זכר.

זײַן מוטער איז געלעגן אויף אַ וויגשטול און געלייענט עפּעס אַ שונד־ראָמאַן אין אַ פּילפּאַרביקער הילע.

— וואָס איז מכוח עפּעס עסן, מאַם?

— אין באַק־אויוון שטייט אַ רײַזפּודינג און אין אײַז־קאַסטן וועסטו געפינען אַ שטיקל קאַלטע פלייש, און ברויט און מאַרמעלאַדע שטייט אויפן טיש.

זי האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך.

— אָך, טינוף! דאָס קאָנסטו אַליין עסן! איך וואָלט וועלן אַ ביפשטיק מיט אַ פײַנעם סאָוס דערצו.

— בײַ אונז איז נישט קיין רעסטאָראַן. מיר האָבן דאָ אַ סך גוטע זאַכן, דו דאַרפסט נאָר וועלן עסן.

מיט אַ באַהאַלטענעם כעס און שטילן וואָרטשען האָט זיך פּויל אַרומגעדרייט איבערן קיך, געגעסן ברויט מיט מאַרמעלאַד, זיך אָנגעשטעלט בײַם אויוון און אַרויסגענומען דאָס גאַנצע מיטלשטיק פון רײַזפּודינג.

פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט ער אַרויפגעטאַנצט צו זיך אין צימער און זיך אַוועקגעזעצט ווי אַ פאַרחלומטער בײַ די דרײַ שולבײכער, וואָס ער האָט אַ שליידער געטאָן אויף זײַן נישט אויפגערוימטן שרײַבטיש.

אַ ראַנדעוווּ! גאָט אײַנציקער, אַ גאַנץ ריכטיקער ראַנדעוווּ מיט רות שערווּד!

פּלוצלינג האָט אין אים אויפגעוואַכט די פאָרשטעלונג, אַז רות טוט נישט מער, נאָר זיצט און וואַרט, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט איר ערגעץ־ווּ אַוועקגיין. רות, רות, קליין, לאַכעדיק מויל!

זײַן טרוימערישער בליק איז פאַרשווּנדן, און דאָ האָט ער דערזען אויפן טיש דאָס פאַריתומטע פראַנצויזישע איבונגס־בוך.

ווי אַ שטיק פּוטער אויף אַ פרישגעבאַקענעם זעמל זענען צערונען געוואָרן אַלע זײַנע תאווה־חלומות. מיט אַ טיפן זיפץ האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס בוך, ווי נישט ווילנדיק עס אָן

עפן געטאָן און אָנגעהויבן „שטודירן".

נישט פאַרשטייענדיק קיין איין שורה, האָט ער איבערגע־לייענט אַ גאַנץ זייטל, ווי ס'האָט זיך גערעדט מכּוח די שטיי־גערונגס־פאָרמען פון די אומרעגלמעסיקע בייווערטער. ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער מוז נאָך אויך אַ קלער טאָן וועגן די אויפגאַבן אינדערהיים.

קלעטערנדיק אַ ווײַלע אַהין און צוריק, האָט ער געפונען די אָנגעוואָרפענע נאָטיץ:

„מיטוואָך שריפטלעך, און די אויפגאַבע: צען ענגלישע זאַצן איבערזעצן אויף פראַנצויזיש.

פויל האָט אַ צי געטאָן דעם גרויסן שרײַבטיש־שופלאָד, זיך געגראָבן אין דאָרטיקן מישמאַש און אַרויסגעשלעפּט צוויי בלײַ־פעדערס און זייער זאָרגפעלטיק זיי פאַרשניצט מיט זיין טאַשן־מעסערל.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ בלאַט ליניירטן שרײַב־פּאַפּיר און אָנגעשריבן מיט אַ קינסטלערישער האַנטשריפט זיין נאָמען „פויל בענטאָן" אין רעכטן אויבערשטן ווינקל און אונ־טערדעם „פראַנצויזיש I".

ער האָט אַ הויב געטאָן העכער דעם רוקלאַמפּ, גענומען דאָס פראַנצויזישע בוך און פלוצלינג זיך מישב געווען, אַז די בלײַפעדערס האָבן נאָך נישט די געהעריקע נאָדלדיגע שפּיצן, ווי ער מוז עס האָבן פאַר ווירקלעך ערשטקלאַסיקע שטוב־אַרבעט.

אַ פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד האָט ער געהאַלטן אין איין שאָבן און שניצן און די פינגער זענען אים פון גראַפיט־שטויב אינ־גאַנצן שמוציק געוואָרן.

אַז ער האָט שוין ביים בעסטן ווילן נישט געקאָנט געפינען מער קיין תּירוצים, האָט ער ווידער אָפּגערוקט פון זיך דאָס פראַנצייזישע בוך, זיך צעלייגט ברייט אויף ביידע עלנבויגנס און מיט אַ טעמפּן בליק זיך גענומען איבערקוקן די לעקציע אויף מיטוואָך.

דער ערשטער זאַץ האָט געקלונגען:

„מיין ברודער, וועלכן איך האָב געטראָפן אין פראַנקרייך, איז אַ גוטער דאָקטאָר.״

פויל האָט עס עטלעכע מאָל דורכגעלייענט, געקייט די בליי־פעדער, אַריינגערוקט די פינגער אין די האָר, פאַרקרומט דאָס מויל ווי ביי שטאַרקע שמערצן און אָנגעהייבן לאַנגזאַם, אָנגעשטרענגט און אָפגעהאַקט צו שרייבן.

Mon frére... que j'ai reconter... en France... est un bonne — צום טייוול, ווי וועט זיין אויף פראַנצויזיש דאָס וואָרט דאָקטאָר? לאָמיר אַ זוך טאָן... (אַלזאָ שבת אין אָוונט — פרימאַ, פרימאַ!) דאָקטאָר — דאָקטאָר, אַהאַ: un bonne — „medicine“ mediɔine.

האַסטיק האָט ער אָנגעשריבן דאָס צעקאַלעטשעטע וואָרט, גישט קלערנדיק מער וועגן אַקצענט, באַפרידיקט זיך אַוועקגעזעצט צוריק און אַדורכגעפלויגן דעם פאַרטיקן זאַץ. פלוצלינג האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן „Reconter״? דאָס האָט עפּעס אויסגעזען נישט אינגאַנצן ריכטיק. אפשר דאַרף גאָר זיין „recontre״. ניין, טאַקע נישט. סאַראַ מיאוסע טינופת!

ער האָט באַשלאָסן אָפּצוקראַצן ביידע לעצטע אותיות פון מאַלטרעטירטן צייטוואָרט און האָט עס אויסגעבעסערט, נישט רעכענענדיק זיך אויף דאָסמאָל מיט אַזעלכע אומאַמעריקאַנישע זאַכן ווי די אַקצענטצייכנס. אַזוי, איצט איז עס ענדלעך געווען ריכטיק, לפּחות האָט ער אויסגעזען אַ סך בעסער. „מיין ברודער, וועלכן איך האָב געטראָפן אין פראַנקרייך, איז אַ גוטער דאָקטאָר. Mon frere que j'ai recontre en France cst un bonne medicine״... אָבער אפשר האָט שוין גאָר רעד אַליסטער אויף שבת מיט איר זיך באַשטעלט. הערייע, הערייע!

פולשטענדיק באַפרידיקט און דווקא גאָר מיט אַ מאָראַלישן געפיל האָט פויל אָנגעהויבן בוכשטאַבירן דעם צווייטן זאַץ: „ווען די דאַמע וווינט אין אַ באַרגיקער געגנט, וואָלט איר געזונטצושטאַנד געווען אַ סך אַ בעסערער? — Si l'madame... dem — אַך, דו הייליקער שטרויזאַק!

ס'זענען אַוועק דרייפערטל שעה, דערנאָך האָט פויל אַזוי־

טיף און דערלייכטערט אָפּגעזיפּט, ווי ער זאָל זיך האָבן אַרויס־געראַטעוועט פון אונטער דער ערד.

ער האָט צוזאַמענגעלייגט די אויף ריין איבערגעשריבענע פּראָנצוויזישע אַרבעט און זי באַהאַלטן מיט אַזאַ אויסדרוק צווישן די זייטלעך פון דער גראַמאַטיק, ווי ער זאָל דאָרט פאַרגראָבן די אוצרות פון אַראַביע. מיט אַ געוויסער צופרידנקייט האָט ער זיך גענומען צו רער געשיכטע.

דער קאַרטער האָט אויפגעגעבן גאַנצע פינף זייטן פון „לינקאָלנס גרויסער רעדע וועגן דער איינהייטספראַגע", ביז צום „פאַלן פון דער פעסטונג סומטער". פויל האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און אַראָפּגעצויגן נענטער צו זיך דעם שטודיר־לאָמפּ.

מיט אַן ערנסטער מינע און אַ פאַרקנייטשטן שטערן האָט ער זיך גענומען צום לייענען:

„זינט די פאַרהאַנדלונגען אין דוגלאַס אין יאָר 1858 האָט לינקאָלן אין מערב בכלל געגאָלטן אַלס דער אָנפירנדיקער מאַן אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, אין מזרח אָבער האָט מען אים פאַר זיין גרויסער איינהייטס־רעדע געהאַלטן נידעריקער פאַר סעווארדן און סומנערן". — אפשר האָט זיך רות בלויז נאַריש געמאַכט, בעת זי איז דאָרט געזעסן מיט אים אויף די טרעפּ, אָבער סוף־כל־סוף — „ס'איז אוממעגלעך געווען צו ברענגען דעם קלענסטן באַווייז" — נו, צום טייוול, וואָס הייסט עס ווידער „צו ברענגען! — — אַז די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, אָדער עמעצער פון אירע מיטגלידער האָט עפּעס אַ שייכות מיט זשאָן בראַונס עובדה ביי האַרפּערס פעררי" — ווען איך זאָל נאָר קאָנען וויסן, וואָס רות —

אויף דעם אופן האָט ער געלערנט ווייטער גאַנצע צען מינוט, דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בוך אָן אַ זייט און געפּרוּווט זיך אַריינטראַכטן אין איבערגעלייענטן, דעמדאָזיקן מעטאָד האָט דער געליבטער הער קאַרטער שטאַרק רעקאָמענדירט.

ביי פוילן איז אָבער קיין זאַך נישט אַרויסגעקומען, ווי

בלויז עפּעס אַ מין פולשטענדיק נעפּלדיקע באַגריפס-וועלט, ווו ס'האָבן זיך אויסשליסלעך געדרייט די געשטאַלטן פון אַבראַם לינקאָלן און רות שערוווד.

ער האָט אַוועקגעוואָרפן די געשיכטע און זיך געפּרוווט מיט דער אַלגעבּרע, דעם משונהדיקסטן און שרעקלעכסטן קעגנשטאַנד פאַר אַ ריכטיקן יונגן בחור.

מיטן שמאָלן, אין לייוונט געבונדענעם בוך אין האַנט, האָט ער לאַנג געקלערט אַהער און אַהין. ווי איז עס געווען — הער אירווין האָט אים ערשט היינט אַרויסגערופן און פויל האָט צו זיין אייגענער איבעררעשונג גאַנץ גוט געענטפערט. אין משך פון צוויי טעג האָט הער אירווין אויסגעהערט דעם גאַנצן קלאַס און דאָס באַדייט, אַז בנוגע דער אַלגעבּרע-לעקציע איז פאַר פוילן מאָרגן יום-טוב.

אין איבונגסבוך האָט נאָך אָבער געוואָרט אַ גאַנץ זייטל גליייכונגען, אַז ער זאָל זיי מיט בלייפעדער-קייען און האָר-צופּן אומבאַדינגט היינט דורכמאַכן, די שריפטלעכע אויפגאַבע איז דאָך אָבער נישט אַזאַ וויכטיקער ענין, איבערהויפּט פאַר דעם, וואָס באַגייט זיך געשיקט מיט דער פעדער און האָט אַרום זיך אַלגעבּרע-פעיִקע חברים, פון וועלכע מ'קאָן איבערשרייבן.

פויל האָט אונטערגעגעצט און אַרויפגעלייגט דאָס אַלגעבּרע-בוך אויפן פּראַנצויזישן און אויף דער געשיכטע. האָמערס אָדיסייע, כדי אויך וועגן איר עפּעס צו זאָגן, איז זיך געלעגן רויק אין אַ ווינקל פון פוילס פּולט אין דער גרויסער שולהאַלע.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ געניץ געטאָן, איז אויפגעשטאַנען און אויפגעעפנט ביידע פענסטער.

אינדרויסן פונדערווייטנס, אויפן מערבדיקן שאָסיי, האָבן געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ, ווי די אויגן פון אַ שפּרינג-טייוול, די לאָמפּן פון אַ ווילדגעוואָרענעם אויטאָ.

פויל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן אויסצוטאָן די שיך.

ערגעץ-ווו האָט געבילט אַ הונט, ווו ס'קאָנען בילן בלויז

דאָרפהינט בייגאַכט, ווייט, העט-ווייט איבער די בליענדיקע פעלדער.

צו שלעפעריק, כדי זיך צו פאַרנעמען מיטן אָנטאָן די פיזשאַמע, האָט זיך פויל אין אונטערהעמד אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט.

זיין שטייפער פנים איז פון שלאָף ווייך געוואָרן. אַ לייכטער שמייכל האָט געשפּילט אַרום זיינע מויל-ווינקלען.

— ...רות...

דער אַסטמאַטישער אַלטער זייגער אונטן אין קיך האָט געשלאָגן איין מאָל. האַלב ניין.

2

זי האָט צופרידן געלאַכט און לוסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אונטערן זונענשיין, ווען זיי זענען בעת דער מיטאָג-הפסקה געזעסן צוזאַמען מיט פוילן אויף די טרעפּ פון שול-קאָרידאָר.

— שבת אין אָוונט? איך קאָן עס דיר נאָך אויף זיכער נישט צוזאָגן. איך וועל דיר מאָרגן געבן אַן ענטפער, פויל.

— אַך, קום, רות, זאָג עס מיר שוין איצט! — האָט זיך פויל געבעטן און געשלונגען מיט באַהאַלטענע בליקן די צאַרטע ליניע פון איר האַלז, בעת רות האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און לוסטיק אַרויסגעלאַכט אין ליכטיקן מאַי-הימל.

כיטרע האָט זי אים אָנגעקוקט פון דער זייט, גאַנץ קרום פון די אויגן-ווינקלען, אַ לייכט געלעכטערל האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן.

— אַלזאָ.

איר לאַכן האָט באַקומען פליגל.

— זאָג איך טאַקע גלייך איצט יאָ.

זי איז אויפגעשפּרונגען.

איין מאָמענט האָט פויל, ווי פאַרבלענדט, געזען שימערירן

אירע בלויזע קני מיט די צאַרטע, רויזיקע גריבעלעך.

מאָמענטאַל איז ער געשטאַנען לעבן איר, אַ שלאַנקער־יונגער פאַזש פאַר זיין מלכה.

— דאָס איז פיין, רות, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, — אומגעפער אַרום זיבן, איז גוט, יאָ? — יינגל!

זי איז געשטאַנען אויפן אויבערשטן שטאַפּל און אַראָפּגע־קוקט צו פוילן מיט שטראַלנדיקע אויגן. ווי אַ שרעקנדיקן און באַגליקנדיקן שטויס האָט ער געשפירט די וואַרעמקייט פון אי־רע קליינע פינגער אין די זייניקע.

אַ מאָמענט האָט ער צו איר אַרויפגעקוקט, אין אירע גלאַנצנדיקע העלברוינע אויגן, די ליפּן לייכט געעפנט, כדי צו פליסטערן עפּעס וואָס איבערמענטשלעכס.

די זיסע פרילינגס־זון האָט זי באַגאָסן מיט אירע גוטע, וואַרעמע שטראַלן...

דערנאָך איז געקומען דער קאַלטער, מעטאַלענער קלונג פון שולגלאָק מיט זיין וויסטן רוף.

די גרופּן, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אין אַלע זייטן אונ־טער די זונענשטראַלן, האָבן זיך ווידערווילליק אויפגעכאַפּט פון דער גליקלעכער לעטאַרגיע פון פרילינגס־פיבער, זיך אַוועקגעלאָזן צום הויז און דורך די אומעטיקע קאָרידאָרן אין דער וויליע אַריין.

פון די פאַרשמוצטע פּאָרדס, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער רייע פאַרן שול־בנין, האָבן זיך האַסטיק אַרויסגעכאַפּט יינגלעך און מיידלעך, געוויינלעך, פּאָרוויז פון יעדן אויטאָ, דאָס מיידל מיט אַ לעצטן וויש פודער איבערן געזיכט.

דער הערלעכער פרילינגס־וועטער איז פאַרשוווּנדן פאַר דער העסלעכקייט פון די שטיקנדיקע קלאַסן־צימערן מיט זייערע קרייד־באַשמירטע טאַפלען.

יונגע ליבע, שיכור פון זון, איז פלוצלונג געשמידט גע־וואָרן אין קייטן, מיט אַ פאַרשטאָפּט מויל געוואָרפן געוואָרן אויפן אינקוויזיציע־שטול, אויף שפּיציקע פּאַרקאַנעס מיט שאַרפ־

קאַנטיקע, אַלגעבּרישע צייכנס.

פּויל האָט אינדערשטיל ווייטער געחלומט, געבּויט רויזנ־רויטע לופטשלעסער אויף די ווייסע וואָלקנס, וואָס ער האָט געקאָנט זען דורך די פענסטער פון שול־זאַל בעת דער געשיכטע־לעקציע, און איז געווען גאָר ווייט פון דעם גאַנצן ענין, פון לינקאָלנס גרויסער רעדע מכּוח דער איינהייטספּראַגע.

3

ווי אויף להכעיס איז גראָד דעם שבּת־צונאַכטס אין פּוילס טואַלעט געווען עפּעס שוידערהאַפטיקס. אַז ער איז שוין סוף־כּל־סוף פאַרטיק געוואָרן מיט דערדאָזיקער פּראָצעדור, האָט ער געגלאַנצט און געפונקלט ווי אַן אָפּגעריבענער מיט פּוץ־פּולווער.

הער בּענטאָן איז, ווי תּמיד, געווען אויף איינער פון זייַנע אומגעריכטע רייזעס.

פרוי בּענטאָן האָט קוים באַמערקט פּוילס געשווינד אַרויס־געמורמלטע פראַזע:

— איך גיי בּלויז אַ בּיסל אין שטאָט אַריין.

שטאַרק אויפגערעגט איז פּויל אייַנגעשטיגן אין אַלקירס קליינעם סעדאַן־וואָגן און זיך אַוועקגעזעצט אין הינטערגרונט מיט אַ קורצן „ג׳אָוונט, האָנגרי״, און אַן אומזיכערן בּליק אויף אויגניס.

האָנגרי האָט זיך געטראָגן איבּערן מערב־שאָסיי, דירעקט צו שערוודס הויף.

פּויל האָט זיך געטרייסלט אויף די ליידיקע קישנס און האָט אויסגעזען אַזוי ווי, ס׳וואָלט אים פּאַסירט עפּעס אַ גרויס אומגליק.

אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער אויסגעשטיגן און איז אַוועק אין דער קווער איבּערן פעלד פאַרן גרויסן פויערישן הויז.

ער האָט זיך באַמיט צוצוגעבן זיין פּנים אַ זעלבסטזיכערן שטאָלהאַרטן אויסדרוק און אַ שמייכל פון אַנטשלאָסנקייט, אָבער בעת ער האָט אָנגעקלאַפּט, האָט זיך געשפּירט, אַז עפּעס שרעקט ער זיך דאָך.

אַ מוטערלעך אויסזעענדיקע פרוי מיט אַ ברייטן פּנים, פון וועלכער ס׳האָבן זיך נאָך געטראָגן די ריחות פון אַ געשמאַקן אָוונטברויט, האָט אים אויפגעעפנט און אַריינגעפירט אין גאַסטצימער.

מיטן הוט אין האַנט, איז פּויל געגאַנגען ווייטער און זיך צוגעקוקט צו דער סאָפקע פון דעמבענעם האָלץ מיט לעדער און צום פאַרפוצטן קאַמין, דידאָזיקעביידע הויפטקעגנשטאַנדן פון אַ גוטער שטוב אויפן דאָרף.

אין קיך זענען געזעסן רותס עלטערער ברודער אין אַר־בעטסקליידער, עסנדיק ביי אַ טיש מיט אַ לייוונטענעם טישטוך און נייגיריק זיך צוגעקוקט צו פּוילן.

זייערע קליידער זענען געווען באַדעקט מיט בלאָטע, די האָר נישט פאַרקעמט, און זיי האָבן זיך אונטערגעהאַלטן איבער באָדן־כעמיע און וויסנשאַפטלעכע צוכטמעטאָדן, וואָס די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע עקספּערטן ביי דער רעגירונג האָבן לעצטנס פּראָפּאָגירט איינצופירן.

און אָט איז געקומען רות, אַראָפּאַנצנדיק פון די טרעפּ, אַ שנעלפיסיקער טרוים אין אַ רויזער טאַפטקלייד. פּויל איז גע־וואָרן אַ לעבעדיקער.

— גוטן אָוונט, רות, — האָט ער אַ זאָג געטאָן פּינקט אַזוי ווי ער האָט עס זיך פאָרגענומען.

זי האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ העלגרויען מאַנטל, אָנ־געטאָן אַ לייכטן הוט און געשפּרודלט דערביי פון לאַכן און רעדן.

פּויל האָט איר נישט גאָר דרייסט גענומען אונטערן אָרעם און אַזוי זענען זיי צוזאַמען צוגעגאַנגען צום אויטאָ, ווי זיי האָבן זיך אַלע זאַלבעפערט מישב געווען וווהין מ׳קאָן פאָרן,

ווייל בלייבן אין וועסטפיעלד, בעת מ׳האָט אַן אויטאָ, איז, באַטירלעך, געווען אוממעגלעך.

לינוויל? מאַרענגאָ? צירקל גראָוו? קאַרדינגטאָן? אָט אַזוי האָט מען אַרומגערעדט אַלע גרעסערע פונקטן אויף אַ שטח פון צוואַנציק מייל. קוים באַקומט שוין די יוגנט ווען-נישט-איז אַ שטייער-ראָד אין אירע הענט מאַכט מען שוין, געוויינלעך, אַ פיינע רונדרייזע איבער דער גאַנצער געגנט.

פויל, מוז מען זאָגן דעם אמת, האָט זיך באַמיט מיט אַלע קרעפטן צו שפילן די ראָל פון אַן אינטערעסאַנטן קאַוואַליר, ווי גאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן איבערן שמוציקן שאָסיי קיין צירקל-גראָוו, אָבער רות שערוווד האָט געהערט צו יענע רע-דעוודיקע מיידלעך, מיט וועלכע מ׳דאַרף נישט פירן קיין קאָנווערסאַציע.

זי האָט זיך אויסגעצייכנט אונטערגעהאַלטן דאָ מיט אוי-ניסן, דאָ מיט פוילן, און האָט אויסגעזעזן צו זיין זייער צופרידן, וואָס זי האָט אַריינגענאַרט פוילן, ער זאָל אַרויפלייגן אויף איר זיין אָרעם, כאָטש ער האָט דערצו, אייגנטלעך, נישט געהאַט דעם מוט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך האָנגרי אָפגעשטעלט אויף דער הויפטגאַס פון צירקל-גראָוו.

די גאַס און די גאַנצע שטאָט האָט זיך אונטערגעשיידט פון וועסטפיעלד נאָר דערמיט, וואָס זי איז נאָך געווען קלענער און שמוציקער, און וואָס דער קינאָ האָט נישט געהייסן „האָלי-ווּוד״, נאָר „צויבערלאַנד״.

די פיר יונגעלייט זענען אויסגעשטיגן און זיך געשלעפט איבערן גאַס, ווו ס׳האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַן עולם זונטאָגדיק אויסגעפּוצטע דאָרפסלייט און אויפן קול געשמועסט. פויל האָט דערשפּירט אַן עקלהאַפט שרעקעוודיק געפיל, בעת ער איז מיט רותן פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ מחנה ווילדיונגערישע הולאַקעס, וואָס זענען אָן אַ שטאָך אַרבעט געשטאַנען פאַרן שפּילזאַל. ווען איינער פון דידאָזיקע יאַטן זאָל זיך נאָר דערוועגן דאָס מינדסטע בנוגע רותן.

ער האָט ווי ווייט מעגלעך חוצפּהדיק אַראָפּגעצויגן דעם הוט איבער די אויגן און זיך באַמיט כאָטש וויפל-נישט-איז אויסצוזען אַזוי ווילעריש ווי דידאָזיקע חברה-לייט.

דערדאָזיקער גאַנצער עולם זענען דאָך, נאַטירלעך, געקומען אַהער בלויז מיט דעם צוועק אים אָנצוקוקן, דאָס איז פאַר פוילן געווען אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט.

קוים האָט אים עמעצער פאַרבייגייענדיק אָנגעקוקט, איז אים געוואָרן הייס אין אַלע אברים.

ווי ער איז זיך דאָ אַזוי געגאַנגען מיט רותן, האָבן זיי זיך לחלוטין מיט קיין זאַך נישט אונטערגעשיידט פון צענדליקער אַנדערע פּאָרלעך, אָבער פוילן האָט זיך געדוכט, אַז זיין אַרויסטרעטן איז פאַר אַלע מיטמענטשן, און בעיקר פאַר יענע מיאוסע יאַטןביים שפּילזאַל, אַ גאַנץ באַזונדערס אויפרעגנדיקער ספּעקטאַקל.

סוף-כל-סוף איז ער דאָך איבערגעקומען דעם פּרווו, נישט געפאַלן אין אָנמאַכט און נישט געמאַכט קיין ויברה.

זיי זענען אַריין אין צויבערלאַנד-קינאָ, ווו האָנגרי האָט אַזוי ליבנסווירדיק באַצאָלט פאַר אַלע פיר בי׳עטן.

דער פילם איז באמת געווען זייער גוט; ער האָט זיכער מיט זעקס יאָר פריער געמוזט האָבן דעם גרעסטן לאָך-דערפאָלג אויף בראָדוויי אין ניו-יאָרק.

דער קאָמיקער איז געווען גענוג אומגעלומפּערט אויף צו געפעלן די קינדישע געמיטער צווישן די צושויער, און אונזערע יונגע פריינט האָבן געקייכט פון געלעכטער, פויל אָבער מער פון אַלע.

ביים סוף פון דער פאָרשטעלונג זענען זיי שוין אַוועק אַזוי ווייט, אַז פויל און רות האָבן האַנט אין האַנט אַריינגעלאַכט אין פוילס שיצנדיקן הוט, און דעריבער זענען טאַקע די חכמות פון קאָמיקער געווען טאָפּל-לעכערלעך.

ליאָדעס נאָכן קינאָ געהערט שוין ביי דער אַמעריקאַנישער יוגנט דווקא צו די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן פון לעבן.

אָרניס, האָנגרי, רות און פויל זענען דעריבער אַריין

אין אַ שמוציקע קליינע קאָנדיטאָריי און זיך אַוועקגעזעצט אין איינער פון די פיר קליינע לאָזשעס, וואָס דער אינהאַבער, נאָכמאַכנדיק ווי ווייט מעגלעך די גרויסשטעטישע לוקסוס-רעסטאָראַנען, האָט אַוועקגעשטעלט לענגאויס ביי דער וואַנט.

די מיידלעך האָבן זיך לאַנג אַרומגעדרייט און ענדלעך באַשטעלט קאַרשן-ליאָדעס.

פויל האָט צוגעוואַרט ביז האָנגרי וועט נעמען און האָט באַשטעלט, פונקט ווי יענער, אייזשאָקאָלאַד.

— דאָס איז ווירקלעך געווען פרימאַ, ווי ער איז אַראָפגעשפרונגען פון בריק און געטראָפן פונקט אין שיפל אַריין!

— הם, יאָ, דאָס איז געווען שיק! אָבער נאָך שענער איז לויט מיין מיינונג דאָס, וואָס דאָס שיפל האָט נישט קיין פּאָדלאָגע, און ער רייסט זיך דורך, און דער אַלטער ים-קרעבס קומט און פּאַקט אים.

פויל האָט זיך ווידער אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז דער קאָפּ איז אים רויט געוואָרן.

— ווייסטו, „דער ליבע-נעסט" יענע וואָך איז געווען וווּנדערשיין! דו געפינסט נישט? — האָט זיך אויבּיס געוווּנדעט איבערן האָניקבאַשמירטן טיש צו רותן.

— אַ, יאָ! איך האָב בכלל מאַריס ראַמאָן זייער גערן. דו, צי האָסטו אים געזען אין „די טויזנט ווייבער"? דאָס איז געווען עפּעס אומגעוויינלעכס.

— הם, דער אַלטער מאָריס ראַמאָן! איך קאָן אים נישט פאַרדייען, — האָט האָנגרי געוואָרטשעט מיט אַ נאָכגיביקן מענלעכן ווידערווילן. — פאַרוואָס שפּילט דער אַלטער טיפּש קיינמאָל נישט אַזאַ ראָל, ווו ער האָט באמת וואָס צו טאָן? ער וואַלגערט זיך דאָך כּסדר אויף דער סאָפּקע און האַלט זיך אין איין ליבן מיט ווייבער!

אַלס דורכגעטריבענער לעב-יונג האָט זיך האָנגרי געקאָנט דערלויבן אַזאַ פרויען-לשון אין קעגנוואַרט פון מיידלעך, בעת פויל, אין זיין יוגנטלעכער אומזיכערקייט, האָט נאָך גאָר קיין

אנווג נישט געהאַט און דעריבער זיך געהאַלטן מיט אַ מין העפ־לעכער שטייפקייט.

— יאָ, איך גלויב שוין, אַז ער איז געווען ווייבעריש, — האָט אויניס צוגעגעבן, — אָבער אין קינאָ איז ער לכל הדעות ווייער נעט אָנצוקוקן.

— אַזוי איז ער, און זעט באמת גוט אויס! — האָט רות מסכּים געווען.

— אָבער ניין, קאָמישער ווי אַלץ איז דאָך געווען דאָס, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט דעם אַליאַרם־גלאָק אין וואַנע, אַז ער זאָל מער נישט קלינגען, — האָט פּויל געשווינד איבערגעהאַקט.

— יאָ, — האָבן מסכּים געווען די איבעריקע, דאָס איז געווען קאָמיש, שרעקלעך קאָמיש.

דערנאָך האָט זיך די אונטערהאַלטונג פּלוצלינג איבערגעריסן.

אין לאָזשע איז אַריין אַ דיקער, אַלטער מאַן און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טאַץ מיט די באַשטעלטע זאַכן. ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, עס אַוועקגעלייגט, דאָס געשריבענע פון אונטן, אויפן טישטוך. אויך דאָס איז געווען אַ נאָכקאָפּירונג פון גרויסשטאָטישער עלעגאַנץ.

פּויל האָט לכתחילה דעם חשבון נישט אַזוי ריכטיק אויפגעפּאַסט, ווייל ער איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיטן ציען גלייכצייטיק פוןביידע שטרויזאַנגען.

אויסערדעם האָט רות מיט אים זייער ליב געפלירטעוועט איבער די קאַרשן־פלעקן און די נוס־שאָלן אויפן טיש.

פּלוצלינג איז אים אַריינגעפאַלן אין די אויגן דער צעטל, און מאָמענטאַל איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט אין דער שטיל אַריינגערוקט די האַנט אין דער הויזן־קעשענע. יאָ, זיי זענען נאָך דאָרט געווען: צוויי פּערטל דאָלאַר, גאַנץ שווער אויסגעפּרעסטע דורך געוויין און געשריי, און אַ צענערשטיק, וואָס בלויז ער האָט געוווּסט פון וואַנען ער שטאַמט. נאָכאַמאָל

האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן רעכענונג, דערנאָך אויף האָני־
גרין, וואָס איז גאָר־וואָס פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע ליאָדעס
און אָנגעהויבן אַ קליינעם, אומפאַרשעמטן פלירט.

אַלזאָ, צוויי קאַרשן און צוויי אייז־שאָקאָלאַדן, לויט די
דאָרטישע מקחים האָט עס געדאַרפט אויסמאַכן זעכציק סענט.

פויל האָט זיך געבלאָזן, געשאַרט מיט די פיס און גע־
קלאַפט מיט זיין גלאָז.

האַלטנדיק, אַז ער האָט שוין גענוג געווענדעט אויף זיך
די אויפמערקזאַמקייט פון די איבעריקע, האָט ער אויסגעשטרעקט
די האַנט, אַ נעם געטאָן צו זיך דעם רעכענונג און מיט אַ גרוי־
סער פּאָמפּע דערקלערט:

— אַזוי, דאָס קאָן איך באַצאָלן!

האָנגרי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, סוחרישמעסיק צו־
געשמייכלט און נישט געזאָגט קיין וואָרט.

אַ כאַראַקטעריסטישער גערויש האָט באַלד פאַררעטן, אַז
פויל האַלט שוין מיט זיין שטרויזאַנג אויפן דעק פון גלאָז. מיט
אַ באַפרידיקטן זיפץ האָט ער עס אָפּגערוקט פון זיך. רות
האָט גראָד געהאַט אויסגעלעקט דאָס לעצטע ביסל קאַרשן פון
איר לעפל.

אומגעשיקט האָט זיך פויל צוגערוקט צו איר אַביסל
נענטער.

— לאָמיר גיין! — האָט האָנגרי פלוצלינג אַ זאָג גע־
טאָן, זיך באַפרייט און גענומען זיין הוט.

— פון מיינעטוועגן, — האָט פויל געענטפערט מיט אַ
דערלייכטערונג, וואָס ער האָט זי אַליין נישט באַגריפן.

עפּעס האָט ער געשפירט אַ וואונדערבאַר דערוואַקסענעם
און עלעגאַנטן געפיל.

—פופציק, צום טייוול, ווו איז אַהינגעקומען דער צענער?
ניין, זעכציק סענט—און אַ שליידער טאָן דעם רעכענונג דעם
אַלטן שמוציקן פאַרשוין ביים אַרויסגאַנג.

אויפן גאַס איז דערוייל געוואָרן אַ סך שטילער, ווייל
ס'איז שוין געווען כמעט צען אַזייגער.

זיי זענען איינגעשטיגן אין קליינעם אויטאָ און אַוועק־געפאָרן, אויפן זעלבן וועג, אויף וועלכן זיי זענען אַהערגעקומען.

אַ שטיק הינטער דער שטאָט האָט האַנגרי אויסגעשטרעקט זיין אָרעם. אוייניס האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, און ער האָט זאַכט באַוועגט איין האַנט און מיט דער צווייטער זעלטן געשיקט געפירט דעם אויטאָ.

מיט דער לעצטער זיכערקייט פון אַ געבוירענעם גאַסן־פאָרער האָט ער אויסגעמיטן די לעכער און זיך געהאַלטן אויס־שליסלעך אויף אויסגעפאָרענע וועגן.

פויל האָט געכאַפּט התפעלות. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם אָרעם און אים געלאָזן לייכט הענגען איבער רות׳ס רוקן. זי האָט צו אים אונטערגעשמייכלט און זיך אָפּגערוקט פון אים אין צווייטן ווינקל אַריין. ער האָט איר נאָכגעפאָלגט, זי האָט ווידער געשמייכלט און עטוואָס זיך דערנענטערט.

איר פּנים האָט בלייך אַרויסגעלויכטן פון דער טונקלקייט, אָבער דאָך האָט ער געפילט דאָס ליכט אין אירע אויגן. אַ צייט לאַנג האָבן זיי זיך אַזוי געשפּילט און געפּרוווט איינער דעם אַנדערן אָנכאַפּן פאַר די הענט — ס׳איז געווען אַן אמתער פאַסטוך־שפּיל אין אַ שעוראָלעט.

— גאָט אין הימל! — האָט האַנגרי פּלוצלינג ווילד אויסגעשריגן, אַ קער געטאָן דעם וואָגן אָן אַ זייט, שיר נישט אין לינקן ראָוו אַריין, כדי אויסצומיידן אַן אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען מיט אויסגעלאָשענע לאָמפּן אויפן מיטן גאַס.

אוייניס איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. האַנגרי האָט פאַרקלענערט דעם טעמפּאָ.

— אָט וואָס עס הייסט פאַרשמחעט! — האָט ער זיך געזידלט. — און גראָד איז זיי געפעלן מיין שטאַמפּלאַץ אונטערן גרויסן דעמב! נו, פון מיינעטוועגן, ס׳זענען נאָך פאַראַן

נענוּג גוּטע ערטער לענגאוּיס דעם שאָסיי. בוּד באַרטאַלאַמיי איז עס געווען — ניין, אויניס?

אַ פּאָר הוּנדערט מעטער ווייטער איז האָנגרי אַרויפֿגעפֿאָרן אויף אַ לאָנקע, אָנגעצויגן די האַנט-ברעמזע, אַרייַנגעדרייט די לאָמפּן און אָנגעשלאָסן זיך גענוּמען פֿאַרן אייגנטלעכן עסק פֿוּן היינטיקן אָוונט.

קודם-כּל האָבן זיי זיך מיט אויניס צעביטן מיט די ערטער.

זי האָט אַרויפֿגענוּמען די פֿיס אויפֿן קישן און זיי נעוואָרפֿן אין האָנגריס אָרעמס.

איר פּנים איז געלעגן איינגעגראָבן אין זיינע ראָקלאַצן. אַזוי זענען זיי איינער אין אַנדערן אַרייַנגעקראָכן, אַז פֿוּן הינטן האָט זיך בלויז געזען האָנגריס אַ קליין שטיקל קאָפּ.

נאָך אַ לאַנגן שמערצלעכן שווייגן האָט פּויל אָנגעהויבן צוּצוּשטיין צוּ רוּתן.

זי האָט געשווינט נאָכגעגעבן. ס׳הייסט זי האָט צוּגעלאָזן, אַז פּוילס אָרעם זאָל לייכט אַרוּמכאַפּן איר האַלז, בעת זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

אַזוי זענען זיי געזעסן שטיל צוּזאַמען, און פּוילס אוּמרוּ איז ביסלעכווייז פֿאַרשוווּנדן און האָט זיך אַרויסגעטראָגן אין דער אָפּהילכגדיקער פֿריילינגס-נאַכט. זיין זעלבסטזיכערקייט איז געוואַקסן.

ער האָט זיך אַרייַנגערוּקט טיפֿער אין ווינקל און זאַכט צוּגעצויגן דאָס מיידל נענטער צוּ זיך. זי האָט נישט געשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד.

איר קערפּער האָט זאַנפֿט באַרירט זיינעם. ער האָט מיט דער האַנט געגלעט איר אָרעם און אַרוּמגענוּמען אירע היפּטן און איר וואַרעמע, קליינע האַנט. זי האָט זיך געמאַכט קליין קעגנטער זיין באַרירוּנג.

אירע געלאָקטע האָר האָבן באַרירט פּוילס קינבאַקן. ווי ער האָט עס געזען פֿוּן האָנגרי, האָט ער זיך אויך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן קישן, און זיינע באַקן האָבן באַרירט אירע.

די נאַכטלופט האָט איר געבלאָזן אין פּנים. האַרט לעבן זיי איז געשטאַנען אַ פאַרקאַן באַוואַקסן מיט ווילדן וויין. פון הינטן האָבן זיך אומענדלעך געצויגן די פלאַכע פעלדער.

פוילן איז עס פאָרגעקומען זייער ברוטאַל און געמיין, וואָס האָנגרי איז נאָך אַ קורצער צייט אויפגעשטאַנען, גע-געצנדיק אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַוועקגעלאָזן דעם וואָגן.

רות איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, בעת דער אויטאָ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און פאַרקירעוועט אויפן ווייס שימערירנ-דיקן זאַמד פון מערב-שאָסיי.

אויך פויל האָט זיך ערשט דאַן אויסגעניכטערט פון זיינע חלומות, בעת זיי זענען צוגעפאָרן צו די שערוודס און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט זיך צורעכטגעמאַכט, געהאָלפן רותן אויסשטייגן פון אויטאָ און אַוועק מיט איר איבער דער גרויסער לאָנקע, ווייטער מיטן פריערדיקן אויפגעקלעפּטן געלעכטער אויפן פּנים.

אַ גוטע נאַכט — אַ קוש, אַ רוישן פון איר קלייד און — זי איז נישטאָ. נאָכאַמאָל דריי מייל ווילד פאָרן.

— גוטע נאַכט, האָנגרי — ס'איז געווען לעגענדאַריש! אינגיכן נאָכאַמאָל? באַשטימט! אויף די שפּיצפינגער אין שטוב אַריין, ווו ס'איז געווען טונקל און שטיל, און אַרויף אין זיין צימער.

דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל און נייגיריק זיך באַקוקט. דאָס גלאַטע פּנים אינגאַנצן פאַרחלומט, די בלאָנדע האָר צעקודלט, פודער אויפן אַנצוג. און דאָס זאָל באמת זיין פויל בענטאָן, וואָס האָט נאָך מיט עטלעכע מינוט פריער געהאַט אין זיינע אָרעמס אַ שיין מיידל און זי געקושט? מיט אַ פרעגנ-דיקן, פאַרוואונדערטן בליק האָט ער אַריינגעקוקט דעם שפּיגל-בילד אין די בלויע אויגן אַריין.

זיבעטער קאַפּיטל

1

וועסטפיעלד האָט זיך געוואָרגן אין דער שטיקנדיקער היץ פון דאָרפּישן זומער. פויל פלעגט יעדן אינדע־פרי אויפשטיין גאַנץ שפּעט און דעם גאַנצן טאָג זיך באַשעפטיקן לגמרי מיט גאָרנישט טאָן.

נאָך אַ לאַנגן פאַרביטערטן קאַמף איז אים ענדלעך גע־לונגען אַרויסצורייסן ביי זיין פאָטער, וואָס איז געווען איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן אין זיינע געשעפטן, אַ טאַשן־געלט פון צוויי דאָלאַר אַ וואָך.

פרוי בענטאָן האָט זיך אָפן געשטעלט אויף דער זייט פון איר זון און פלעגט אים נאָך אָפט בגנבה צוּוואַרפן אַ פערטל אָדער אַ האַלבן דאָלאַר, ווייל ער האָט כלומרשט אויסגעפירט געוויסע קליינע אַרבעטן פאַר די שטוב.

אין דער פינצטער פון וואַרטנדיקע אויטאָס ביי איינזאַמע זייטן־וועגן האָט פויל בענטאָן געשווינט און אַ סך געלערנט. אַלס מוסטער האָט ער זיך גענומען האָנגרין און נאָכגעטאָן אַלץ וואָס אים איז אין האָנגרין געפעלן, כדי וואָס גיכער אויסצו־בילדן זיין ליבעסטעכניק.

אין איין שיינעם טאָג האָט האָנגרי געזאָלט האָבן אַ ראַנ־דעוווּ מיט עטעל קונס, איינע פון די בראַווע אין פערטן קלאַס. עטעל האָט געהאַט אַ שוועסטער מיטן נאָמען בעסי, וואָס האָט

געהאַט אַ פּאָסטן אין צען-סענט-באַזאַר אין לינוויל, האָט אָבער די וואַקאַציעס גראָד פאַרבראַכט אין דערהיים. צוליבן דאָזיקן מיידל האָט זיך האַנגרי אין טאָג פון דער אונטערנעמונג צוגעפּוצט צו פּוילן.

— דו, סקיטער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — איך קאָן זיך וועטן, אַז עטעלס שוועסטער וואָלט אויף דיר מסכּים געווען! וואָס זאָגסטו? ווילסטו מיט אונז פאָרן?

— מיינעטוועגן — האָט פויל געזאָגט באַגייסטערט, באַגליקט פון דער אויסזיכט צו קאָנען באַקומען אַ גייעם נאָמען פאַר זיין ליסטע, אַ רעגיסטער, ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן: „מיידלעך, וועלכע איך האָט געקושט", און וואָס ער האָט שעמעוודיק געהאַלטן פאַרבאָרגן פאַר די אויגן פון דער וועלט צווישן מאַטראַץ און די שפּרינגפעדערן פון זיין וואַקלדיקן עמאַלירטן בעט.

און האַנגרי האָט, הייסט עס, דורך עטעלס פאַרמיטלונג געלאָזן וויסן בעסין, אַז פויל וויל מיטפאָרן, אויב זי האָט עס גערן. אַז דיביידע בחורים זענען אין אָוונט אַרויסגעפאָרן, איז דער הימל געווען באַדעקט מיט וואָלקנס. צופאָרנדיק צו קונס הויף זענען זיי אונטער אַ שלאַקסרעגן קוים דערלאָפן פון אויטאָ צו דער שטוב.

און אָט זענען זיי געשטאַנען אין גאַסטצימער ביי די קונס און זיך געווישט מיט די אַרבל די רעגן-טראָפּנס פון פּנים.

— היינט גיסט שוין טאַקע ווי פון ציבערס, — האָט פויל ווי נישט ווילנדיק באַמערקט.

— לאָמיר בלייבן דאָ, — האָט פּראָפּאָנירט עטעל, אַ גרויס בלאָנד מיידל אין אַ אַ בלוי קלייד.

— איך מיין אויך אַזוי. די גאַסן וועלן זיין שרעקלעך בלאָטיק, — האָט איר אונטערגעשטיצט דער תּמיד פּראַקטישער האַנגרי, האָט אויסגעטאָן זיין דורכגעווייקטן מאַנטל און אים אויפהאָנגען אויף אַ שטול.

בעת הער און פרוי קונס האָבן אין צווייטן צימער געדולדיק געלייענט און געגייט, האָבן זיך די צוויי פּאָרלעך אַרומ-

געזעצט אַרום דעם הילכיקן פיאַנאָל*) און מיטגעזונגען מיטן אויטאָמאַטיש שפּילנדיקן אינסטרומענט.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן זיך האַנגרי און עטעל געהאַלטן אין די אָרעמס. זיי האָבן זיך אונטערגעגנבעט צום שעסלאָנג און אַריינגעפאַלן אין אַ שטילער אַרומהאַלזונג. פּויל איז געבליבן זיצן ביים פּיאַנאָל און טיכטיק געטראָטן מיטן פוס דעם פּעדאַל.

בעסי איז געשטאַנען הינטער אים, די הענט אויף זיינע אַקסלען. זי איז געווען אַ שיין אָנגענעם מיידל, אימפּולסיוו און רירעוודיק ווי אַ וועוורק. מיטאַמאָל איז איר מיאוס געוואָרן די מוזיק, זי האָט זיך אויסגעדרייט, איז אונטערגעגאַנגען צו דער וואַנט און פאַרלאָשן די לאָמפּן. אין קיך האָט די מוטער צוגערוקט איר פּאָטעל נענטער צום לאָמפּ, כדי עס זאָל איר זיין בעסער צו נייען. הער קונס, וואָס איז געזעסן מיטן פּנים צו דער אָפענער טיר, האָט אַפילו נישט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון דער ציימונג, בעת אין צווייטן צימער איז פּלוצלינג געוואָרן פינצטער.

בעסי האָט אַ נעם געטאָן אַ דריי, פיר סאָפּקע־קישעלעך און זיי צעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע. האַנגרי און עטעל זענען געלעגן אויסגעצויגן אויפן שעסלאָנג און איינער דעם אַנדערן שטאַרק אַרומגעהאַלזט. בעסי האָט געגענעצט און געוונקען פּוילן זיך געשווינט אַנידערצוזעצן.

מיט צוויי חדשים צוריק וואָלט ער נאָך זיכער פון שרעק פּאַרגליווערט געוואָרן. איצט האָט ער בלויז קרומלעך אונטערגעלאַכט, אַ ווייז געטאָן מיטן קאָפּ אויף די עלטערן אין דערבייאיקן צימער און פרעגנדיק געהויבן די ברעמען.

— אָך, זיי זאָלן דיך נישט אָנגיין, — האָט בעסי גרינגשעציק געלאַכט. קום אַהער, פּויל.

מיט אַן אומצוטרויליכן און אומבאַקוועמען בליק אויפן

---

*) פּיאַנאָל — אַן אינסטרומענט, אויף וועלכן עס קאָנען אויך שפּילן נישט־קיין מוזיקער.

פּאָטער, וואָס איז געזעסן אַ פּאָר מעטער פון זיי אין באַלויכ-טענעם צימער, האָט זיך פויל אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און דערנאָך אויסגעדרייט, ביז ער איז געלעגן אויף אַ זייט אָנגע-שפּאַרט אויפן עלנבויגן.

בעסי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און איינגעשלאָסן אין אירע אָרעמס. ס'האָט אים אומאָנגענעם דערמאָנט אָן גערט-רודע הומפּרעיס. פויל האָט זיך נישט געווערט, פון זיין זייט אָבער דערויף נישט געענטפערט. ער האָט זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה.

מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז פּאַר די לעצטע עטלעכע חדשים האָט פויל דערוואָרבן זייער פיל לעבנס-חכמה, נישט געקוקט אויף די צופעליקע עצות פון פאַל צו פאַל, וואָס האַנגרי האָט אים געגעבן.

איצט האָט ער דידאַזיקע אַלע מעשיות גאַנץ רויק דורכ-געטראַכט און גענומען אין אַכט די געגנווערטיקע אומשטאַנדן.

ניין, האָט ער ענדלעך באַשלאָסן, צום בעסטן וועט זיין —

— נישט! — האָט בעסי מיט כעס געמורמלט און צוגע-האַלטן פעסט זיין האַנט.

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל ס'איז גאָרנישט שיין, דעריבער! אויב דו ביסט נישט אָנשטענדיק, שטיי איך די מינוט אויף און זעץ זיך אויף אַ שטול!

דערנאָך איז זי ווידער ווייך געוואָרן און זיך פעסטער צו אים געדריקט.

— צי דען קאָנסטו נישט ליגן אָרנטלעך שטיל און עמעצן ליב האָבן, און נישט באַלד — דו ווייסט שוין — און נישט באַלד זיך שלעכט אויפפירן?

אויף וואָס פויל בענטאָן, וועלכער האָט נאָך נישט גע-האַט איינגאַנצן גובר געווען די מעשה מיט גערטרודע הומפּרעיס, האָט געטאָן אַ רעזיגנירטן זיפץ און געזאָגט:

— גוט, אויב מיר וועט עס ווי נישט איז זיין מעגלעך, און דיר מאַכט עס אומבאַדינגט מער שפּאַס.

אינערלעך איז ער אָבער געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער קאָן ביישטיין דעם נסיון, ער האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן זיכער געפיל. זיינע כּוונות זענען ווייט נישט געווען אַזוי חוצפּה־דיק ווי זיין האַלטונג.

פּאַמעלעך האָט ער דערשפּירט, ווי ס׳כאַפּט אים אַרום עפּעס אַ מין הייסע אומרויקייט, ווי נישט ווילנדיק האָט ער בעסין אַ קוש געטאָן. ס׳איז געווען עפּעס אַ פּרעמדאַרטיקער אויסגעהונגערטער קוש, וואָס האָט צעגאָסן אַ נייעם שוידער איבער פּוילס קערפּער.

דאָס מיידל האָט אים לײדנשאַפטלעך צוריקגעקושט, איר בויגזאַמער קערפּער האָט געציטערט. דאָס בלוט אין פּוילס אָדערן איז געווען ווי אַ פּליסנדיק רויט פייער, זיין אָטעם שווער.

פּלוצלינג האָט אים בעסי, אַ צעקאָכטע, אָפּגעשטויסן פון זיך מיט איר גאַנצן כּוח.

— איצט גיי, טראָג זיך אָפּ, זאָג איך דיר — האָט זי פאַרביטערט געשריגן. — אַז דו הויבסט אַזוי אָן און דערפּירסט באַך מיך אויך דערצו. אָ, פוי! איצט איז אַלץ קאַפּוט. איך פאַר־שטיי אייך נישט, אייך ייִנגלעך, ווי איר קאָנט אַזוי זיין. ניין! מיט אַ באַוועגונג פון עקל איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

פּאַמעלעך האָט זיך אויך פּויל אויפגעשטעלט. ער האָט זיך געוואַקלט ווי אַ שכּור, דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, אין די אויגן האָט געשווינדלט, עפּעס אַ מין מישמאַש פון פאַרבן און טענער, וואָס — וואָס אַזוינס איז דען געשען? מיט שוואַכע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויס אויפן גאַס.

דער רעגן האָט אויפגעהערט. אומעטום זענען געשטאַנען קאַלוזשעס. די לופט איז געווען פייכט און אַזוי קיל, ווי אַ קאָמ־פּרעס אויפן שטערן.

פּויל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און לאַנג געזעסן פאַר דער האַלב־אָפענער טיר. טיף האָט ער איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט, ביז דאָס קלאַפּן אין זיינע שלייפן איז שוואַכער געוואָרן, דאָס פייער אין זיין בלוט האָט זיך אויסגעלאָשן, דער

קאָפּ-שווינדל האָט אויפגעהערט און די ווי אין קרעמפּן געשפּאַנ־טע מוסקולן האָבן נאָכגעלאָזן. פּלוצלינג האָט ער דערשפּירט, אַז פון קאָפּ ביז פיס איז ער באַדעקט מיט אַ שווייס... גאָט איינ־ציקער, וואָס אַזוינס איז מיט אים אייגנטלעך געשען?

אַנטשלאָסן האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אויפ־געשטעלט און אַרויפגעקוקט צו די פרישע בלאַנק געוואַשענע שטערנס.

2

אין דער צווייטער און דריטער וואָך פון אויגוסט האָט פייל מיט נאָך פיר ייִנגלעך איינגעאָרדנט אַ לאַגער ביי די גראָזיקע ברעגעס פון אַ טייך, בערך אַ מייל ווייט אויף דרום־זייט פון וועסטפּיעלד.

זיי זענען געשלאָפן אין אַן אַלטן, צעפליקטן געצעלט, געגעסן אומגעהייערע פּאָרציעס בעבלעך־קאָנסערוון און געבראָ־טענע פיש, אַרומגעלאָפן כמעט נאַקעט און אויף אַ משוגעדיקן אופן זיך אָפּגעבריענט.

אין אָוונט האָט מען אָנגעצונדן אַ פייער, און, ווי די אינ־דיאַנער, זיך אַרומגעזעצט. דערצו האָבן זיי אָן אַ שיר געררוי־כערט און דערציילט שדים־ און ים־רויבער־מעשיות און גאַנץ אָפט אָבער אויך, — וואָס מ׳מוז לײדער מודה זיין — מוראדיקע חזירייען. דער, וואָס האָט דערציילט, איז תמיד געזעסן אַביסל פון דערווייטנס, כדי ס׳זאָל נישט פאַלן אויף אים דער שיין פון רויטלעכן פייער בעת ער רעדט. אויף באַזונדערס אומאָנשטענ־דיקע אויסדרוקן פלעגט ער זיך, געוויינלעך, אָפּשטעלן לענגער. די איבעריקע, פאַרקערט, האָבן זיך אַרויסגערוקט, אַביסל זשע־נירט, אָבער גיריק זיך צוגעהערט צום שמוץ. אַז ס׳איז געקו־מען צום הויפּטגעדאַנק — אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז ס׳איז בכלל געווען אַ הויפּטגעדאַנק — האָבן אַלע איינשטימיק און הילכנדיק געלאַכט. קיין אמתע פרייד איז דערביי נישט געווען, ביי פּוילן לכל הדעות איז עס געווען נישט מער ווי אַן אַנטשפּאַנונג פון זיינע נערוון דורך אַ מעכאַנישן געלעכטער.

דאָך האָבן זיי נישט נאָכגעלאָזן און פאַרפאָלגט די טעמע מיט אַ מין האַרטנעקיקער עקשנות. סוף כל סוף האָט זיך פויל אויסגעלערנט אַ מאַסע אומנויטיקע זאַכן און דערוואָרבן אַ וואָרט אוצר פון אומזויבערע אויסדריקן, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף איין שטופע מיט די נידעריקסטע גאַסנייִנגען פון וועסט-פיעלד.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג האָבן פויל און מאַרטי קונס זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ מער קיין זאַנגען צום בראָטן. בליצשנעל האָט מען זיך אַוועקגעלאָזן אויף אַ פוראַזש-עקספּעדיציע. אין זייער איינפאָרמיקער לאַגער-קליידונג — באָדהויזן, טעניס-שיך, שווימהיטלען און מער נישט — האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן דורכן שמאָלן דערנערוועג לענגאויס דעם טייך, ביז זיי זענען צוגעקומען צו די קאָרנפעלדער.

זיי זענען אַרויס פון קילן שאָטן אונטער די געדיכטע בוימער, און די אויגוסט-זון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זייערע נאַקעטע לייבער ווי אַ שטראָם הייס וואַסער.

אויפן קאָרנפעלד איז געווען אַזוי ווי אין אַ קירך. אַ גרינע דעמערונג, און אַ סודותפול שעפּטשען פון ווינט צווישן די זאַנגען. די יינגלעך זענען געלאָפן געשווינד. געריסן די זאַנגען וואָס האָבן געמאַכט אַ צייטיקן איינדרוק, אַרויסגעשיילט די קערנער און גרינגשעציק אַוועקוואַרפן די, וואָס זענען נישט געווען פון דער ערשטער קוואַליטעט.

אַלץ טיפער און טיפער זענען זיי געקראָכן אין כוואַליענדיקן ים, הויכע בלומען האָבן געקיצלט זייער ברוסט, אויפן אומגלייכן באָדן זענען געשטרויכלט געוואָרן זייערע פיס, די שאַרפע בלעטער האָבן פאַרוווּנדעט זייערע אַקסלען.

פאַלנדיק פון די פיס אונטער דער לאַסט פון פראַכטפולע צייטיקע זאַנגען זענען זיי ענדלעך געקומען צוריק אין לאַגער און אַנגעוואָרפן אויף איין בערגל זייער גאַנצן שלל. זיי האָבן אויסגעטאָן די שיך און די היטלען, אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און אַ שעה נאָכאַנאַנד זיך געפּליוסקעט, געשפּריצט, געליאַרמט, געשווומען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע

אַרבעט: אָנגעקליבן טרוקענע צווייגן אויף מאַכן פייער, ד׳האָט מען אַזוי לאַנג געבלאָזן און געלייגט די צווייגן, ביז דאָס פייער האָט צו זייער אומבאַשרייבלעכער שמחה אויפגעפלאַמט מיט אַן אומגעהייער שטאַרקן פלאַקער. אונטערגעשטראָכן אויף דעם אופן, לגמרי אומבאַוווסטזיניק, דעם טיפאייַנגעוואָרצלטן אינסטינקט, וואָס טרייבט די מענטשן צו מאַכן פייער און קאָכן עסן, ווען זיי גייען אַוועק אַליין אין די וועלדער.

ווען האָפּמיר און פרעדי טורנער זענען צוריקגעקומען פון קליינעם טייכל און מיט טריומף געבראַכט צו שלעפּן אַ געוואַל־טיקן שילדקרעט איינגעוויקלט אין צווייגן און בלעטער. בלובער, דער יונגסטער און דיקסטער פון דער גאַנצער חבריה, איז אַרויס־געקראָכן פון געצעלט, ווו ער איז די גאַנצע צייט געשלאָפן און זיך פאַרייניקט מיטן גאַנצן עולם.

מיט גרויס אינטערעס האָט מען אַרויסגענומען דעם שילד־קרעט און אָנגעהויבן אים מכבד צו זיין מיט שטעקנס און פאַר־זיכטיקע פוסטריט.

זיין ברוינער שלאַנקער האַלז האָט זיך פאַרביטערט געדרוקט פון פאַנצער אַרויס און די האַרטע קינבאַקן האָבן געקלאַפּט מיט אַן אמת מוראדיקער קראַפט.

אַ פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד האָט זיך די צערייצטע חיה גע־דרייט אַהער און אַהין אויף אירע קורצע, שטאַרקע פיס און זיך פאַרצווייפלט געווערט ווי אַ קליין שרעקלעך ים־באַשעפע־ניש פון אוראַלטע צייטן.

באַלד האָבן אים אָבער די יאַטן אונטער פריידגעשרייען דערהרגעט, אַריינגעלייגט דאָס צאַרטע, שמעקעדיקע פלייש אין זאַלצוואַסער, כדי שפּעטער עס אָפּצוקאָכן.

אין אַ געוויסן אָוונט זענען זיי געזעסן אַרום פייער און זיך דערציילט מעשיות, דאָסמאָל מעשיות וועגן רוחות און שדים. פלוצלינג איז דורך די בוימלעך אַריינגעפאַלן אַ ליכטפייל. אַן אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט פון ווייטנס אויפן שאָסיי.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין רויטן פייערקרייז באַוויזן בוק.

— דו, סקיטער, — האָט ער אויסגעשריגן. — דו זאָלסט אַהיימגיין, צו דיינע לייט.

— פאַ—ר—וו—אָס אַהיימגיין? — האָט פויל אַ באמת צעשראָקענער געשטאַמט און איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— איך האָב קיין אַנונג נישט. איך האָב בלויז נאָר-וואָס געטראָפן אין שטאָט דיין אַלטן און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אַרויספאָרן און דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט נעמען דיינע זאַכן און תיכף מיט מיר צוריקפאָרן.

— אָבער דאָס איז דאָך — דו, בוק, צי האָט עפּעס פּאַסירט?

קעגן זיין ווילן האָבן ביי פּוילן געגומען ציטערן די ליפּן. די מעשיות וועגן שדים, דער אומהיימלעכער חשק און בוקס דראַמאַטישע אַרויסטרעטונג — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט צוגעגעבן דער שליחות עפּעס אַ מין דראָענדיקן אַנגסטלעכן זין.

— איך ווייס פון גאָרנישט. דיין אַלטער האָט געזאָגט, דו זאָלסט מאָמענטאַל קומען, ווייטער ווייס איך קיין זאַך נישט. נו, מאַך עס שוין בעסער גיכער.

אומזיכערע, פינצטערע השערות האָבן זיך געטומלט אין פּוילס קאָפּ ווי פלעדערמייז אין טורם-לעכער. ער איז אַריין אין געצעלט און אַ נעם געטאָן זיינע ביידע לאַגער-דעקן און די פּאָר מלבושים.

בוק האָט אַוועקגעלאָזן דעם אַלטן פעֿרד, דאָס שותּפותדיקע אייגנטום זיינס און לאַררי האַרטמאַנס — זיך פאַרקירעווען אויף דער פינצטערער גאַס און אין ווילדן טעמפּאָ געפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי פּוילס הויז, פּויל איז אַראָפּגעשפּרונגען און אַריינגעלאָפן אין שטוב. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגערעגטן פאַרוווּנדערטן פּנים; ער האָט אויסגעזען מגושמדיק, ממש ווי אַ פויגל-סטראַשידלע, מיט לאַנגע, נאַקעטע, אומוואַרשיינלעך פאַרברענטע פיס.

— מאָם, מאָם! — האָט ער געשריגן. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז.

די עלטערן זענען אַריינגעלאָפן פון עסצימער. זייערע פּנימער האָבן געלויכטן פון שמחה.

— פויל, ליבלינג, הער אויס. — —

ביידע האָבן זיי גערעדט זייער הויך און צופרידן, און דער פאָטער האָט געפּאָכעט מיט אַ געשעפטסבריוו הין און צוריק אונטער פוילס נאָז. זייער רעדנערקראַפט האָט פוילן ממש צעטומלט. מאָמענטאַל איז אָבער פאַרשוווּנדן זיין שרעק, בית-לעכווייז האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס זיי ווילן אים זאָגן.

— שטעלפאַרטרעטנדיקער האַנדלס-דירעקטאָר —

— מער געלט — אַ גרויסע בירא — זיך איבערציען.—

— פויל, דו הערסט צי ניין? מיר ציען זיך אַריבער — מיר ציען זיך באמת אַריבער — אין שטאָט אַריין! פּאַפּאַ האָט —

פינף מינוט נאָכאַנאַנד האָט געדויערט דאָס פרייען זיך, דערנאָך איז פויל אַרויפגעלאָפן צו זיך אין צימער. ער האָט אויפגעדרייט דעם לאָמפּ, איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק און טיף און שאַרף אַריינגעקוקט דעם שפּיגלבילד אין זיינע העלע בלויע אויגן, דעם ברוין-בלאַנקנדיקן יונגנמאַן אין שפּיגל.

אין שטאָט אַריין! נו, בחור!

3

און אָט איז געקומען אַ צייט פון גליקלעכן טומל, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט וועלכן נישט איז לאָגישן טראַכטן און פאָרויסבאַשטימען.

פויל האָט זיך געוואָרפן אויף דער אַרבעט פון איבערציען ממש ווי אַ משוגענער. ער האָט אויפגעטרענט דעקן, אַראָפּגענומען פון די ווענט בילדער, געפּאַקט כלים אין צייטונגס-פּאַפּיר און געשלעפּט אויף די פּלייצעס ריזיקע קופערס. דער פאָטער האָט זיך אַזוי ווייט געמיין געמאַכט, אַז ער האָט גערופן

נעם זין „פּוילּיבוּס" און זיי האָבן צוזאַמען ברידערלעך געשאָלטן און געזידלט, ביז ס'איז ענדלעך געקומען דער ריזיקער וואָגן אונטער זיין מאַטאַרשלעפּער און די פּאַרשוויצטע מענער האָבן נאָכאַנאַנד אויסגעליידיקט דאָס הויז און מיטן גאַנצן מעבל אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

וויפל קנאה, נייגיריקייט און אויפמערקזאַמקייט עס ליגן אין די בליקן פון די ייִנגלעך און מיידלעך! די גאַנצע חבריה פון שפּילזאַל שטייט אויך אַרום!

— אַדיאָס, לאַררי, אַלטער מנוול! ווידערזען, בוק! נו, קום אַהער, רות — נאַטירלעך שרייב איך דיר, אָבער אויך ערגעץ! אדיאָס, מיין געליבטע!

דערנאָך קומט אַ וואונדערבאַרער האָטעל מיט ווינדעס, וואָס טראָגן דיך אין דער לופטן. דאָ איז דאָך טאַקע דער וואונדער-באַרער קינאָ, ווו ס'הענגען קאַנאַריקלעך אין קליינע שטייגע-לעך! אַ מיטאָג אין אַ בלאַנקנדיק ווייסן רעסטאָראַן מיט לויטער באַטעלן אויפן גאַס. אויטאָס, אַ ליאַרם, אַ גערויש.

איצט וווינען זיי אין אַ העלפט פון אַ שיין טאָפּל-הויז. די שוויצנדיקע פּאַקערס זענען ווידער דאָ. ביים אויספּאַקן טראָגט זיך שטויב. צו מיטאָג אַראָפּגעשלונגען אַ זעמל און דערנאָך ווידער געררוימט, אָן אָן אויפהער, ווי אַ נאַר.

אויפן ראָג גאַס אַ פּראַכטפולע דראָגעריע. אַ ווייל ייִנגל מיטן נאָמען זשאָן אין דער צווייטער העלפט הויז. ביי אים אַ ביסל אויסגעפרעגט, דערנאָך זיך אויסרוען, מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג. לאַנג ליגן וואַכנדיק אין אַ פרעמדן נייעם צי-מער און זיך צוהערן צו פרעמדע, נייע גערוישן. אָט אַזוי ליאַרמט די שטאָט הינטערן פענצטער די גאַנצע נאַכט אָן אויפהער.

און אין אַ שיינעם ליכטיקן מאָנטאָג-פרימאָרגן, אָנהויב סעפּטעמבער, איז פויל בענטאָן אַראָפּ פון די טרעפּ פון נייעם הויז און מיט פעסטע מוטיקע טריט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער „איסט-היי-סקול" *), אין זיין נייער שולע.

---

*) מזרח-הויכשול.

אכטער קאַפּיטל

1

דער בליצבלאַנקער קליינער אויטאָ איז צוגעפאָרן האַרט צום טראָטואַר. זיין טרומייט האָט אויסגעשפּילט אַ זילבערנעם גרוס.

— זשאַק, אַללאָ, זשאַק! — האָט זיך דערהערט אַ פריינט־לעכע שטים.

די טיר האָט זיך, איינלאדנדיק, אַן עפן געטאָן, און פויל, וואָס האָט לכתחילה קיין חשק נישט געהאַט צוצוגיין, האָט אַנ־דערש נישט געקאָנט, געמוזט זיך דערנענטערן, אויסגלאָצנדיק אַ פּאָר דערשטוינטע אויגן.

— אָ, אַנטשולדיקט מיר.

דער קילער, עלעגאַנטער יונגערמאַן ביים רודער האָט עס אַ זאָג געטאָן באַדויערנדיק, אָבער אָן אַ שום פאַר־לעגנהייט.

— פון הינטן האָט איר אויסגעזען פונקט ווי זשאַק גרינ־בערג, אַנטשולדיקט.

מיט אַ לייכטן קלאַפּ האָט ער צוגעמאַכט די טיר מיטן אַניקס־הענטל און זיך צוגעקוקט צו פוילן מיט אַ העפלעכן בליק.

— אויך אין שולע? — האָט־ער געפרעגט און זיינע

שטאַרק געוועלבטע אויגן־ברעמען האָבן זיך אַ הויב געטאָן אינדערהויך.

— יאָ, אין שולע.

— אויב אַזוי, טאָ קומט שוין אַריין!

פויל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די ווייכע קישעלעך און באַוווּנדערט דעם שיינעם אויטאָ מיט זיינע צונויפגעלייגטע צי־פּערבלעטער און געהיימע קנעפּ און טירלעך. דער וואָגן האָט זיך געטראָגן ווי אַ ווינט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט פויל ערשט זיך אָנגענו־מען מיט מוט צו וואַרפן אַ שרעקעוודיקן בליק אויפן יונגן הער, וואָס האָט אים מיטגענומען.

ער איז געזעסן הינטער זיין וואָלאַן און גלייכמוטיק און אומדורכזיכטיק פונקט ווי אַ כינעזער. מיט אַ געשיקטער האַל־טונג און פלוצלינגען, שוועבנדיקן גיכן טעמפּאָ האָט ער אָנגע־פירט מיט זיין בלאַנקנדיקן קליינעם וואָגן און אויסגעמיטן אַלע פאַרביילויפנדיקע אויטאָס. פלוצלינג האָט ער זיך אויסגע־דרייט צו פוילן.

— ווי מיינט איר? צי וועלן זיי איצט ווידער אָנהויבן מיט אונז דידאַקטיקע אַלע גרויסע חכמות פון אָנפאַנג אָן?

פויל האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— יאָ, איך ווייס נישט. איר דאַרפט וויסן, אַז ס'איז מיין ערשט יאָר דאָ ביי אייך.

— אַך, אַזוי. — אַ שאָטן פון לאַנגווייליקייט האָט פלוצ־לינג באַדעקט יענעמס פּנים. — פון וואַנען זענט איר דען, פון לע־דור? דאָס איז געווען אַ מיטלשול, נישט ווייט פון דאַנען.

פויל האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען לע־דור, ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט און געענטפערט:

— ניין, וועסטפיעלד.

די העפלעכע ברעמען האָבן זיך שוין ווידער אויפ־געהויבן.

— וועסטפיעלד, — האָט יענער איבערגעחזרט און האָט

אָנגעהויבן פון מינוט צו מינוט זיך מער צו לאַנגווײַלן. — וועגן אַזאַ מין לאַך האָב איך נאָך אויף מײַן לעבן נישט געהערט, פּרעפּאַראַמאָריום *) ?

— ניין, ס'איז אַ ריכטיקע מיטלשול. וועסטפּיעלד איז אַ שטאָט.

—אַך, אַזוי, איר זענט נישט קיין שטאָטישער, ווי ס'שײַנט. נו, יאָ! אַך, ריכטיק, וועסטפּיעלד — ס'איז דאָך די קליינע מויזנלאָך, וואָס געפינט זיך אַ דרײַסיק מײַל פון דאַנען בײַ די קאַפּערן?

— נו, נו, וועסטפּיעלד איז נישט קיין מויזנלאָך. מיר האָבן מער ווי זיבנהונדערט אײַנוווינער.

דער ליבנסווירדיקער האָט אַ ביסל אונטערגעלאַכט.

— נו, גרויסאַרטיק, — האָט ער געמורמלט.

— דאָס דאָרפישע פאָלק! אָבער איר זעט אַזוי נישט אויס, פונדעסטוועגן, צום ערשטן מאָל אין שטאָט?

— הם, — האָט זיך פויל מילד מודה געווען.

— ווי הייסט איר?

— איך? פויל בענטאָן.

— איך הייס מערעדיט — אַרט מערעדיט. אויב אַזוי קאָנען מיר זיך זאָגן דו... בענטאָן, קומסטו, הייסט עס אַהער דירעקט פון דאָרף און באַגליקסט איצט אונזער געליבטע איסט-היי-אונטערנעמונג! נו, איך קאָן נאָר זאָגן, זאָל דיר גאָט העלפן, בענטאָן!

ער האָט כיטרע געלאַכט און שווייגנדיק געפאָרן אַ פּאָר גאַסן ווײַטער, דערבײַ האָט דער טאַקסאָמעטער כּסדר געוויזן עפּעס מער ווי די דערלויבטע געשווינדקייט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך פאַרקירעוועט אין אַ ברייטער זײַטנגאַס, און גלײַך האָט זיך באַוויזן די איסט-היי-סקול.

פויל האָט נישט ווילנדיק אַ ציטער געטאָן און קוים געוואַגט צו אָטעמען.

*) פּרעפּאַראַטאָריום—צוגרייטונגס-שול.

אַן אומגעניטער וואָלט ביים ערשטן בליק געקאָנט אָננעמען די שולע פאַר אַ מין הויפּט-טעמפּל פון וועלכער נישט-איז לוק-סוס-געמיינדע.

דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער, פּירקאַנטיקער פּאַלאַץ פון ווייסן שטיין און אין שטאָל-געפּאַסטן גלאָז. פאַרן הויפּט-אַריינגאַנג זענען געשטאַנען געוואַלטיקע דאָרישע *) זיילן. אַ ברוּ-קירטער הויף מיט הויכע שטיין-באַלוסטראַדן און ברייטע טרעפּ פאַר גאַנצע רעגימענטער האָט זיך געצויגן אַרום אַ פּראַכטפולן וואונדערבאַר געפּלעגטן רו-פּלאַץ.

ווען נישט די אַמעריקאַנישע פלאגן, וואָס האָבן פויל גע-פלאַטערט אויף די הויכע פענערשטאַנגען, האָט מען זיך לייכט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַלטע רוימער, איינגעוויקלט אין זייערע טאָגעס, וואָלטן פאַרצאָגטע אַרומגעוואַנדלט איבער די גרויסע האַלעס פון דאָזיקן בנין.

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי עפּעס פאַרשוועכט מען דעמדאָזיקן טעמפּל, וואָס פאַקטיש דרייען זיך אַרום ביי זיין אַריינגאַנג מיט די אימפּאָזאַנטע דאָרישע זיילן מער אָדער ווייניקער געלאַנגוויילטע איבערעלעגאַנטע בחורים און שטאַרק גע-שמינקטע מיידלעך.

פויל און מערעדיט זענען אויסגעשטיגן פון שיינעם אויטאָ און געשווינט זיך געלאָזן צום אַריינגאַנג, מערעדיט צופרידן און מיט אַ דייטלעכער שפּאַנונג, פויל מיט אַן אָפן מויל און אַ געמישטן געפיל פון אַנגסט און אומגעהייערער התפעלות.

טריט ביי טריט איז ער נאָכגעגאַנגען מערעדיטס שפּורן. יענער האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן צווישן אַ מחנה ליאַרעמ-דיקע און פלוידערנדיקע יונגעלייט, און איז גלייך געוואָרן פונקט אַזוי משוגע ווי זיי.

— מאָר'ן זשאַק! מאָר'ן ראָזשער! אַהאַ, ביל, אַלטער חזיר!

ווען ער האָט באַגריסט מיידלעך, וואָס ס'איז געשען גע-

*) דאָריער — אַ פאָלק אין אַלטן גריכנלאַנד.

נויג אָפּט, האָט ער זיך באַגייסטערט אויף זיי געוואָרפן, געכאַפּט פּאָר ביידע הענט, צוגעשלעפּט נאָענט צו זיך און אַרומגעכאַפּט זיי מיט אַ שטראַלנדיקן היפּנאָטיזירנדיקן בליק.

פויל האָט בלויז געהאַט אומדייטלעכע איינדרוקן פון געשמירטע ליפּן, אונטערגעצויגענע אומרויקע אויגן-ברעמען און קילע, שלאַנגהאַפטע קערפּערס, אַלבאַסטערנע און רויט-געשמינקטע.

פלוצלינג האָבן זיך דערהערט פון אַלע זייטן עלעקטרישע גלאָקן. די ברויזנדיקע שילער-מחנה איז שטיל געוואָרן און האָט זיך פונאַנדערגעטיילט. ווי וואַסער, וואָס פליסט פון הונדערט רינעס אין איין געמיינזאַמען זאַמלבעקן, האָבן זיי געשטראָמט פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון דאָזיקן בנין אין איין גרויסער אוידיטאָריע אַריין.

פויל איז געגאַנגען מיט דער מחנה. ער האָט זיך ערגעץ־ווו אַוועקגעזעצט און אויפמערקזאַם צוגעקוקט, ווי פון ים ליידיקע פלעצער ווערט אַ ים באַוועגלעכע קעפּ.

גאָר פאָרנט אין זאַל האָט ער דערזען דעם גרויסן פּאָדיום און הינטער אים אַ זילבערבלאַנקע, פּירקאַנטיקע וואַנט-טאַפל צו פּראָזשעקטירן ליכט-בילדער.

צווישן אים און דעם מיטלגאַנג זענען נאָך געווען דריי פרייע פלעצער. אויף צוויי פון זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט צוויי בחורים.

זיי האָבן געטראָגן ברייטע, העלע אָנצוגן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי אומגעהייער סטודענטיש, אַז מ'האָט אין די טרעגער אויפן אָרט דערקענט מיטלשילער. ווערטן, ווי ס'שיינט, זענען נישט מאָדיש.

די קאָלירטע העמדער און קורצע פאַרשייטע קראַוואַטן האָבן צוגעגעבן דעם עולם אַ פאַרבנפרעכטיקן אויסזען, וואָס די ברייטע אָרגאַמענטירטע לעדער-גאַרטלען האָבן עס נאָך מיר אונטערגעשטראָכן.

ייז האָבן פאַרלייגט די פיס איינעם אויפן אַנדערן און געוויזן לויז אַראָפּהענגענדיקע, שטאַרק געמוסטערטע זאָקן. זייערע שיך זענען געווען שווער און פון אַן אויפרייצנדיקן ציטרין־קאָליר.

פויל האָט זיי אָן אַן אויפהער באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס.

פלוצלינג איז אים אַרויף אויפן געדאַנק, אַז זיין בלויער אָנצוג איז שוין אַביסל דורכזיכטיק און דאָ אויפן אָרט האָט ער באַשלאָסן אָנצוהייבן אינדערהיים אַ נייע אָנצוג־קאַמפּאַניע אויפן גאַנצן פראָנט.

אויסערדעם וועט ער זיך פּרוּוון פאַרקעמען מיט אַ שרונט אינמיטן, צוגעבן די האָר אַ גלאַנץ דורך עפּעס אַ מין שמירעכץ און זיך פאַרשאַפן אַ פּאָר געלע שיך.

אַ דריטער האָט זיך דורכגעשטופּט פאַרביי דיביידע יינגלעך און זיך אַוועקגעזעצט לעבן פּוילן. ס'איז געווען אָרט מערעדיט.

— נו, דאָרפס־פּאָלק, — האָט ער געמורמלט, — ווי שטייט עס, ווי גייט עס, אַזוי צו זאָגן? ווי געפעלט דיר אונזער קנייפּע? אַ פיינע בודע, וואָס?

— נו, גרויסאַרטיק! — מאַכט פּויל.

ערגעץ־ווו פּאַ־נט, אויפן פּאָדיום, האָט אַ מאַן אין אַן אויסגעריבענעם גרויען אָנצוג אָנגעהויבן פאָרצוטראָגן. ער איז געווען אַ ריזיקער פאַרשוין, און זיין דונערנדיקע שטים האָט געהילכט איבער דער גאַנצער אוידיטאָריע.

דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז צו פּוילס באַוווּסטזיין נישט דערגאַנגען. דעריבער האָט ער זיך געווענדעט צו מע־רעדיטן:

— דו ביסט אין העכערן קלאַס, אמת? — האָט ער אָנ־שטענדיק אַ פרעג געטאָן, כּדי אָנצובינדן אַ קאָנווערסאַציע.

מערעדיט האָט ווידער געהאַט זיין לאַנגווייליקע מינע.

— אויבערקלאַס? ניין, אין דעם סעמעסטער האָב איך שפּאַניש אין B 9. ענגליש B 10. געשיכטע B 12. מאַטעמאַטיק A 10.

צייטונגס־ווען, אויב מיר וועט געלינגען. איז עס אויבערק... צי נישט?

— המ, יאָ! איך האָב קיין אַנונג נישט!

— דאָס איז עס טאַקע. איך אויך נישט. קיינער האָט נישט די מינדסטע אַנונג! איך גיי אין איסט־היי, דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס. אַנדערטהאַלבן יאָר זיץ איך שוין דאָ, און דריי מיט אַ האַלבן יאָר וועל איך נאָך זיכער זיצן, אויב מ'וועט מיך נישט אַרויסיאָגן, וואָס ס'איז העכסט וואָרשיינלעך.

אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער ביז צום סוף פון דער לעקציע, און פויל האָט זיך דערוווסט אַ גאַנץ סך זאַכן וועגן דעם שטייגער און די מנהגים פון דער איסט־היי־סקול. זיין פּנים איז כּסדר דערפון געוואָרן אומעטיקער, אַזוי אַז ערט מערעדיט האָט אים סוף־כּל־סוף פּראָפּאָנירט:

— קום קודם־כּל מיט מיר אין צימער 101 און לאָז זיך איינסקריבירן. דו ביסט אַביסל צעטומלט אויפן קאָפּ, וואָס? נעם זיך נישט צום האַרצן, אַזוינס וועט דיר נאָך נישט איין מאָל פּאַסירן, ביז דו וועסט זיך ריכטיק דורכשלאָגן.

אין גרויסע מחנות האָט מען זיך געטראָגן פון אוידיטאָריע אין דער שיינער האַלע אַריין. מ'האָט געהערט די טריט פון הונדערטער פיס. אומצייליקע טירן אין די ווענט. דורך איינער פון זיי האָט מערעדיט אַריינגעשטופּט פוילן אין צימער 101.

דאָרט האָט אויסגעזען אַזוי גאָטרחמנותדיק ערנסט ווי אין אַן אָפּעראַציע־צימער, און טאַקע אויך נישט לוסטיקער. דאָס צימער איז געווען קליין און פירקאַנטיק, האָט אָבער געהאַט אַ הויכן לופטיקן סופיט.

די פאָרהאַנגען זענען געווען פאַרצויגן און די זון ה געשטראַלט.

אַן אַכצן פאַטעלן זענען געווען שיין צעשטעלט גלייכע רייען. פויל האָט זיך דערמאָנט אָן אַ גאָרטן־סטאָראַן.

אַ גרויסער רונדער זייגער איז געווען איינגעמויערט

דער ווייס געטונקעוועטער וואַנט, דערביי זעגען געשטאַנען עט־לעכע קאַרטאָן־שטענדערס און אויף אַ צווייטער וואַנט אַ פּאָר קאָרעקטע און לאַנגווייליקע בילדער.

אָפּגעזונדערט פון די שילער־פּלעצער איז געשטאַנען אַ פלאַכע קאַטעדרע, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי געשעפטסמעסיק, ווי זי זאָל בלויז וואַרטן אויף אַ ביזנעסמאַן, וואָס זאָל קומען דאָ זיך אַוועקזעצן און מיט אַ געפּיל פון ווירדע זיך בלאָזן.

פּויל איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, געביסן די ליפּן און באַקוקט די שולמיידלעך און די עלעגאַנטע קליידער, ביז ס׳איז אַריין די לערערין.

זי האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין שול־לערערין. זי איז געווען זייער געשמאַקפול אָנגעטאָן און נישט איבערטריבן ערנסט.

מיט אַ האַנטבאַוועגונג האָט זי געהייסן די שילער זיך זעצן, וואָס זיי האָבן גאַנץ געלאַסן געטאָן, כדי ס׳זאָל נישט אויסזען צופיל דיסציפּלינירט.

פּויל האָט איר געוויזן די צייגניש, וואָס ער האָט מיטגע־בראַכט פון זיין שולע אין וועסטפיעלד.

זי האָט עס אַ צייט נאָכאַנאַנד שטודירט און דאַן דער־קלערט:

— איר מוזט דאָ אָנפאַנגען אין B 10. דער קורס פון אונטערקלאַס אין דאָרף ווערט ביי אונז געלערנט אין דער נייג־טער אָפּטיילונג פון דער פּאָרשולע. מיט אַנדערע ווערטער: איר מוזט דא ווידער אַריין אין אונטערשטן קלאַס.

דערצו האָט זי אַביסל צוגעלאַכט.

פּוילן, נאַטירלעך, האָט זיך גיכער געוואָלט וויינען, דער־הערנדיק, אַז ער דאַרף דאָ ווידער אָנהויבן אַלס „קליינער".

— איבעריקנס, — האָט די לערערין ווייטער געזאָגט, — וועט איר דאָ אין דריי יאָר פּאָרטיק ווערן פּונקט אַזוי ווי דער צווייטער קלאַס, צו וועלכן איר געהערט אייגנטלעך. מיר אונ־טעררישטן דאָ נאָר דעם קורס פון די לעצטע דריי יאָר און אַזוי ווי איר זענט, הייסט עס, אין צווייטן, אַבער דאָס ערשטע

יאָר אין אונזער שולע, מוזט איר זיך איינשרייבן אין 10 B אין צימער 208, איר פאַרשטייט?

פויל האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. ער האָט אויטאָמאַטיש צוגעשאָקלט און איז אַרויס צוריק אין קאָרידאָר; ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צו געפינען דעם צימער 208.

פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט אין גרויסן אוידיטאָריום, אַז אַלע צימערן איבער 200 געפינען זיך אויפן צווייטן שטאָק.

ער איז דעריבער אַרויף מיט אַ שטאָק העכער און נאָך אַ לענגערן זוכן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טיר, אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט קליינע מעטאַל-ציפערן "208". ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר און איז אַריין אין אַ גרויסן אומגעהייער רוישיקן צימער. אַרום דער קאַטעדרע האָבן זיך געשטופּט אַ מחנה שילער. ער האָט זיך דורכגעריסן אינמיטן און ענדלעך האָט אים אָפּגעגליקט צו ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון לערער, אַ דיק-האַסטיקן מענטשן אין אויגנגלעזער.

פויל האָט אים דערלאַנגט זיין צייגניש.

— צי געהער איך צו דעם קלאַס?

דער האַסטיקער הער האָט באַקוקט די צייגניש מיטן גיכן און אומצופרידענעם בליק פון אַ צעררייצטן פענסטער-באַאַמטן.

— ניין, ניין! מיר האָבן דאָ נישט פאַר אייך קיין אַנקעטע. איר וועט טאַקע געהערן אַהער, אָבער קודם-כל דאַרפט איר גיין אין ביוראָ אַריין. מיר דאַרפן פריער האָבן די אַנקעטע. דאָס אַלץ דערליידיקט מען אין ביוראָ.

די ביוראָ איז געווען אַן אומבארהמנותדיקער צימער מיט הויכע קאַרטאָטעקן-שענק.

הינטער אַ הויך פענסטער זענען געלאָפן הין און צוריק איבערגעאַרבעטע יונגע פרויען.

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

ער האָט אַ רוק געטאָן איבערן טיש זיין אומפֿאַרמיידלעכע צייגניש. אַ מאָמענט האָט ער געהאַט דאָס ווונדערבאַרע געפֿיל צו לעבן אין אַ וועלט פֿון שטאָלערנע אַקטן-שענק, וווּ ס׳זענען פֿאַראַן בלויז רעגיסטריר-קעסטלעך און מעלדונגס-צעטלען.

— איר קומט פֿון דער פֿרעמד, — האָט אים דאָס מיידל דערקלערט. — מער האָט איר נישט קיין שום פּאַפּירן? מוזן מיר דעריבער שרייבן אין אייער פּריערדיקער שולע. דערווייל — נו, קומט מאָרגן נאָכמיטאָג אַהער, וועלן מיר אייך אויסשטעלן אַ שיין. איצט מאַכט עס אָבער געשווינד, כּדי איר זאָלט נאָך באַ-וויזן זיך איינצושרייבן.

אַרום מיטאָגצייט האָט פּויל פֿאַרלאָזן דעמדאָזיקן בנין לגמרי אַ צעטומלטער, אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך כּמעט פֿאַרבענקט נאָך וועסטפּיעלד, נאָך יענעם גוטן, אַלטן נעסט.

די אויגן האָבן אים וויי געטאָן און ער האָט מיד גע-שמייכלט, פֿאַרגלייכנדיק אין זיינע געדאַנקען דאָס קלאָגעדיקע, צווייִשטאָקיקע, געמויערטע הויז, וווּ ס׳געפֿינט זיך די גאַנצע וועסטפּיעלדער צענטראַל-שולע מיטן דאָזיקן — דאָזיקן; ס׳האָבן אים געפֿעלט די ווערטער!

דערנאָך האָט ער זיך ענערגיש צוזאַמענגענומען. איצט איז ער אין שטאָט, צום טייוול, און נישט אין יענעם טינופּתדיקן דאָרף! וואָס פֿאַר אַ שיכות האָט ער עפּעס מיט אַ מין עלנטן לאָך, ערגעץ-וווּ ביי די קאַפּערן?

— הע, דו! — האָט אים אַ נעטער ייִנגל דעריאָגט און זיך אָפּגעשטעלט, — דו ביסט דאָך פּויל בענטאָן, יאָ? — האָט ער געפֿרעגט.

פּויל האָט דערקענט דאָס ייִנגל, וואָס האָט געוווינט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זייער טאָפּלהויז.

— יאָ, און דו הייסט יאַני, אמת?

— הם, — יאַני וועלס. זאָג, ווי געפֿעלט עס דיר דאָ ביי אונדז?

— נו, אומגעהייער!

— דאָס גלויב איך דיר. צי האָסטו שוין געזען די ספּאָרט-האַלעס?

— ניין, נאָך נישט. צי איז דען פאַראַן מער ווי איינע?

— פאַרשטייט זיך! איינע פאַר ייִנגלעך און איינע פאַר מיידלעך.

— זייער גוט! אָבער זאָג מיר, יאָני, פון וואַנען נעמט זיך אייגנטלעך דער טאַראַראַם מיט די איקס קלאַסן און אָפּטיילונגען? A 10, למשל, און B 11 און נאָך אַזעלכע וואַנצן! פאַרוואָס זאָל עס נישט הייסן ערשטע, צווייטע, דריטע און אַזוי ווייטער?

— דאָס פּראַקטיצירט זיך שוין אויך. די שילער אין פערטן זאָגן שוין אָפּטמאָל אַזוי. אָבער, דו פאַרשטייסט, פויל, דאָ גייט דאָך אַלץ לויטן שוליאָר, איך מיין לויטן האַלביאָר אָדער סעמעסטער, ריכטיקער געזאָגט. ווען ער זאָל, למשל, נעמען בלויז B 11 קענגשטאַנען, וואָלט מען סוף-כּל-סוף געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אין B 11. אָבער ווען ס'זענען אויך פאַראַן פריי־וויליקע, און ווייל גאַנץ אָפט טרעטן זיי אויך אַרויס, ס'זענען בכלל נישטאָ קיין סך, וואָס זאָלן דורכמאַכן אַ רעגולמעסיקן שטודיען־פּלאַן.

פויל האָט בלויז געקאָנט אויטאָמאַטיש צושאָקלען.

— ביסט שוין געווען אַמאָל ביי די בוי-סקאָטס? — האָט יאָני פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, פריער אַמאָל, אָבער אַ גאַנץ קורצע צייט.

פויל האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט אָן דעם אומגליקלעכן פּרוּוו צו שאַפן אין וועסטפּיעלד אַ לאַנדוועער-אָפּטיילונג.

— מיר האָבן געהאַט ביי אונז אין שטאָט אַ יונגן גלח, און אים האָט זיך דעמאָלט געוואָלט גרינדן אַ בוי-סקאָט-אַרמיי. אָבער דערנאָך זענען געווען צו ווייניק ייִנגלעך — און דאַן — ס'איז זיי נישט געווען צום האַרצן, און דער ענין האָט געפּלאַצט. איך מוז אַליין זאָגן דעם אמת, קיין לייכטע אַרבעט איז עס נישט, און קיין גרויסע זיבן זאַכן וועסטו נישט אויפטאָן.

— וואָס?

יאַני איז באמת געוואָרן אַ צעשראָקענער. פויל האָט זיך געפּרוּווט זיין נייעם פריינט צו באַרויִקן.

— נאַטירלעך, יאַני, דאַרפסטו וויסן, אַז איך האָב קיין אַנונג נישט וועגן דער בוי-סקאָט-באַוועגונג דאָ אין שטאָט. איך ווייס נאָר, אַז דאָרט, אין קליינעם שטעטל, האָב איך קיינמאָל נישט געהערט מכוח אַזאַ אָפּטיילונג, מיט וועלכער מ׳זאָל זיך כאָטש וויפל נישט-איז רעכענען.

— יאָ, מיט דעם ביסטו גערעכט. ווייל קודם-כל מוז אומבאַדינגט זיין אַ געהעריקער אויסוואַל, כדי ס׳זאָל זיך צונויפשטעלן אַ גוטע מאַנשאַפט. אָבער דאָס איז בלעך, אויב דו זאָגסט, אַז מיטן בוי-סקאַט איז מען ווייט נישט אַוועק. דו דאַרפסט אומבאַדינגט אַמאָל זען ווי אונזער מאַנשאַפט מאַכט אירע מיליטערישע איבונגען. צי האָסטו קיין חשק נישט אַריינצוטרעטן? מאַנשאַפט נומער 30!

— דו, איך ווייס נאָך נישט! איך דאַרף ערשט פרעגן אינדערהיים.

— דו, דאָס וואָלט געווען וווּנדערבאַר. און דאַן, הער אויס. —

זיי האָבן זיך געשלעפּט אין דעם ליכטיקן סעפּטעמבערטאָג. יאַני האָט זשעסטיקולירנדיק, דערציילט פון סיגנאַליזירן, פון געצעלט-לאַגער, און ווי אָנגענעם ס׳איז צו זיין אַ פּאַטרולןפירער.

נאָכמיטאָג האָט ער אַריבערגענומען פּוילן צו זיך. ער האָט אים געוויזן זיין כעמישע לאַבאָראַטאָריע און די עלעקטרישע אַפּאַראַטן.

דערנאָך זענען זיי אַרויף אין זיין שלאָפצימער און באַוווּנדערט דעם סקויטן-אָנצוג און די אומצייליקע קאָלירטע אויסצייכענונגען אויפן אַרבל. פון קאַרטאָן-שעכטלעך האָבן זיי אַרויסגענומען גאַנצע שטויסן פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן בעתן „וואַנדערן״, און האָבן געדרייט יאַניס ראַדיאָ. וואָס ער האָט אַליין געמאַכט און לוסטיק מיטעגזונגען.

אַז פּויל איז צום אָוונטברויט געקומען אַהיים, איז ער שוין געווען אומגעהייער פּאַראינטערעסירט מיט דער בוי־סקאַט־באַוועגונג און האָט צוגעזאָגט יאַנין, אַז דעם צווייטן פרייטאָג אין אָוונט וועט ער גיין מיט אים אויף דער פאַרזאַמלונג.

2

די לעקציעס אין דער איסט־היי־שול האָבן זיך אָנגעהויבן אַכט מיט פערצן מינוט, נישט געמיטלעך ניין אַזייגער, ווי אין וועסטפיעלד.

אויפן צווייטן טאָג איז פּויל אַוועק אין שולע אַליין און האָט זיך כסדר שטאַרק געשראָקן, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. „וואָס טוען זיי דאָ, אייגנטלעך, דעמיעניקן, וואָס פאַרשפּעטיקט"? האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן.

ווי דעם ערשטן טאָג האָט ער אויך היינט דערשפּירט אַ שוידער פון יראת־הכבוד, דערזעענדיק ווידער פונדערווייטנס דעמדראָזיקן ריזיקן, טעמפּלהאַפטן שול־בנין.

ער איז געווען אַזוי ווייט נתפּעל, אַז ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט ביי דער שטיין־באַלוסטראַדע, כדי אויפצונעמען אין זיך דאָס וווּנדערבאַרע בילד פון דער שול.

פאַרן גרויסאַרטיקן ווייסן הינטערגרונט האָבן שימערירט די העלע קליידער און מאַנטלען פון די מיידלעך ווי פאַרשידנפאַרביקע, צעוואָרפענע בענדער.

די יינגלעך אין באַקוועמע האַרבסטאָנצוגן, מערסטנס העלע פאַרבן און מיט צו ברייטע הויזן, זענען אַרומגעגאַנגען שטאָלץ הין־און־צוריק אָדער זיך געדרייט אַרום דער באַלוסטראַדע און זיך געריי‌צט מיט די מיידלעך.

אַלץ איז געגאַנגען אָן היטלען, אויסער אַ פּאָר אוממעגלעכע פאַרשוינען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין זין פאַר אמתער שילער־עלעגאַנץ.

פוילס נאַריש, יונג האַרץ האָט געשפּירט אַ שרעקלעכע בענקשאַפט נאָכצומאַכן דידאַקטיקע גראַטעסקע מאָדע־המצאות.

אָ! ווען ער זאָל זיך אויך קאָנען אַזוי אָנטאָן און וויציק פאַרברענגען מיט די גייסטרייכע קליינע פּרויען אין די פּיל־פאַרביקע קליידער!

פּונקט זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָר מיידלעך, אַ שנעלער שורשען פון קליידער און שול־מאַנטלען.

פויל האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט און שטודירט מיט אַ גע־רונצלטן שטערן די פאַנטאַזיע־בוכשטאַבן און בילדער, וואָסזענען געווען אויסגעמאָלט אויף זייערע מאַנטלען.

עפּעס שוין לאַנג פאַרגעסנס איז אים ווידער אומדייטלעך אַרויף אויפן זינען, אָבער אָט האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון די שולגלאָקן און דער גאַנצער ווילדער טומל פון פריער־דיקן טאָג האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף פוילן ווי אַ קובל אייזוואַסער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט דאַרף ער באַקומען זיין שעהן־פּלאַן און ער איז אַוועק אין ביוראָ און אַ צייטלאַנג אונ־טערגעהאַנדלט ביים פענסטער.

אַ שרייבדאַמע האָט אים אויסגעפּאָרשט, אַרויסגעקריגן פון אים די נויטיקע ידיעות און אַ צייט נאָכאַנאַנד זיך געפּאָרעט מיט קאַרטן, פאָרמולאַרן און צעטלען.

ענדלעך איז זי צוגעקומען און דערלאַנגט פוילן אַקליינעם פאָרמולאַר, וואָס זי האָט אָנגעשריבן.

„בענטאָן פויל, 208".

אָט האָט איר אייער שטודיען־פּלאַן, — האָט זי מאָנאָטאָן געמאָלדן, — די ספּאָרט־שעהן און פרייוויליקע קעגנשטאַנדן וועט אייער קלאַסן־לערער שוין צוגעבן.

לאַנגזאַם איז פויל אַרויס פון ביוראָ און באַקוקט דערביי דעם צעטל, וואָס האָט אומגעפער אויסגעזען אויף פאָלגנדיקן אופן:

I.	A	9	פראַנצויזיש	217.
II.	B	10	ענגליש	102.
III.	—	—	—	—
IV.	B	10	געשיכטע	118.
V.			מיטאָג־הפסקה	
VI.				
VII.				
VIII.				
IX.	A	9	אַלגעברע	16.

צימער 208 איז געווען מוראדיק אויפגעבראַכט, פונקט ווי מיט אַ טאָג פריער, און אַרום דער קאַטעדרע האָט זיך אַרומגעקליבן נאָך אַ סך אַ גרעסערע און שטאַרקער אויפגערעגטע שילער־מחנה.

פויל האָט זיך לכתחילה געהאַט אוועקגעזעצט ערגעץ פון הינטן אייף אַ באַנק, כדי זיך אַביסל צו באַרויִקן.

— ווייז נאָר אַ קוק דיין פּלאַן, — האָט אַ זאָג געטאָן אַ יינגל פאַר אים און געשווינד זיך אויסגעדרייט. קריטיש האָבן ויי פאַרגליכן זייערעביידע צעטלען.

— צי ביסטו פון לע־דור? — האָט דאָס יינגל געפרעגט, קוקנדיק אויף פוילן פון אויבן אַראָפּ.

— ניין, איך בין פון דער פרעמד.

— אָך, אָבער קוק זיך נאָר צו, די שוטים האָבן דיר אין פינפטן געגעבן אַ פויזע, פונקט ווי מיר. און איצט זע נאָר אָבער דיין אַלגעברע — גאָר אונטן אין ניינטן! בחור, איך אויף דיין אָרט וואָלט זיך נישט געלאָזט.

ס'רוב פון די שילער אין 208 זענען נאָר־וואָס געקומען פון די פאָרשולן אין שטאָטבאַצירק. אַז מ'האָט זיך צו זיי געננוי צוגעקוקט, האָט מען געקאָנט זען, אַז זיי זענען פון דער נייער סביבה, ווי ס'זאָל נישט זיין, אַביסל צעטומלט.

אַלס טיפּישע פּראָדוקטן פון דער גרויסשטאָטישער שול, האָבן זיי זיך אָבער נישט געלאָזן אַזוי לייכט פאַרדרייען די

קעפ, און איינרעדן זיי עפעס איז גאָרנישט געווען אַזוי לייכט.

צווישן זיי האָבן זיך געפונען משונהדיקע עקזעמפלאַרן. פויל, וואָס איז דערצו נישט געוווינט געווען, האָט, למשל, געזען קליינע יינגלעך פון פערצן, פופצן יאָר, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט מיט פּאַפּיראָסן-טאַשן אין וועסטל-קעשענע, און קליינע שנעקעס, וואָס האָבן נאָך נישט דערגרייכט ביז צו זייערע אַקסלען, טראָגן שוין געפּאַסטע אָנצוגן מיט לאַנגע הויזן. זיי זיינען פון נײַנטן קורס דירעקט אַרײַן אין צווייטן קלאַס פון דער איסט-היי-שול און זענען געווען אומגעהייער שטאָלץ מיטן דאָזיקן אויפטו.

מיט אַ וועלטקלוגן, האָפערדיקן בליק האָבן זיי קריטיש זיך צוגעקוקט צו די פאַרבײַגייענדיקע מיידלעך, וואָס זענען געווען אַ סך דערוואַקסענער פון זיי און וואָלטן זייער גוט געטון ווען זיי לייגן זיי אַוועק און גיבן זיי דעם ריכטיקן פסק.

פויל האָט לכתחילה פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס זענען פאַקטיש פופצניאָריקע יינגלעך. אפשר איז עס געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ גרופּע ספּאָרט-קאַרליקעס-אָפּגעשטאַנענע מענטשן אין רייפן עלטער, וואָס האָבן זיך איצט געקליבן אָנצוקומען אין גימנאַזיע. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז אויף צוויי הונדערט מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע יינגלעך און מיידלעך, געפינען זיך אַ טוץ אַזעלכע ברואים, האָט ער זיך געווענדט צו יאָנע צאָלינגער, זיין נייעם פריינד, מיט דער ביטע אים אויפצוקלערן.

— דו, יאָנע, — האָט ער אים פלוצלינג אַ פרעג געטאָן, — ווער איז ער דאָס, אָט יענער דאָרט אויבן, מיט די געלע שיך?

יאָנע האָט אַריבערגעקוקט.

— דער? אָך, דאָס איז אויך איינער פון די נייע אין A 9, וואָס זענען געקומען פון בוקליי.

— איך קאָן דיר זאָגן, אַז מיר ווילט זיך אויף אים אַ שפּיי טאָן.

— נו, פאַרוואָס עפּעס?

— אָט, קוק אים נאָר אָן! שפּאַצירט אַרום ווי דער האָן אויפן מיסט, און טראָגט שוין לאַנגע הויזן, דער עקלהאַפטער שפּריצער!

יאָע האָט אים פאַרטיידיקט.

— פאַרוואָס נישט? זיין עלטער העט האָט וואַרשיינלעך געגוג דראָט, און דעריבער קאָן ער אָנהויבן מיט אַ יאָר פריער ווי אַנדערע.

פויל האָט באַטראַכט דאָס פרעמדע יינגל מיטן באַזונדערן צוק אַרום דער אויבערשטער ליפּ, וואָס מ׳באַמערקט געוויינלעך אויף די פּנימער פון די צושויער ביי די שרצים-קאַסטנס אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

נאָך אַ געוויסן קאַמף און געדראַנג ביי דער קאַטעדרע, איז פויל ווידער געשטאַנען פאַרן האַסטיקן לערער. שווייגנדיק האָט ער אים אָוועקגעלייגט זיין שעהן-פּלאַן, ווייל אין דעם מאָמענט האָט ער לגמרי נישט געוווסט, ווי אַזוי מ׳הויבט אָן מכוח אַלגעברע וועלכע נישט איז טענה.

דער לערער איז, ווי מיט אַ טאָג פריער, נאָך כסדר גע-וועזן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און האָט פונקט אַזוי האַסטיק און נערוועז גערעדט.

— פרייוויליקע קעגנשטאַנדן? — האָט ער געמורמלט, — פאַרוואָס האָט איר זיי נישט איינגעשריבן? צי ווילט איר מוזיק, אַ דראַמאַטישן קורס, קונסטגעשיכטע, האַנטאַרבעט? איך גלויב, אַז ס׳ווערן אויך איינגעאָרדנט קורסן פאַר זאָאָלאָגיע, באָטאַניק, ויידוערם-צוכט און אַנדערע.

זיין טאָן האָט שטאַרק דערמאָנט אָן די פאַרקויפער אין אַ געטראַנקבודקע, ווען זיי רופן אויס זייערע לימאָניאַדע-סאָרטן. אומגעדולדיק האָט ער געוואַרט, אַז פויל זאָל זיך אין משך פון אַ האַלבער סעקונדע דעצידירן, וועלכע קעגנשטאַנדן ער וויל שטודירן אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע פינף חדשים.

— אַלזאָ, אַלזאָ, אויב אַזוי נעם איך קונסט-געשיכטע, — האָט פויל שוואַך אַ זאָג געטאָן.

— קונסט? זייער שיין. דינסטאָג און דאָנערשטאָג אין זיבעטן. מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג אין זיבעטן האָבן זיי ספּאָרט. ס'פּאַסט זיך אויסגעצייכנט צו אייער שעהן-פּלאַן, בענטאָן — אַ פּרייוויליקער קעגנשטאַנד און קערפּערלעכע אַנטוויקלונג — אַזוי זעט עס אויס זייער פיין!

ער האָט אויסגעפילט פוילס דאָקומענט אונטן, ווו ס'איז נאָך געווען אַ סך ליידיק אָרט, און האַסטיק אָפּגעשטופּט פוילן אָן אַ זייט און גענומען אויף זיין אָרט אַ צווייטן תּלמיד.

— אָבער, קוק זיך איין, פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין ענגליש דאָ אויבן אין B 10 אין דער צווייטער שעה. דאַן וואָלסטו אין דער פינפטער געהאַט אַ הפסקה און —

— רעטאָריק וואָלט געווען אַ באַקוועמע זאַך, אָבער דער קלאַס איז שוין פול. וואַרשיינלעך וועל איך אָנשטאָט דעם נעמען אַ דראַמאַטישן קורס.

— דאָס לעצטע יאָר האָב איך גענומען גאַנצע פינף הויפּטקעגנשטאַנדן, אָבער זאָל מיך כאַפּן דער טייוול, אויב איך וועל היי-יאָר נעמען מער ווי דריי. איך בין ווירער געקומען זיך אַביסל צו ווילן זיך, נישט גאַנצע טעג צו קנעלן און לויפן אין שולע אַריין.

— דאָ איז די קלאַסנלערערין פריילין סאָקיי, און איידער איך זאָל גיין צו איר, זאָג איך זיך בעסער אָפּ פון גאַנצן קעגנשטאַנד! ניין, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיט דער אַלטער טראַנטע קאָן מען גאָרנישט מאַכן! ביי איר מוזטו אַקערן ווי דער אָקס! ווען איך זאָל קאָנען אַריינפאַלן צום דיקן הערמאַן, ער איז פעט און געמיטלעך און אַ פיינער חברה-מאַן —

אַביסל שפּעטער אין קאָרידאָר, ווו פויל האָט נאָכאַמאָל גרינג דורכגעקוקט זיין שעהן-פּלאַן וועגן די לערער און שולביכער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַרט מעדעדיט.

— האַללאָ! פויערים-פּאָלק, — האָט ער אים לוסטיק באַגריסט, — ציי ביסטו נאָך אַלץ אַזוי פאַרקרימט? ווייז נאָר וואָס פאַר אַ פּלאַן האָבן זיי דיר אָנגעוואָרפן! נאַ, קוק, אָט האָבן

מיר ענגליש אין זעלבן קורס — 102 אין פערטן! דאָס גיט די אַלטע מומע. דו, פון איר וועסטו הנאה האָבן, דאָס קאָן איך דיר שוין פאַרזיכערן!

צוזאַמען האָבן זיי זיך געשלעפּט איבער דער האַלע.

— זאָג נאָר, אַרט, צי האָט איר דאָ נישט מוראדיק פיל פיל פאַרביקע? — האָט געפרעגט פויל, וועלכן ס'איז שטאַרק אויפגעפאַלן, וואָס מ'איז דאָ אַזוי ליבעראַל און מ'לאָזט צו שוואַרצע, ברוינע און אַנדערע טונקלהויטיקע שילער. שוואַרצע — דאָס איז אין וועסטפיעלד געווען פון די זעלטנהייטן.

אַרט האָט געמאַכט אַ מינע פון אומגעהייערן ווידערווילן און עקל.

אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון האַס.

— זאָג נישט פאַרביקע — האָט ער זיך געקאָכט. — זאָג נעגער! דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט: נעגער! גאָט מיינער, האָב איך זיי פיינט! און דאָ מוזטו דאָך אין רעסטאָראַן מיט די שטינק־חיות צוזאַמען עסן, אין קלאַסן מיט זיי צוזאַמען זיצן; פאָרן טורנען מוזטו זיך לעבן זיי אויסטאָן און דערנאָך ביים שפּילן שטייסטו מיט זיי אַקסל לעבן אַקסל, ווען זיי צעשווימען זיך שוין כמעט פון טינוף און שוויצן! ניין, דאָ בלייבט נישט קיין אַנדער וואָרט, נעגערס זענען זיי, עיפּושדיקע נעגערס!

אַרט איז געוואָרן רויט ווי פייער, ער האָט זיך ממש געוואָרגן מיט די קללות און חרמות.

אויך פויל האָט נאָכגעקוקט מיט שנאה די פאַרביישטאַל־צירנדיקע רייכע נעגערקינדער.

זיי זענען כמעט געווען אַזוי עלעגאַנט און רייך געקליידט ווי די ווייסע בחורים און מיידלעך, וואָס זענען האָפערדיק לעבן זיי פאַרבייגעגאַנגען און בייזוויליק זיי פאַרשפּאַרט דעם וועג.

אַ ריזיקער, עלעגאַנטער און שיינער נעגער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן געטראַנק־בופעט. אים האָט מערעדיט פריינדלעך באַגריסט.

— דאָס איז וואַלטמאַן, דער טשאַמפּיאָן פון אונזערע פוטבאָליסטן. נאַ, ווי דער שפּילט. — האָט אַרט דערקלערט פוילן שטאָלץ. אמת, אויך אַ נעגער, — האָט ער געשווינד צוגעגעבן, באַמערקנדיק פּוילס דערשטוינונג.

— דו, פויערים-פּאָלק, דו מוזט זיך באַלד באַקענען מיט אַ פּאָר פון מיין באַנדע, — האָט ער ווייטער גערעדט — דו זעסט אויס, ווי דו זאָלסט זיין פּעק אַלץ מיטצומאַכן! וואָס, עפּעס צוגעלעבט דאָרט, פון וואַנען דו קומסט?

— אַ פראַגע אַביסל! — האָט פויל באַגייסטערט געענטפערט. קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן האָבן מיר געהאַט אַ פּרימאַ זויפעריי, און איך בין געווען שיכּור ווי אַ נאַכטוועכטער! אַ!

אַ חברישער אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אויף אַרטס פּנים. עפּעס אַ געמיינזאַמער בונד האָט מאָמענטאַל פאַראייניקט די ביידע יאַטן.

— איך האָבן שוין לאַנג געהערט, אַז אין אייער געגנט איז גאַנץ לעבעדיק, מ׳באַקומט דעם ביטערן טראָפּן און אַזוי ווייטער. אַ סך חזירייען, וואָס?

— נו, נאָך ווי! — האָט פויל אויסגעשריגן, — האָט אָבער געהאַלטן דאָסמאָל פאַר איבעריק, צוליב געוויסע מאָטיוון, זיך אַריינצולאָזן אין פּרטים.

— יאָ, אָבער אונזער ליבער אינסטיטוט צעקלאַפּט אייך דאָך אַלע, אין דעם פּרט, — האָט אַרט שטאָלץ דערקלערט, און אָנגעוויזן אויף די מיידלעך, וואָס האָבן דאָ אַרומגעטאַנצט.

— אָט גייט דאָרט, למשל, די פּריציע! ער ד׳האָט אַ ווייז געטאָן אויף אַן אויפפאַלנדיק באַשעפעניש אין אַ רויט סאַמעט-קלייד. — מיט פּריציען מוזטו זיך אומבאַדינגט אין די נאָענטסטע טעג באַקענען, אויף וועלכן נישט-איז פיינעם אָוונט.

ער האָט צו איר פּילזאָגנדיק צוגעשמייכלט, און זי האָט צו אים פאַרבייגייענדיק געווונקען. מיט אַ געמיינעם געלעכטער האָט ער זיך ווידער געווענדט צו פּוילן.

— וואָס זאָגסטו? דאָס איז אַ לעבעדיקער נומער! און אַ פיגור, וואָס?

פויל האָט, ווי זאָגט מען דאָס, געשלונגען די סלינע און דאָס בלוט האָט אים אַ האַק געטאָן אין קאָפּ.

— המ, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

זיי זענען אַריין אין צימער 102, אַרט האָט אַוועקגעזעצט פוילן אויף אַ ווייטן הינטערשטן פּלאַץ און דערקלערט:

— פון דאַנען וועט דיך די אַלטע נישט אַזוי אָפּט אויסרופן.

די „אַלטע זאַך" איז אַריינגעקומען און גיפטיק באַקוקט איר גייעם קלאַס.

זי איז געווען אַ גרויסע, געקנייטשטע פרוי מיט ווילדע אויגן און גרויזאַמע, דינע ליפּן, וואָס זענען כסדר גרייט געווען צו זאָגן עפּעס שלעכטס.

דער רעשט פון דער שולצייט איז פאַר פוילן אַוועק אין אַ מישמאַש פון איינדרוקן. אַז ער איז ענדלעך צוריק אַרויס אויף דער פריי צווישן די דאָרישע זיילן, האָט ער פון גרויסקייט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אויף די טרעפּ האָט ער זיך געטראָפן מיט יאָני וועללס. זיי זענען אַוועק צוזאַמען אַהיים און אָפּגערעדט נאָכמיטאָג צו גייןביידע אין שטאָט באַזאָרגן זייערע לערנביכער. בעת יאָני האָט פאַנטאַזירט מכּוח דער אויסצייכענונג אין פייערמאַכן, וואָס זיין מאַנשאַפט 30 האָט אין יענער צייט אינסצענירט, איז פויל געווען פאַרטיפט אין חלומות וועגן דער געשמינקטער קליינער נקבה, וואָס אַרט מערעדיט האָט אים אַ ווייז געטאָן.

— ...און מיין פאַטרולן-פירער האָט גראָד בדעה צו באַקומען אַן אויסצייכענונג אין וואַלד-אויסשפּיר... אַ דורכגעטריבענער נומער... און אַ פיגור, וואָס!..

הער בענטאָן איז היינט געקומען צו מיטאָג אַהיים און מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אויטאָ-פאַרטרעטער. אַ בלאַנקנדיק נייער

סעדאָן איז געשטאַנען פאַרן הויז, בעת יאַני און פויל האָבן זיך געזעגנט ביי די טרעפּ.

פויל האָט אויף אַ מאָמענט איבערגעהאַקט דעם האַפּער-דיקן שמועס פון אויטאָ-מענטש און אַ זאָג געטאָן:

— פּאַ, איך מוז האָבן אומגעפער פינף דאָלער אויף שול-ביכער.

הער בענטאָן האָט אים דערלאַנגט אַ פינף-דאָלאַר-באַנקנאָט און תיכף זיך ווידער, שטאַרק פאַראינטערעסירט, געווענדט צום אויטאָ-חברהמאַן.

פויל האָט אַריינגערוקט דאָס געלט אין קעשענע, געשווינד אָפּגעגעסן און זיך אָפּגעטראָגן. ער האָט נאָך כסדר מורא געהאַט דער פאָטער זאָל זיך נישט אַרומזען און נישט חרטה האָבן אויף דער מעשה מיט די פינף דאָלער.

נאָכמיטאָג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן מיט יאַנין אויף אַ שפּאַציר, כדי זיך צו באַקענען מיטן שטאָט-קוואַרטאַל. דערביי האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז יאַני האָט פון לעצטן שוליאָר גאַנצע דריי ביכער, וואָס פויל דאַרף זיי האָבן. ער האָט דער-קלערט, אַז ער איז גרייט זיי אַנטיקוואַריש אָפּצוגעבן. דעריבער האָט פויל געקויפט בלויז איין בוך און איז געקומען אַהיים נאָך דער גאַנצער קניה מיט דריי דאָלער און פינף און זיבעציק סענט אין קעשענע.

פאַר יאַניס אַנטיקוואַרישע ביכער האָט ער אים געגעבן נישט מער ווי פינף און זיבעציק סענט, אַזוי אַז די טראַנזאַקציע פון דאָזיקן נאָכמיטאָג האָט געבראַכט ריינעם ריוח גאַנצע דריי דאָלער.

ניינטער קאַפּיטל

1

דעם לעצטן זופּ קאַקאַאָ נאָך אין מויל (די מוטער און דער זון האָבן נישט געטרונקען קיין קאַווע צום פרישטיק נאָר קאַקאַאָ) איז פּויל אויפגעשפּרונגען פון טיש און אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר. ער האָט געשווינט אַ נעם געטאָן די שול־ביכער, און וועלכע ער האָט נאָך אַפילו קיין מאָמענט נישט אַריינגע־קוקט, אָנגעטאָן דעם הוט און געוואָלט אַנטלויפן. באַלד דאָס האָט ער זיך אָבער נאָכאַמאָל אומגעקערט צום שפּיגל, אַראָפּגענומען צוריק דעם הוט און זיך באַקוקט פון אַלע זייטן. ער איז זיך געווען געפעלן; דעם הוט האָט ער געלאָזן אין דערהיים און מיטן בלויזן קאָפּ אַרויסגעלאָפן אין קילן זוניקן פרימאָרגן.

אַ וויכטיקער שריט איז געווען געמאַכט. אַ נייע צייט האָט אויפגעשפּראָצט: פּויל האָט געהאַט בדעה זיך צוצופּאַסן צו דער עלגאַנטער שטודירנדיקער יוגנט.

ווען מ׳זאָל אים אויפפאָדערן זיך צו דערקלערן און צו באַשרייבן ביי וואָס ער האַלט איצט אייגנטלעך נאָך זיינע אי־בערלעבענישן, וואָלט מען זיכער קיין שום ממשותדיקס פון אים נישט אַרויסגעקריגן, אין האַרצן אָבער האָט ער וועגן זיך גע־טראָגן אַ גענוג דייטלעכן באַגער. ער האָט זיך געזען אַלס אַ הויכגעוואַקסענעם, אומגעוויינלעך מוסקול־שטאַרקן מאַן, וואָס איז

אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון שרעקדערוועקנדיקער קאַלט-בלוטיקייט, שטייף, אָפּגעוויגן און אימפּאָנירנדיק, אַז די פאַר-בייגייענדיקע, איבערהויפּט די פון ווייבלעכן געשלעכט, זאָלן אין זיין אָנוועזנהייט פילן אַ באַדערפעניש זיך אַביסל צו בויגן.

יעדן מאָמענט האָט ער זיך געמוזט נעמען אין די הענט, יעדן מאָמענט איז ער זיך פאָרגעקומען ווי אויף אַ פּאַראַד, ווו דער גאַנצער עולם וואַרפט זיך צו די פענצטער, מיטן איינציקן צוועק צו זען פויל בענטאָן, ווען ער וועט פאַרבייגיין.

פונקט זענען אין אַ פאַרמאַכטן פאָרד-וואָגן לעבן אים פאַרבייגעפאָרן צוויי אָן שום קונצן געשמינקטע סטענאָגראַפיס-טינס און אָפּגעשאַצט דעם שיינעם בחור מיט זייערע ליאַלקעס-אויגן. פויל איז רויט געוואָרן און אָנגעהויבן גיין גיכער.

מילך-וועגענער זענען אים אַנטקעגן געקומען! די פלעשער האָבן געקלונגען אין די דראָט-קערב מיט אַ העלן טאָן, וואָס האָט דערמאָנט אָן פלאַכן, פייכטן קלאַנג פון אַ קסילאָפאָן*) די דונערנדיקע געלע טראַמוויי-וואַגאָנען זענען געווען איבערפולט מיט פאַרשלאָפענע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען געפאָרן אין די ביוראָס.

פאַרדעכטיק אויסזעענדיקע ווייבער אין פאַרשליאָכטעטע שטוב-קליידער האָבן געקערט פאַר די הייזער. דער הענדלער אויפן עק גאַס האָט געטראָגן אַ זויבער ווייסן פאַרטוך און גע-וואַשן מיט אַ לאַנגשטוליקן בעזים די פענצטער פון זיין גע-וועלב. אַ גאַסן-קערער האָט געזונגען אַ מעלאָדיע פון טרובאַדור.

פויל האָט געזיפצט, אַזוי האָט אים געדריקט עפּעס אַ מין ביז אַהער ,אומבאַקאַנטע, אָנגענעמע בענקעניש. דאָס גרילצנ-דיקע, אויפרעגנדיקע דערוואַכן פון דער שטאָט האָט זיך אָפּגע-שפּיגלט אין זיין בליק. ער האָט געשפּירט ווי דאָס האַרץ ווערט אים ברייט.

ער איז געווען אין אַזאַ שטימונג, ווי ער זאָל מוזן אָנ-

---

*) קסילאַ — האַלץ (גריכיש), האָלץ אינסטרומענט

הויבן זינגען פון שמחה, וואָס ער געפינט זיך דאָ און קאָן דאָ איצט אַרומשפּאַצירן. ער האָט שוין ליב געהאַט דידאַזיקע שטאָט, שוין געגאַרט איר גלאַנץ און איר טויזנטפאַרביקע קינסטלעכקייט.

ער האָט ליב געהאַט די שטאָט — ער האָט געבענקט נאָך איר, ער האָט זי געשפּירט, ווי אַ שאַרפן, ברענענדיקן באַגער.

2

די איסט-היי-סקול האָט אָנגעהויבן איר רייזע דורכן שול-יאָר. דורכגעמאַכט דעם ערשטן גאַנג, דערנאָך דעם צווייטן, דאַן צוריק אין דריטן און איז אַרויף אויפן עקצעלעראַטאָר*). די לעקציעס-פּלענער זענען אַריין אין קראַפט.

די שילערשאַפט האָט זיך געפעסט און געוואָרפן, ווייל די לערער האָבן נישט איינגעטיילט די שעהן אַזוי ווי זיי, די שילער, האָט זיך געוואָלט.

דער אידעאַלער שעהן-פּלאַן, האָט באַמערקט סאַרקאַסטיש די אַלטע זאַק, וואָלט זיכער געווען פּאַר אייך אָנצוהויבן אין דער פערטער שעה, אין דער פינפטער און זעקסטער זאָל זיין מיטאָג-הפסקה, אין דער זיבעטער זאָל מען לערנען און אין דער אַכטער אַהיימגיין.

פּאַר געוויסע לערער האָט מען געהאַט גרויס דרך-ארץ. נאָך אַנדערע איז מען ממש נאָכגעלאָפן. כדי זיך אויסצודרייען פון דער אַלטער זאַק איז פּאַר די מער וויציקע שילער קיין שום שקר נישט געווען געגנוג שלעכט.

אַ פריינטלעכער, דיקער, אַלטער פּראָפעסאָר מיטן צערט-לעכן צונאָמען „חזירל" האָט געגאָלטן אַלס דער אידעאַלער גע-אָמעטריע-לערער.

צווישן די שילער זענען פאָרגעקומען אמתע קאַמפן, כדי זיך אַריינצוקריגן אין חזירלס קלאַס, ווייל, צי דען האָט ער

*) עקצעלעראַטאָר — דער גרעסטער טעמפּאָ.

נישט פאַרן לעצטן סעמעסטער פון אַן אויסערגעוויינלעך אינדאַלענטן *) קלאַס פון אַכטאונצוואַנציק נישט דורכגעלאָזן גאַנצע זיבנאונצוואַנציק? דעריבער האָט געגאָלטן דער לאָזונג: אין געאָמעטריע-חזירל!

די שול-פאַריינען. וואָס האָבן, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט, לוסטיק ווייטער געבליט, האָבן אכזריותדיק געקיילט יעדן יינגל, וואָס איז געפאָרן אין אַן אויטאָ, האָט געהאַט אַלקאָהאָל פאַרבינדונגען און וואָס זיין פאָטער האָט פאַרדינט מינדסטנס פינפטויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

ביי די צופאָרגאַסן זענען געשטאַנען אין לאַנגע רייען פיין אָפּגעאַרבעטע פאָרד-וועגן. זיי זענען געווען לוסטיק אָנגעשמירט מיט פאַרשידענע פאַרבן, די קישנס צעריסן און די שויבן אויסגעהאַקט.

זיי האָבן געפּייפט דורך אַלע לעכער דידאָזיקע אויטאָס און זענען געווען אַ באַליידיקונג פאַרן אויג און פאַרן אויער, אָבער דווקא דערמיט זענען זיי פאַר די שול-באַגריפן געווען דאָס פיינסטע פון פיינעם. אויף די הינטערשטע זייטן זענען זיי געווען פול מיט דעוויזן און אַמאַטאָר-בילדער.

וואָס משונהדיקער עס זענען געווען דידאָזיקע פאַרצירונגען, אַלץ מער האָט דער וואָגן לויטן מאַסשטאַב פון דער שול געגאָלטן פאַר עף-עף. מ'האָט זיך באמת געקאָנט פאַרטראַכטן וועגן די גייסטיקע פערספעקטיוון פון אַ יוגנט, וואָס פאָרט טאָג איין טאָג אויס איבער די גאַסן אין אַזעלכע אומאָנשטענדיק דעקאָרירטע אויטאָס און רופט אַרויס אַן עקל ביי אַלע פאַרבייגייער.

צום סוף פון דער וואָך זענען געווען אויסגעאַרבעט אַלע שעהן-פּלענער, די צימער-נומערן אויסגעלערנט אויגנווייניק און די שענק און פּלעצער אין דער גרויסע אודיטאָריע פאַרטיילט. דער שול-רעסטאָראַן האָט זיך געעפנט. די קלובן האָבן פאַרנומען זייערע ערן-אַמטן.

*) אינדאַלענט—גלייכגילטיק, טעמפּ.

אַז מ׳האָט געפֿונען די ערשטע ליידיקע בראָנפֿן־פֿלאַש פֿון דעם סעזאָן אין דער יינגלשער אוזיקאַציע, זענען אַלע געווען איינשטימיק, אַז די שולע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן גאַנצן ערנסט.

3

— האַללאָ, בענטאָן, אַלטער פֿריינט! צי האָסטו שטענדיק אין דער צייט אַן הפסקה?... דו, דו האָסט דאָך פֿאַרגעסן דיין געשיר! פֿאַרזוך נאָר דאָ אַמאָל די חזיר־קאָטלעטן. יאָ, איך אויך!.. און מיר גיב בעבלעך — אַזוי, איך דאַנק... העריע, דו, לאָז דאָ נישט דורך אונזער ספּעציאַליטעט, דאָס שינקען־ברויט! דו, איך קאָן דיר זאָגן, אַז ס׳איז אַ שינקען־ברויט, וועגן אים האָבן שוין די אַלטע רוימער געזאָגט — וואָס מילך? נו, איך וואָלט מיר געקאָנט געפֿינען עפּעס בעסערס, אָבער אויסער מילך איז דאָ נישטאָ מער וואָס צו טרינקען. צווישן אונז גערעדט, וואָלט מיר ליבער געווען אַ ביסל שנאַפּס! וואָס, צווײמאָל מילך — דו מאַכסט געוויס אַ מילך־קור, וואָס? האַללאָ, פּלאַץ, איך מוז האָבן דעם ציטרין־טאָרט... האָסטו דיין געלט באַזונדער, שפּעטער ביי דער קאַסע איז אַ שרעקלעכער טומל? דו, גיב אַכטונג, פֿאַרלירסט דעם גאַנצן פּאַשטעט!... וואָס, אַכטאונצוואַנציק סענט? אוי ווײ, איצט מוזטו מיר לייען דריי סענט, בענטאָן! מערסי! דו, פֿאַרגעס נישט דיין געלט! נו, קום מיט — דאָ אין ווינקל.

אַרט מערעדיט און פֿויל האָבן זיך קוים אַדורכגעקריגן דורך דער ענגשאַפֿט פֿון די קליינע טישלעך אין דעם אומגעהייערן טומל פֿון רעסטאָראַן.

ביי אַ טיש אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט.

יאָע צאָלינגער, פֿוילס קלאַסן־חבר און יועץ פֿון 103 האָט זיך צו זיי צוגעזעצט.

— צו אַלדי טייוול! — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז לכל הדעות גאָר עפּעס אַנדערש ווי די קאָנטינע אין אונזער פריערדיקער שולע.

— אַ גאַנץ אָנשטענדיק לאַך, נישט אמת? — האָט מיט אים אַרט מסכים געווען, — צי געפינסטו עס נישט, דאָרפישער פויער?

— נו, נאָך ווי! — האָט פויל צוגעגעבן.

דערנאָך האָט ער אָנגענומען אַ פּאָרווורפספולן טאָן.

— וואָס איך וויל זאָגן, אַרט, האָט ער דערקלערט, דו זאָלסט מיך נישט רופן בסדר אַזוי חכמהדיק דאָרפישער פויער! איך בין טאַקע געקומען אַהער פון אַ ווינטיקן לאַך ביי די קאַ־פערן, אָבער פונדעסטוועגן וועסטו נאָך פון מיר עפּעס קריגן צו זען, איך וועל נאָך פאַררוקן אין אַרבל דיך מיט דיין אַל־טער שטאָט!

— פיין, פויל! — האָט זיך אַרט געשפּאַנט צעלאַכט.

— אַזוי, נו טאָ בלייב טאַקע דערביי... דער קאָטלעט איז אָבער געווען אָרנטלעך שאַרף!

— ווילסטו, הייסט עס, ביי אונז איצט ריכטיק אָנהויבן, דאָרף — פויל, וויל איך זאָגן. טאַקע וואָס גיכער, דו קאָנסט עס זיך שוין דערלויבן, געפין איך. צי האָסטו שוין עפּעס געהערט וועגן „פּאַלאַס"! די בודע עפנט זיך צוריק אויף היינט אין אָוונט. אַרום האַלב אַכט קאָן איך נאָך דיר אַריינקומען און מיר וועלן זיך צוזאַמען אַריבערכאַפּן. אָך, יאָ, ווו איז אייגנטלעך דיין אַדרעס?

פויל האָט זי אים געגעבן, פיבערנדיק פון פריידיקער דער־וואַרטונג. ס'האָט נישט אויסגעמאַכט, וואָס ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס און ווו דער „פּאַלאַס" איז, דער עיקר איז פאַר אים געווען דאָס, וואָס ס'איז ווילעריש און פרימאַ, אַז מען ווערט אויף אַזאַ אופן אויפגעפּאָדערט צו אַ זיכער ערשט־קלאַסיקן ענין און דערצו נאָך פון אַזאַ דורכגעטריבענעם יאַט ווי אַרט מערעדיט איז געווען.

מיט ערפאָרכטיקע און צערטלעכע הענט האָט פויל אַרויס־

גענומען פון קאַרטאָן-שאַכטל דאָס װוּנדערװוערק פון נייעם אָנצוג. ער איז געװוען גאַנץ העל, לייכט װי אַ שלאָפראָק און װייך װי װאָל. די הויזן זענען אונטן געװוען אַזוי ברייט און פאַרמלאָז, אַז מ׳האָט נאָר געקאָנט זאָגן: „שטינק-עלעגאַנט״!

4

מיט אַן אומגעהייערער דאגה מכח די פּרעס-פּאַלדן האָט פויל אָנגעטאָן דאָסדאָזיקע װוּנדערװוערק. אַז ער איז שוין געװען אַזוי װייט און האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן, האָט ער זיך לכתחילה נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ געפיל פון פיזישער דעפאָרמאַציע, װייל אונטער דער געװאַלטיק אָנגעשװאָלענער שטאָף-מאַסע פון די הויזן האָט זיך אַרויסגעזען נישט מער װי אַ קליין שטיקל פון די שפּיציקע שיך.

באַלד אָבער איז ער געװען צופרידן און באַגייסטערט. די אומגעהייער גרויסע קליידערשאַנק, װאָס ער האָט געהאַט אין דאָרף, האָט מען דאָ אויסגעביטן אויף אַ קלענערע מיט אַ שפּיגל-טיר.

פאַרן דאָזיקן שפּיגל האָט זיך פויל איצט אַװעקגעשטעלט און זיך געדרייט װי אַ פּאַװע. ער האָט זיך געבלאָזן און אימ-פּראָװיזירט אַ מוסטערבילד פון אַ העכסט עלעגאַנטן קאַװאַלער. קליינע אָפּגעריסענע אויסרופן האָבן עדות געזאָגט װעגן דעם, װאָס ער קלערט מכוח זיך: „...באָמבעס — ...ובכן עלעגאַנט ...גרויסאַרטיק, הע...״?

דעם קאָפּ אין דער הויך איז ער פּאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ. זיינע הויזן-פיס האָבן זיך געפּאַכעט פונקט װי די מאָ-דע האָט עס געפאָדערט. דער פאָטער האָט אַרויסגעקוקט פון דער אָװנט-צייטונג און דערזעענדיק זיין זון, האָט ער זיך צע-רעדט אויפן קול.

— אָבער גאָט איינציקער, קאַרע — סאַראַ קראָם האָסטו עס איינגעהאַנדלט פאַרן יינגל?

— געפעלט עס דיר נישט, אַרנאָלד?

פרוי בענטאָן איז אַריינגעלאָפן, שטראַלנדיק אונטערן גלאַנץ פון אירע קיך־ריחות.

— געפעלן? אָט דער משוגעהדיקער מאַסקאַראַד? ער זעט דאָך אויס ווי דער קלאָון אין צירק! דידאָזיקע הויזן, ניין! איך האָב שטענדיק געקלערט, אַז דו האָסט אַ גאַנץ גוטן גוסט. —

— איך געפין, אַז ס׳קליידט אים זייער גוט. דער פּאַר־קויפער האָט אויך געזאָגט, אַז דאָס טראָגן איצט אַלע גימנאַזיסטן. דריי זיך נאָר אויס, פּויל, כ׳בעט דיך, אַז פּאַפּאַ זאָל דיך ריכ־טיק זען. איך געפין, אַז ס׳איז בפירוש געשמאַקפּול, דו האָסט דאָך ערשט לעצטנס געזאָגט, אַז מיר קאָנען זיך איצט וואָס שייך תלמידונג מער דערלויבן, און דעריבער האָב איך טאַ־קע מיט פּוילן געוואָלט מאַכן דעם אָנהויב, סוף כל סוף איז ער דאָך אונזער בן־יחיד.

ליבעפול האָט זי אַרויפגעלייגט דעם אָרעם אויפן זונס אַקסל.

— נו, האָסטו טאַקע געכאַפּט אַ שיינע מציאה! איך בעט דיך, קוק זיך נאָר צו צו די הויזן, ווי זיי זעען אויס אונטן! אויב אַזוי קאָן ער גאַנץ גוט טראָגן ווייבערשע קליידער. וואָס האָסטו, אייגנטלעך, פאַרן דאָזיקן גאַנצן מאַסקאַראַד באַצאָלט?

— נישט מער, ווי זיבנאונדרייסיק פּופציק־ איך געפין, אַז אין דעם אָנצוג זעט ער אויס עלטער און שטעלט מיט זיך פאַר פיל מער.

— ווייס איך וואָס! ס׳הייסט פשוט אַרויסוואַרפן געלט אין דרויסן! דעם צווייטן אָנצוג פאַר אים וועל איך שוין בע־סער אַליין באַזאָרגן!

הער בענטאָן האָט אָפּגעקערט זיין אויפגעבראַכטן בליק פון זון און דריקנדיק מיט כעס דעם פּאַפּיראָס צווישן די ציין. האָט ער זיך ווידער פאַרטיפט אין זיין צייטונג.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַזוי צעלאַכט. ווי אַ הירזשנדיק פערד.

אין דער צייטונג האָט ער דערזען אַן אילוסטראַציע: „די

לעצטע הערבסט-מאָדע פאַר יונגע מענער — אויסגעשפּראָכן מאָ-דערן פאַר סטודענטן און מיטל-שילער."

פויל האָט אַרומגענומען זיין מוטער און די שטאַרק גע-קושט. דערנאָך האָט ער זיך אָװעקגעשטעלט פאַרן הויז אויפן אויבערשטן טרעפּל און אומאָנטשלאָסן געקוקט אויפן גאַס אַהין און אַהער.

און אָט האָט זיך באַוויזן אין זיין טיר יאַני וועלס. ער איז געווען אין דער פולער אוניפאָרם פון בוי-סקויט.

— פאַרטיק? — האָט ער פריידיק אַ פרעג געטאָן.

פויל איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, גלייך איז ער אָבער צוריק געוואָרן דער הער פון דער סיטואַציע.

— דו, יאַני, האָט ער שטאַמלענדיק געזאָגט, איך האָב דיר עס נאָר וואָס געוואָלט זאָגן: איך קאָן לײדער נישט, איך מוז היינט מיט מיינע אַלטע לייט ערגעץ ווו גיין, ווייסטו.

יאַני האָט געמאַכט אַן אַנטוישטע מינע.

— אוי וויי, — האָט ער אויסגעשריגן, — און איך האָב שוין געלאָזן איינאיבן פאַר דיר אַלע סיגנאַל-צייכנס און מיטן גרופּן-פירער גערעדט, ער וויל זיך אויך מיט דיר זייער גערן באַקענען. זאָג מיר דעם אמת, פויל, צי קאָנסטו זיך נישט אַרויס-רייסן? האָסטו מיר ווייניקסטנס געדאַרפט אַביסל פריער אָנזאָגן.

— ניין, יאַני, ס'גייט נישט. דער אַלטער וויל אומבאַ-דינגט, אַז איך זאָל מיטגיין.

בעת ער האָט עס געזאָגט, האָט ער געוואָרפן זיינע בליקן אויף יאַניס שיינעם, פּראַקטפולעם אוניפאָרם, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי אינטערעסאַנט און פאַרשידנפאַרביק מיט די אויסצייכנונגען ביים אַרבל, מיט די פּאַטרולן-צייכנס אויפן אַקסל, די ברייטע ערדקאָלירטע רייטהויזן און די ברוינע וויקל-קאַמאַשן.

— אויב אַזוי טאָ קום שוין גאַנץ באַשטימט פון היינט איבער אַכט טאָג, — האָט יאַני געזאָגט.

ער האָט שוין געהאַט בדעה אַוועקצוגיין. ווי צום הויז איז צוגעפאָרן אַ בלאַנקנדיקער קליינער וואָגן און האָט אויס-געפייפט אַ גרוס מיט אַ זילבערנעם טרייבל.

— קום פויל,—דאָט זיך דערהערט אַרט מערעדיטס שטים — געשווינט, געשווינט.

יאַני איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט פריער אויפן אויטאָ, דערנאָך אויף פוילן.

אָבער דערדאָזיקער אונזער עלעגאַנטער יונגער פּריינט האָט שוין אַראָפּגעטאַנצט, ווי אַנטלויפנדיק, פון די טרעפּ און איז אַריינגעשפּרונגען אין נידעריקן אויטאָ און נישט געוואַגט אַפילו זיך אַרומצוקוקן.

5

דער „פּאַלאַס" האָט אין טעלעפאָן-בוך פיגורירט אַלס טאַנץ-קלאַב, אין רעליגיעזע קרייזן האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַ נעסט פון פאַרברעכן, פאַר די שילער-פאַריינען איז עס געווען איינער פון די האָפּנונגפולסטע יאַגד-פּלעצער, און ביי געוויסע עלעמענטן פון איסט-היי-סקול, גלאַט אַזוי זיך „אַן אַל-טער קאַסטן."

פאַר פויל בענטאָן אָבער, ווי ער האָט זיך דאָ אַזוי צו-געקוקט צו די פאַרביישוועבנדיקע טענצער, איז עס געווען אַ שטיק צויבערלאַנד. די באַלויכטונג האָט זיך געביטן פון בלוי אין אָראַנזש-רויט און שפּעטער כמעט אינגאַנצן זיך פאַרלאָשן. דער ליאַרם פון דער קאַפּעלע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קליי-נער, ווייקלאָגעדיקער מעלאָדיע, וואָס צוליבן שלעפּן פון די אומגעהייער פיל פיס אויפן פּאַרקעט, האָט זי זיך שוין כמעט מער נישט אַרויסגעהערט.

אויף די פּנימער פון די טאַנצנדיקע האָט פויל געזען: זיי זענען געווען צעהיצט און בלייך, האָבן אומאויפהערלעך געלאַכט, אָדער געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ מאַסקע, ווי שני-ערייען אויף אַ מצבה.

ווען ער זאָל זיך נאָר נישט דאַרפן מודה זיין פאַר אַרטן, אַז ער קען נישט טאַנצן! נישט געקוקט אויף דעם איז פויל

געווען גאָר גליקלעך און צופרידן זיך צוצוהערן צו די אָנצי־ענדיקע דזשאַז־קלאַנגען און שמעקן די וואָלקנס ביליקן פּערפום, עפּעס וואָס אין דערדאָזיקער אַטמאָספערע פון צעהיצטקייט און פאַלשן גלאַנץ האָט אויף אים געווירקט באַרויקנדיק.

דער טאַקט פון דער מוזיק איז אים אַריין אין די פיס, מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן האָט ער ווי באַצויבערט געקוקט אויף שיינע מיידלעך, און מער ווי איינע האָט געענטפערט אויף זיין בליק.

יאָ, דער „פּאַלאַס" איז אַ פּנים באמת געווען איינער פון די פּרימע „יאַגד־פּלעצער"!

אַרט איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגעקוקט מיט אַ משונהדיקן בליק.

— פּויל, דו קאָנסט נישט טאַנצן? — האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

נישט לאַנג קלערנדיק און אַ סך געשווינטער ווי ער האָט עס זיך פאָרגעשטעלט, האָט פּויל אַרויסגערעדט:

— ניין!

ער האָט געשפּירט, אַז ער האָט זיך פאַראַטן און הכנעה־דיק און הילפלאָז געלאַכט.

— אָבער איך וואָלט זיך זייער גערן געלערנט, אַרט — האָט ער געזיפצט, קוקנדיק אויפן טומל פון די טאַנצנדיקע.

אַרט האָט אויף זיין שטילן און פאַרלאַנגווייליקטן שטייגער אונטערגעלאַכט. דערנאָך איז ער פּלוצלינג געוואָרן ערנסט.

— ווילסטו זיך באמת גערן לערנען?

— נו, אויך מיר אַ קונצשטיק, פאַרשטייט זיך, — האָט פּויל העפטיק פאַרזיכערט.

— אַלזאָ, נישט געוואַרט! קוק זיך צו: דו זעסט דאָ דעם יאַט, ער דערנענטערט זיך צו אונז. דער דיקער דאָרט — און איצט גיב אַכטונג, וואָס ער טוט מיט די פיס! דו זעסט? ער טאַנצט נעמלעך, איינגאַנצן נישט ריכטיק, ער דרייט זיך נאָר אַרום, און נישט געקוקט דערויף איז ער דאָ איינער פון די אָנגעזעענסטע!

מיט אַ פּלוצלינג דערוואַכטן אינטערעס האָט פּויל פאַר־פאָלגט די באַוועגונג פון די אָנגעוויזענע טענצער־פיס. זיי האָבן געשטעקט אין גראָבע העל־געלע שיך מיט גומי־אָפּצאַסן, האָבן זיך געשאַרט איבער דער פּאָדלאָגע און זיך ווי ס'איז געהאַלטן אין טאַקט מיט דער מוזיק.

אָפטמאָל האָבן זיי זיך עטוואָס געגליטשט אויף פאָרנט, דאַן אַביסל אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט, דערנאָך ווידער זיך גע־גליטשט צוריק און געבליבן שטיין, זיך בלויז געוויגט אַ ביסל אַהין און אַהער, און ווידער אַמאָל דערזעלבער שפּיל פון אָנ־הויב. פּויל האָט ביז אַהער נישט אַכטונג געגעבן גענוי אויף די טאַנצעריש און איז איצט געווען באמת דערשטוינט.

— דאָס הייסט טאַנצן? — האָט ער פאַרוואונדערט גע־פרעגט.

— נו, וואָס האָסטו, למשל, געמיינט? — האָט אים אַרט מחנך געווען — און לגמרי לייכט דערביי, נישט אמת? איצט קוק זיך נאָר צו צום צווייטן, דאָ לעבן אונז! דער מאַכט פּשוט גיי־טריט, נאָר אַ סך קלענערע, און די פיס נעמט ער נישט אַוועק פון באָדן. דאָס קאָנסטו דאָך אויך, פּויל.

— איך ווייס נישט... — פּויל האָט זיך פאַרקלערנדיק באַטראַכט זיינע פיס און אַביסל אומבאַקוועם זיי צעשפּרייט. — ווען איך זאָל זיך פריער עטוואָס איינאיבן...

אַרט האָט זיך ווידער נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן.

— איבונג דאַרף ער גאָר האָבן! דאַן וואָלסטו דאָך די היגע יאָלדן איבערטראַנספּאָרטירט אויף דער זון, אויף דער לבנה און אויף די שטערן! נו גיי פּרוּוו זיך.

— וואָס? פּשוט אַהין זיך אַריינדרייען?

פּויל האָט געעפנט דאָס מויל און אויסגעגלאָצט די אויגן.

— נו, צום טייוול! צוליב דעם האָסטו דאָך באַצאָלט פאַרן אַריינגאַנג.

— אָבער, אַרט, איך קאָן דאָך נישט טאַנצן! דו וועסט זען, איך וועל אומפאַלן און אויסזען פּונקט ווי דער קלאָון אין צירק.

— שטותים! דערפון ווערסטו זיך ביסלעכווייז אָפּגעוווינען— דו געפינסט זיך נישט מער ביי דיינע חזירשע פּויערים! וואָס הייסט דאָ קלאָון? קוק זיך נאָר צו צו פריצן, וואָס שפּרינגט דאָרט אַרום אויבן ביי דער קאַפּעלע! טויט־שכור, אַז ער האַלט זיך קוים אויף די פיס. אַהער קומען דאָך סיי ווי כרתי און פּלתי. דאָ וועט דיר שוין פאַר קיין פאַל נישט געלונגען זיך צו מאַכן לעכערלעך, וואָס דו זאָלסט דערצו נישט טאָן.

— יאָ, ניין... אָבער... פון וואַנען זאָל איך דען נעמען אַ מיידל, האָט פויל געשטאַמלט, זאָג מיר, איך בעט דיך, אַרט, איך האָב דאָך דערפון קיין אַנונג נישט. —

— גאָט איינציקער! ס'איז דאָך פּשוט צום לאַכן! אַרטס נאָכגיביקער געזיכטס־אויסדרוק האָט זיך מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט אין חוזק און פאַראַכטונג. — ווי ס'שיינט האָסטו באמת קיין אַנונג נישט, דו! ווי זאָל איך נעמען אַ מיידל? אפשר ביים הענדלער מיט גרינוואַרג! דו גייסט צו און בעטסט איינע צום טאַנץ און דער ענין איז דערליידיקט! אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, כ'האָב תמיד געקלערט, אַז דו ביסט אַ גאַנץ גלאַטער יאַט, אָבער ווי ס'זעט אויס האָב איך זיך אינגאַנצן טועה גע-ווען. דו וועסט דאָך פּשוט נישט אויסהאַלטן.

פויל האָט אַ צאַפּל געטאָן און צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ דראָענדיקן זשעסט.

— ווער האַלט נישט אויס? האָט ער זיך געקאָכט.

אַרט האָט נישט רעאַגירט אויף זיין צאָרן־אויסברוך און רויק געזאָגט.

— נו, גוט! איך וויל דיר נאָר געבן עפּעס אַ לעק צו טאָן!

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין פּירקאַנטיק פּעקעלע און עפּעס ווי פאַרשעמט דערצו געלאַכט.

— נישט אמת — האָט ער זיך צערעדט — ס'רוב פון דיווירקלעכע ווילע ייִנגען קומען אַהער האַלב שכור, אָדער לפּחות אַזוי, אַז מ'הערט פון זיי בראָנפן. דאָס איז, אייגנטלעך, זייער גוט צוגעפּאַסט צו דער דערהויבענער דזשאַז־מוזיק. אָבער איך

האָב קיין חשק נישט אַזוי זיך אַרומצודרייען די גאַנצע נאַכט, בעת איך בין שוין בלוי, און אָנשטענדיקער אַלקאָהאָל, ווי דו ווייסט, קאָסט אַ ים מיט געלט. האָב איך דעריבער אַזאַ מין פּריוואַט־סיסטעם. און אין דעם וועל איך דיך אויך אַריינציִען, אויב דו ווילסט.

זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ דייטלעכן אויסדרוק פון אַ שעפּס.

— דו מוזט, נעמלעך, אויפעסן אַ קליין שטיקעלע הייוון — נו, יאָ, איך ווייס, ס׳קלינגט אַביסל משוגעדיק — און דערפון קריגסטו אַזאַ אָטעם, וואָס שמעקט מיט אַלקאָהאָל, און די גאַנצע מעשה קאָסט נישט מער ווי דריי סענט.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס שטיקל הייוון פון פּאַפּיר און עס איבערגעבראָכן אויף צווייען.

— דו מוזט עס האַלטן אין מויל אַזוי לאַנג ביז עס צעגייט... נאַ, לאַך פון מייַנעטוועגן, אויב דו ביסט אַזאַ חכם! איך האָב אין אָנהויב אויך געלאַכט, אָבער אַז דו וועסט זיך אַ צייט לאַנג אָט אַזוי אַרומטרייבן אין אַזעלכע טאַנץ־לאָקאַלן, וועסטו זיך אויסלערנען אַ היבש ביסל אַזעלכע חכמות.

מיט אַ געשפּאַנטן בליק האָט פויל געטאָן, ווי מ׳דהאָט אים געהייסן, און גאָר פיין פאַרקרימט די נאָז פון קאָמישן אינטענסיוון טעם פון די הייוון, וואָס איז אים צעגאַנגען אויף דער צונג ווי אַ שטיק ליאָדע, קאַלט אין מויל איז אים שוין אָבער דווקא נישט געוואָרן.

אַרט האָט אים נאָכאַמאָל געמאַכט אַ באַמערקונג.

— אַזוי — און טאַנצן זיך אויסלערנען קאָנסטו אויך, אויב דו האָסט נאָר אַביסל ענערגיע זיך דורכצושווינדלען! נעם דיר אַ מיידל — און פאַמעלעך אָנהויבן — דאָס איז די גאַנצע קונץ.

מיט אַ פּאָר קוריאָזע, אומגעלומפּערט פאַלשע טענער האָט זיך דער טאַנץ געענדיקט. די פּיס האָבן אויפגעהערט זיך צו שאַרן, האָבן זיך פונאַנדערגענומען און קלאַפּנדיק זיך געריסן פון דער טאַנץ־אַרענע צום אַרויסגאַנג און צו די טישלעך אַרום

די ווענט. די באַלויכטונג האָט אויפגעפלאַטערט. ס'האָט זיך אָנ-געהויבן אַ לעבהאַפטע אינטער־אַלטונג און טעלעכע פון די באַ-גייסטערטע טענצער האָבן ענערגיש געפּאַטשט מיט די הענט.

—אַלזאָ אדיאָס און פיל גליק! דעם טאַנץ מוז איך מיטמאַכן.

אָרט איז פאַרשוווּנדן צווישן דער מאַסע.

פויל האָט זיך צוגעקוקט ווי דער טאַנץ־פּלאַץ ווערט ביס-לעכווייז לגמרי פּוסט. אין קאָפּ האָבן זיך אים געטומלט די ווילדסטע פאָרשטעלונגען. ווהין ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן, אומעטום — בלויז ווילד־פרעמדע מענטשן. און נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער געהאַט עפּעס אַ מין ווילדן חשק זיך צו לערנען טאַנצן! מיטאַמאָל האָבן זיך זיינע אַקסלען אָנגעשפּאַנט; זיינע אויגן זענען געוואָרן שמאָל און חוצפּהדיק און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דעמדאָזיקן טומל, אויף די ליפּן דעם שאַרפן געשמאַק פון די הייוון.

זיין דרייסטקייט און זיכערקייט האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז ס'איז געקומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט און האָט אָוועק-געשטעלט פאַר אים די לעבנס־פראַגע צו גיין רעדן מיט אַ מיידל. דער מאָגן האָט זיך אים שיר נישט איבערגעדרייט פון שרעק און זיין בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן ווי אייז. וואָס דאַרף מען, למשל, ביי אַזאַ סיטואַציע זאָגן? פאַרצווייפלט האָט ער זיך צוגעהערט צו די אַרומיקע אָפּגעריסענע שמועסן. „דעם קומענדיקן?" — „צי קאָן איך בעטן אויפן נאָנטסטן?" — „קום אַהער, קליינע, וואָס קוקסטו אַזוי אומעטיק?"—„נאָך פריי פאַרן נאָנטסטן?" — „נו, איז עס אייך אָנגענעם, געערטע דאַמע?".

פויל האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ גאַנץ מיטלמעסיקן וועג און האָט געפּרווט זיין זאַך, ביז ער האָט אים גאַנץ פריי אַרויס-געדרעדט־ „צי קאָן איך בעטן אויפן נאָענטסטן?" ער האָט זיך גע-בלאָזן, געמאַכט אַן ערנסטע מינע פון אַן אַלטן טענצער־ספּע-ציאַליסט. מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען פאַרביי אים, אָבער יעדעס מאָל, בעת ער האָט שוין געוואָלט עפענען דאָס מויל, האָט ער פלוצלינג פאַרלוירן דאָס לשון. ענדלעך האָט ער באַמערקט אַביסל אָן אַ זייט פון גאַנצן עולם אַן

אומגעלומפּערט מיידל אין אַ רויט קלייד, וואָס האָט וואַרשיינלעך אויף דעם געוואַרט, אַז מ׳זאָל זי איינלאַדן.

מיט אַ לעצטן בליק האָט זיך פּויל איבערצייגט, אַז זי איז נאָך דאָ, האָט צורעכט געמאַכט דעם קראַוואַט, אויפגעהויבן די זאַק-הויזן, ווי ווייט ס׳האָט זיך געלאָזט און מיט קאָמיש שטאַרקע טריט צוגעלאָפן צום מיידל.

יענע האָט אויפגעלויכטן און אָנגעהויבן מיטן דיקן, קורצן פינגער זיך צו גראַבלען אין אירע פעטע האָר. פּויל האָט זיך דערנענטערט צו איר ביז נאָך אויף אַ פּאָר טריט און האָט שוין געהאַט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן: „צי קאָן איך בעטן אויפן קומענדיקן?“, ווי פּלוצלינג האָט זיך אין אים עפּעס וואָס אָפּגעריסן. זיין האַרץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ווי אַן אייז-קאַלט שטיק בליי. זיין שטים האָט ער פאַרלאָרן, זיינע קני האָבן געציטערט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אָפענעם מויל איז ער פאַרבייגעלאָפן פאַרן מיידל און קוים אַ לעבעדיקער צוגעפאַלן צום לימאָניאַדע-בופעט. לויט זיין קייכן און שוויצן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז אָפּגעלאָפן אַ מייל-לאַנגן שטח.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער אָנפאַל פון טאַנץ-פּחד פאַרבייגעגאַנגען, פּויל איז געקומען צו זיך, נישט בלויז איינגעזען, נאָר אַליין שטאַרק פאַראורטיילט זיין קליינקינדערשע שרעק. ער האָט זיך געזאָגט, אַז ער איז אַן אומווירדיקער פּחדן, צו וועלכן מ׳קאָן זיך בכלל נישט באַציען ערנסט און מיט פעסטע טריט זיך אומגעקערט צוריק אין טאַנץ-זאַל און זיך צוגעמישט מיטן גאַנצן עולם. דער טאַנץ איז שוין אָבער געווען האַלב געענדיקט און ס׳האָט זיך געזען בלויז אַ צוויי, דריי פרייע מיידלעך.

פּויל האָט זיך אויטאָמאַטיש אַרומגעדרייט און זיך פאַרפלאַנצערט מיט אַן איבערגעטריבענער זעלבסטזיכערקייט, וואָס האָט תיכף געפּלאַצט ווי נאָר די מוזיק איז שטיל געוואָרן און די מיידלעך זענען אַוועק פון זייערע פאַרטנערן און פאַרלאָזן דעם טאַנץ-פּאַרקעט.

עפּעס אויף אַן אומגעריכטן אופן — ער ווייסט נישט עד היום דורך וואָס פאַר אַ צופאַל — איז ער אַרויפגעלאָפן אויף אַ יונג מיידל, זיך אַנטשולדיקט, באַמערקט ווי זי שמייכלט, געמורמלט מיט אַ דורכדרינגנדיקן געפיל פון קאַלטער אַנגסט עפּעס וועגן „טאַנצן" און פלוצלינג זיך דערזען אַרויסגעפירט אויפן גלאַנצנדיקן פּאַרקעט, ווי נאָר די מוזיק האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן.

די פּאָרלעך אַרום און אַרום האָבן זיך שטיל געגליטשט. פּויל איז אָבער געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער, די קני אין די ברייטע הויזן־פיס האָבן זיך אים געטרייסלט ווי קאָלבן־שטאַנגען אין אַן אויטאָ־מאָטאָר.

אַ מאָמענט האָט ער זיך געוואַקלט ווי אַ שטענגל אונטערן ווינט און באַלד אָנגעהויבן פלוצלינג מיט לאַנגע, שטייפע טריט, ווי בעתן גליטשן זיך, צו לויפן איבער דער פּאָדלאָגע. אַ צו גיכער שווונג אויפן גלאַטן פּאַרקעט האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון גלייכגעוויכט, און אין אַ מאָמענט פון טויט־שרעק איז ער געווען זיכער, אַז ער פאַלט תיכף אום, זוכנדיק הילף, האָט ער אַרומגעכאַפּט פעסטער זיין פּאַרטנערין און פלוצלינג זיך דערמאָנט אָן אַרטס אָנווייזונגען: פּאַמעלעך אָנהויבן! אַ געפיל פון בושה און שרעק האָט אים שמערצלעך דורכגענומען ווי אַ גרוילפולער עלעקטרישער שטראָם.

ער האָט עטוואָס צוגעוואַרט און דערנאָך אומזיכער אַרויסגערוקט דעם לינקן פוס. ער האָט זיך נאָך אָבער אַלץ אַזוי געוואַקלט אויף די פיס, באַלד ווידער פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און ס'האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ.

ער האָט געשפּירט אַ נערוועז בייסן איבערן גאַנצן קערפּער און פון גרויס אויפרעגונג נישט געוואַגט צו מאַכן קיין טריט.

דאָס מיידל, וואָס איז געווען געווינט צו עקסצענטרישע און מינדערווערטיקע טענצער, האָט זיך אָבער מיט פּוילס פאַקסן פאַקטיש נישט געקאָנט קיין עצה געבן. זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, וואָס איז געלעגן אויף זיין ברוסט און אַ צע־

טראָגענע געקנייטשט דעם שטערן.

— צופּיל געזויפּט? — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

פּויל האָט צוגעשאָקלט מיט גרויס שטאָלץ.

— אויב אַזוי איז בעסער, אַז איך זאָל פירן.

זי האָט אַרויפגעלייגט איר אָרעם אויף פּוילס שמאָלן רוקן און אָנגעהויבן געשיקט צו פירן. פּויל האָט זיך פאַרצווייפלט נאָכגעשלעפּט, האָט אָבער תיכף דערשפּירט די אומענדלעכע פאַרלייכטערונג, וואָס ווייניקסטנס האַלט ער זיך פעסט אויף די פיס.

ערשט איצט האָט ער זיך גענומען צוהערן צו דער מוזיק. זי האָט געהאַט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכן ריטם, וואָס האָט אויף אים געוואַלטיק געווירקט.

ביסלעכווייז האָט ער געשטעלט זיינע טריט נאָכן טאַקט. ס'איז דאָך געווען אַזוי פּשוט — נו, יאָ, פּונקט ווי מען זאָל מאַרשירן! ער האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, כדי צו מאַכן גלייכמעסיקע טריט און נישט אַרויפצוטרעטן זיין דאַמע אויף די פיס, און מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז ער טאַנצט גאַנץ ריכטיק! „Oh Limehouse Blues, I've the real Limhouse Blues"... רעכטס, לינקס, ס'גייט דאָך שוין גאַנץ לייכט — „...learned from the Chinkies, Those sad China Blues..."(*

פּויל האָט זיך געוויגט אין טאַקט פון דער שכורער מעלאָדיע. דאָס מיידל, אָן וועלכער ער האָט זיך נאָך כסדר אָנגעהאַלטן, האָט געמורמלט:

— נו, צעלאָז זיך נאָר, קליינער, איך האַלט דיך שוין.

זיך צעלאָזן? ער האָט עס נישט געוואָגט, די מוזיק האָט אים אָבער מיטגעריסן, דער גיכער, טאַקטפעסטער ריטם פון דער קאַפּעלע, וואָס איז פּלוצלינג צריבערגעשווומען אין אַ טרוימהאַפטער, פאַרשלונגענער מעלאָדיע.

די רויטע און בלויע לאָמפּן האָבן געפלאַמט טונקעלער,

*) אַ ליימהויז־בלוי, כ'האָב דאָס װירקלעכע ליימהויז־בלוי. אַ, לערנט פון די כינעזער, יענע טונקעלע כינע־בלוי.

דער גאַנצער גרויסער טאַנץ-זאַל איז כמעט געווען טונקל. און אַט זענען די מוסקולן געוואָרן שוואַך, די קני האָבן זיך גע-בויגן, די אויגן זענען צוגעפאַלן.

דער סאַקסאָפאָן האָט געזונגען אַן אומענדלעך ווייכע, צערטלנדיקע, האַרציקע מעלאָדיע. „Poor Limehouse kid, go-ing the way the rest of them did". (אָרעם ליים-הויז ציגע-לע, גייענדיק דעם וועג, וואָס די איבעריקע האָבן געמאַכט).

פויל האָט זיך אָפּגעלאָזן, זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן. אין זיינע אָדערן האָט זיך צעפלאַקערט אַ נייַ פייער. ער האָט עס קוים באַמערקט, אַז דאָס מיידל, וואָס איז אַזוי פעדערלייכט געלעגן אין זיין אָרעם, האָט עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מיט איין מאָל פירט ער גאָר זי.

ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי מ׳פירט; ער איז פשוט געגאַנגען פאָרויס און צוריק און געהאַלטן מיט זיין אָרעם פעסט אַרומגענומען איר ווייכן קערפּער. זיינע פיס זענען ווי אין חלום נאָכגעגאַנגען דער מוזיק. ווייטער, כסדר ווייטער — און ביס-לעכווייז האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי מ׳דיריזשירט דער דאַמע דורך אַ דרוק מיטן אונטעראָרעם און ווי מ׳קאָן עטוואָס אויפהויבן די פיס... יאָ, ער האָט געטאַנצט... that's the sad stor — of old Chinatowm! (ס׳איז דאָס טונקעלע הויז פון דער אַלטער כינע-שטאָט). אַ הילכעדיקער טראַסק. און דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט.

דאָס מיידל איז אַוועק און פויל איז געבליבן שטיין אַליין נישט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער האָט געזוכט אַ וועג צווישן די שטולן און געפונען אַ פּלאַץ ערגעץ ווו ביי דער וואַנט, אין זיינע בלויע אויגן איז איצט געווען אַ נייער בליק; פאַרשנדיק האָט ער זיך צוגעקוקט צום ליאַרמדיקן טאַנץ-טומל און אויפמערקזאַם באַאָבאַכט ווי די פיס פון די טאַנצנדיקע מאַכן זייער שווערן וועג איבערן פאַרקעט.

גלייך האָט ער זיך אומגעקערט אויף דער אַרענע און געטאַנצט עטלעכע מאָל. ביסלעכווייז האָט ער פאַרלאָרן זיין שטייפע הילצערנע האַלטונג און אָן שום פאַרלעגנהייט פריי גע

פלוידערט מיט די דאַמען.

זייגער האַלב צוועלף איז אַרטן אָנגעקומען גאַנץ שווער צו פועלן ביי פוילן ער זאָל גיין אַהיים.

ווי אַ פייל פון בויגן האָט זיך געטראָגן דער אויטאָ אי־בער די טונקעלע גאַסן.

— אַ גאַנץ פיינער קאַסטן, וואָס? און טאַנצן האָסטו זיך אויך גיך אויסגעלערנט. צי האָב איך עס דיר נישט געזאָגט? ס'איז דאָך פשוט אַ קינדערשפּיל: איך האָב עס זיך פונקט אויף אַזאַ אופן אויסגעלערנט. אפשר וועט אונז געלונגען צו כאַפּן אויף דער ווענטקע עפּעס פיינס.

פויל האָט געשמאַק געגענעצט. „המ", האָט ער פויל צו־געשטימט.

אין דער היים, אויפן בעט איז ער אַ צייט לאַנג געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן און ווי באַצויבערט געקוקט אין דער פינצטער ווי אַ קליין קינד, בעת ס'זעט דעם קריסטבוים. זיין שלאָף איז געווען אַן אומרויקער און דורכגעמישט מיט חלומות. אין די אויערן האָט אים כסדר געקלונגען דער ווילדער געשריי פון גרויסן פויק:

—Oh Limehouse Blues, I've the real Limehouse Blues...

צענטער קאפּיטל.

1

דער רעסטאָראַן „פּאַרקער" האָט געהערט צו יענע געמיש-
טע טיפּן, וואָס זענען האַלב משקאות-האַנדלען. האַלב קאָנדיטאָ-
רייען. פאַר יינגעלייט האָבן זיי אַ באמת מאַגנעטישע צוציונגס-
קראַפט, און דעריבער געפינען זיי זיך תמיד נאָענט פון אַלע
מיטלשולן און אוניווערסיטעטן.

ס׳איז געווען אַ שיינער לאָקאַל, דעקאָרירט מיט די פאַרבן
ון צייכנס פון איסט-היי-סקול. בעת דער מיטאָג-הפסקה איז
אָרט געווען פול געפּאַקט, און דער געדיכטער פּאַפּיראָסן-רויך
האָט דערגרייכט ביזן נידעריקן סופית.

פון די די קליינע לאָזשעס האָט מען כסדר געזען זיך הויבן
הענט און פיס, ווען עמיצער האָט דערציילט אַ מעשה, וואָס
האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן ביפאַל, ווייל הינטער די קליינע
פאַרצוימונגען איז געווען צו ווייניק פלאַץ פאַר קערפּער-באַוועגונגען.

אין הינטערגרונט פון לאָקאַל האָט זיך געפונען דער
סאָדע-וואַסער-פאָנטאַן מיט זיינע אויף אויבן געבויגענע מינע-
ראַל-וואַסער-קראַנען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ניקעלנע שלאַנ-
גען-קעפּ.

דער גאַנצער פאַרקויף איז מיט אַ כיון געווען איינגע-
ארדנט, אַז דער סאָדע-וואַסער-פאָנטאַן זאָל מיט זיך פאַרשטעלן

דעם מיטלפונקט; מ׳האָט געקאָנט קלערן וועגן קדשי-הקדשים פון אַ קירכן-אַלטאַר.

גאַנץ אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז דער בעל-הבית פלעגט, נעתן אויסקערן, געפונען אין אַ זייטיקער לאָזשע ליידיקע פלע-שער. געוויינלעך זענען זיי געווען אָן עטיקעטן, האָבן אָבער געהאַט אַ שטאַרקן גערוך. אָפטמאָל איז דאָס אויסקערן געווען ווייניק און דער ווירט האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ שמאַטע.

פויל און אַרט זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין בופעט אין רעכטן מיטן ליאַרם און געפילדער.

אַ שלאַנק, יינג מיידל פון אַ יאָר זעכצן-זיבצן איז צו-קומען צו אַרטן.

— נו קוק זיך צו — האָט ער געזאָגט — פריציע, אונ-זער קליינע! — ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר זיין אָרעם און צוגעצויגען זי נענטער צו זיך.

— הער אויס, האַרצעלע, מיר רעדן גראָד מכוח אַ גרוי-סער אונטערנעמונג, וואָס מיר ווילן קירצלעך אַראַנזשירן. אפשר ווילסטו זיך אויך באַטייליקן, וואָס? ס׳דאַרף דויערן דריי טעג און פיר נעכט, ווייסטו. זיבן צעבערס שנאַפּס זענען שוין אויך צוגעגרייט, און אַזוי ווייטער אין דעם סטיל!

— האָסטו אפשר געזען עדנאַן? — האָט אים פריציע אי-בערגעהאַקט און באַהאַלטן אַ לייכטן געגעץ אין איר רויזיקער, מאַניקירטער האַנט. דורך די אָפענע פינגער האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף פוילן.

— ווי ד׳הייסט דען דיין פריינט אָטאָ דער? פאַרוואָס שטעלסטו אייגנטלעך נישט פאָר, שעפעלע?

זי האָט אים שטיפעריש געבאָקסט אין די ריפּן.

— פאַרדאָן, קליינע! — אַרט האָט זיך כלומרשט געוואָרגן און געמאַכט אַ פייערלעכע מינע.

— דערלויבט: הער בענטאָן — פריילין פרעדעריקאַ וועגט-גיל, אונזער אַלקאָהאָל-טרינקענדיקע וווּנדער-בעבי — ווייטער איז נישט געגאַנגען, ווייל פריילין פרעדעריקאַ האָט אים אַ נעם געטאָן און ענג אַרומגעדרייט דעם קראַוואַט אַרום האַלדז.

— דו, פאַרמאַך שוין ס׳מויל, — האָט זי געברומט. — דאָס יינגל איז עפּעס בעסערס, פאַרשטייסט צי נישט?

זי האָט זיך צוגעקוקט צו פּוילן מיט אַזאַ פאַרשנדיקן בליק, אַז ווי עפּעס אַן עלעקטרישער שטראָם איז אים אַריבער איבערן רוקן. דערנאָך האָט זי זיך דורכגעשטופּט צווישן אים און אַרטן און זיך אָנגעשפּאַרט האַרט לעבן אים אויפן בופעט.

— פּריציע וויל זיך איצט מיט דידאָזיקע פרעמדע קינדער אַביסל שפּילן, — האָט זי דערקלערט, און זיך בויגעוודיק געדרייט און געלאַשצעט ווי אַ שפּילנדיק קעצל.

— איר וועט מיך נישט אַוועקטרייבן, אמת? — זי האָט געמאַכט אַ מינע ווי אַ בעטנדיק קינד.

ווען פּויל וואָלט אין דעם מאָמענט געקאָנט אַרויס מיט לשון און איר געבן אַ געהעריק חוצפּהדיטן ענטפער, וואָלט זי אים זיכער באַלד אויפן אָרט באַהאַנדלט ווי אַ פיינעם חונט.

אַזוי ווייט איז ער נאָך אָבער נישט אַוועק. ער האָט נאָר געלאַכט מיט זיין ברייטן, געזונטן יינגלישן דאָרף-געלעכטער און אַביסל רויט געוואָרן. ס׳איז געווען אַ צאַרטע רויטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון אונטער די בלאָנדע האָר און זיך געצויגן ביזן האַלדז.

פּריציע האָט אים באַטראַכט, געזען ווי זיינע בלויע אויגן האָבן זי שטראַלנדיק אָנגעקוקט, און טיף אין איר לאַנג אונטערגעגאַנגענער מיידל-נשמה האָט זיך עפּעס געוועקט.

זי האָט וואָרקענדיק געלאַכט און אַרויפגעלייגט איר הייסע קליינע האַנט אויף פּוילס אָרעם.

— אַזוי איינזאַם און אַליין, בלאָנדער? איצט קום און דערצייל פּריציען אַלץ!

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט אים אַריינגעשלעפּט אין איינער פון די קליינע טונקעלע לאָזשעס.

עמיצער האָט אַרויסגעשריען, אַז מ׳האָט געקלונגען; אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן גאַס אַרויס און אין שולע, פּונקט רעכטצייטיק, כדי צו דער זעקסטער שעה אויף אַ קליניקייט צו פאַרשפּעטיקן.

2

אונזער ניי הויז איז שוין פֿרימאַ, האָט פֿויל שטאָלץ געקלערט, אַריינקומענדיק אין גאַסט-צימער, פֿון דאָרט אין עסצימער און איז אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אויפֿן צווייטן שטאָק און אין דער סוטערינע.

אין קיך איז פֿרוי בענטאָן געווען פֿאַרנומען מיטן אַריינרוקן עפּעס אַ מאַכל אין אויוון אַריין. ס'האָט אויסגעזען צו זיין זייער געשמאַק.

— דו, מאָם, צי איז היינט אויך פֿאַראַן עפּעס אָרנטלעכס צום עסן? — האָט אַ פֿרעג געטאָן פֿויל, זיך דרייענדיק אַהין און צוריק.

— ביי אונז איז תמיד פֿאַראַן עפּעס אָרענטלעכס, — האָט די מוטער געענטפֿערט פֿאַרדראָסיק. — אַז דו קומסט נישט צום עסן, איז עס דאָך נישט מיין שולד! וואָס איז געווען אין שולע? צי האָסטו זיך שוין דאָרט ווי געהעריק איינגעלעבט?

— נו, הער! דו, מאָם, אַפֿאָר נייע שיך האָב איך אויך געדאַרפֿט האָבן. דידאָזיקע אַלטע שיכלעך זענען שוין איינגאַנצן אַרויס פֿון פֿאַסאָן און אָפּגעטראָגן אויף אַרויסצוּוואַרפֿן. און איצט טראָגט מען אַזעלכע וווּנדערבאַרע שיך, ניי, גרינג, זאָג איך דיר — און פּאַסן פּונקט צו מיין נייעם אַנצוג און ווירקלעך מאָדערן, דו! און בכלל דידאָזיקע עמערס וועל איך מער נישט אָנטאָן!

פֿרוי בענטאָן האָט געוואָרפֿן אַ פֿאָרשנדיקן בליק אויפֿן זונס פֿיס.

— די שיך זעען דאָך זייער אָנשטענדיק אויס — האָט זי בעזאָגט. — איך געפֿין, אַז זיי זענען נאָך גאַנץ גוט, נישטאָ זיך אויף זיי וואָס צו באַקלאָגן, דו דאַרפֿסט זיי נאָר אַביסל בעסער אויספּוצן.

— אָך, שטותים, זיי זענען דאָך אָבער אַלטמאָדיש, די טראַנטעס! איך שעם זיך פּשוט זיי אָנצוטאָן אין שול אַריין.

פאַרוואָס, למשל, איז עס אַזוי שווער דורכצופירן, אַז כ'זאָל האָבן אַ פּאָר אָנשטענדיקע שיך, וואָלט איך וועלן וויסן? מיר קאָנען עס זיך דאָך פאַרגינען, מאַם, דאָס ווייסטו גאַנץ גוט! מיטן גאַנצן הויפן געלט, וואָס פּאַ פאַרדינט, און אַ פיינעך אויטאָ קויפט ער איצט, אָבער אייער איינציקער זון מוז כמעט אַ באָר־וועסער גיין אין שולע אַריין. איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז אַפילו די נעגערס ביי אונז האָבן בעסערע שיך, און איך זאָל גאָר אויף דעם נישט רעאַגירן, אַזוי זיך לאָזן —

— אָבער, פויל, זיי נישט אַזוי צעקאָכט—האָט אים די מוטער באַרויקט. בייטנדיק פלוצלינג דעם טאָן, רעג זיך נישט גלייך אַזוי אויף! ס'קאָן אפשר זיין, אַז די שוואַרצע שיך זע־נען אַביסל אָפּגעטראָגן. וועסטו מאָרגן גיין אין שטאָט אַריין און קויפן אַ פּאָר נייע.

— יאָ, ווו? דאָרט ווו דער אָנצוג?

— יאָ, פּאַפּאַ האָט דאָרט אַ קאָנטע. הייס היינט פאַר־שרייבן.

— פיין — און דו, מאַם, אַביסל טאַשנגעלט מוז איך נאָך אויך האָבן, כדי דורכצוקומען די וואָך.

— נו, נו, איך האָב דיר דאָך ערשט מאָנטאָג געגעבן צוויי דאָלער. האָסטו שוין פון זיי גאָרנישט?

— צוויי דאָלער? דאָס איז דאָך נישט קיין סך. כ'האָב געמוזט קויפן ביכער, באַצאָלן פאַרן עסן און אַזוי ווייטער, און געבליבן איז מיר אפשר אַרום און אַ פערטל דאָלאַר. פאַרקער האָט שוין ווידעראַמאָל געהעכערט די פרייזן.

— דו ביסט לעצטנס אַזוי העזהדיק, — האָט זיך פרוי בענטאָן באַקלאָגט. — פּאַפּאַ איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, ווי דו האָסט זיך לעצטנס באַנומען, ווען ער האָט דיך נישט געוואָלט לאָזן פאָרן מיטן נייעם וואָגן, ווייל דער פאַרקער איז איצט ממש אַ ווילדער. דו מוזט באמת אָננעמען אַביסל אָן אַנ־דערן טאָן, מיין ליבער, אויב דו ווילסט נישט כאַפּן קיין קלעפּ, כאָטש דו ביסט שוין עלטער.

— טינוף! — האָט פויל אַ מורמל געטאָן אינדערשטיל

און אַרויסגעטאַנצט פון קיך. ער איז ממש ווילד געוואָרן. איני-דערהויך האָט ער געוואָרטשעט:

— זאָל נאָר עמעצן איינפאַלן מיר אַ קלאַפּ צו טאָן — אויף יענעם זאָל זיך גאָט מרחם זיין!

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— גאָרנישט! — האָט ער געשריגן נישט מיט זיין קול און אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר, זיין פּנים האָט געפּלאַקערט פון צאָרן.

יאַני וועלס האָט געקערט פאַר זיין טיר. ער האָט גלייך אויפגעהערט, אוועקגעשטעלט דעם בעזעם און אָנגעהויבן מיט שמחה דערציילן פּוילן ווי לוסטיק ס'איז געווען נאָכמיטאָג. ער האָט זיינע יינגלעך אין דער דרייסיקסטער אָפּטיילונג געגעבן די ערשטע לעקציע פון קאָכן.

אָבער פּויל האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך צו אינטעי-רעסירן מיט פּיינקוכנס און יעגער-שניצל, און איז בעסער אוועק אויפן עק גאַס אין דער דראָגעריע.

די הולאַקעס, וואָס האָבן אויפן עק גאַס געהאַט זייער שטאַם-קוואַרטיר, האָבן אים געמאַכט אַן אָרט ביי דער ציימונגס-בודע.

אַ פערטל שעה בערך האָט ער געבלעטערט אין די קונסט-זשורנאַלן, וווּ ס'זענען געווען בילדער פון נאַקעטע ווייבער. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעקלערט, אַז ס'איז אַ שאָד איבער-צולאָזן דאָס אָוונטברויט און איז אַוועק אַהיים.

ער האָט געטראָפן זיין פאָטער פּונקט אין מאָמענט ווען ער איז אויסגעשטיגן פון זיין פיינעם, גרויסן, בלאָען אויטאָ. ביים איבערגיין דעם טראָטואַר האָט הער בענטאָן געהאַט אַ מערקווירדיק אומזיכערן טריט.

— טאָג, פּאַ, — האָט פּויל פּראַסטיק אַ זאָג געטאָן און באַאָבאַכט דעם פאָטער נישט אָן נייגיריקייט.

אַ שטאַרקער ריח פון שנאַפּס האָט זיך געטראָגן פון אים פונדערווייטנס.

דאָ האָט פּויל שוין נישט באַהאַלטן זיין געלעכטער.

— טאָג, מיין זון, — האָט הער בענטאָן געשטאַמלט מיט אַ שווערער צונג, אַרויפלייגנדיק דעם זון זיין אָרעם אויפן אַקסל.

פויל האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון פאָטערס אומגעבעטענער צערטלעכקייט, און איז אַוועק פאָרויס.

אויפן אויבערשטן שטאָפּל איז ער שטיין געבליבן און בייז געמעקעט, ווען דער פאָטער האָט זיך געוואַקלט און געהאַלטן ביים אומפאַלן.

נאָך אַן אומענדלעכער זיצונג אין וואַנע-צימער מיט פליוס-קען און כלאַפּען האָט זיך הער בענטאָן באַוויזן צום אָונט-ברויט אין עפּעס אַ מין לעכערלעך גוטמוטיקער שטימונג. מיט גרויס פאַראַכטונג האָט פויל קאָנסטאַטירט, אַז דעם פאָטערס אויגן זענען עפּעס ווי פאַרגאָסן און דערצו איז ער אומנאַטיר-לעך צערטלעך צו זיין פרוי. זי, ווי ס׳האָט אויסגעזען, האָט נישט באַמערקט נישט דעם אַלקאָהאָל-גערוך, נישט זיין אומגע-וויינלעכע ריטערלעכקייט. זי איז געווען לעבעדיק און מונטער און האָט אויף אַ העכסט ראַפינירטן אופן אַרויסגעצויגן ביים מאַן אַ טשעק אויף פופציק דאָלאַר.

נאָכן עסן איז פויל אַרויף צו זיך אין צימער און האָט צו זיין גרעסטער צופרידנקייט אַנטדעקט, אַז ער האָט נישט מיט-געבראַכט די שולביכער.

באַלד איז אים געוואָרן שטאַרק אומעטיק און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך געזעלשאַפט.

פלוצלינג איז אים איינגעפאַלן אָנצושרייבן אַ בריוו צו רות שערווודו.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און מיט פאַר-חלומטע אויגן זיך דערמאָנט אָן רותן. יענע טאָפּל-פּאַרטיע דע-מאָלט מיט האָנגרי אַלקיר און רותן! מיט אַ שווערן זיפץ איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש, אײנ-גאַנצן אויפן פאָטערס מאַניר. זיך גראַבלענדיק אַ לענגערע צייט האָט ער געפונען רויזע בריוו-פּאַפּיר, אַ גרינעם פעדערהאַלטער

און אַ פלאַש שוואַרצע טינט. ער האָט לאַנג געקייט דעם פעדערהאַלטער, אַריינגערוקט די הענט אין די האָר און זיך געבלאָזן. דערנאָך האָט ער מיט זיין שווונגפולן כתב אָנגעהויבן שרייבן:

„ליבע רות — האָט ער געשריבן — איך האָב זינט אונזער אַריבערפאָרן אַהער געהאַט אַזויפיל אַרבעט, אַז איך האָב קיינעמען נישט געקאָנט שרייבן. די שולע איז אַ סך גרעסער ווי דו קאָנסט עס זיך פאָרשטעלן — זי פאַרנעמט אַ גאַנצן הייזערבלאָק, און האָט צוויי טורן-האַלעס, און איז באמת אַ משונהדיקע בודע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געמוזט לאַכן, ווייל ער האָט זיך פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַ רעאַקציע דער אויסדרוק „משונהדיקע בודע" וועט אַרויסרופן אין רותס אומבאַריירטן געמיט.

„מיר האָבן אַ שיינעם נייעם אויטאָ. ער לויפט ווי אַ טייוול! איך פאָר אַ סך אַרום. אין שולע האָבן מיר אַ גרויסן רעסטאָראַן ווו מ'באַקומט פאַר זיבנאונצוואַנציק סענט גוט אָפּצועסן. אַ פאָר פון אונז עסן שטענדיק ביי אַ שטאַמטיש אין ווינקל און ווייזן אָפּט וואָס זיי קאָנען. איינער, מיטן נאָמען בילי פינק, האָט מען אַרויסגעטריבן פון זאָאָלאָגישן פאַקולטעט, ווייל ער האָט דעמאָראַליזירט דעם גאַנצן קלאַס. ער איז דער גרעסטער לץ אין רעסטאָראַן. מיין בעסטער פריינד איז יאָע צאַלינגער. יאָע איז אַ יונג מיט ביינער, האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא. אַ צווייטער הייסט אַרט מערעדיט, ער האָט אַ פרימאַ אויטאָ, און מיר פאָרן צוזאַמען אין „פאַלאַס", דאָס איז דאָס שענסטע לאָך אויף דער וועלט. די קאַפעלע שפילט שטענדיק Limehouse Blues און דאָ זעסטו די סאַמע קאָמישע שיכורים, און מיר קומען אויך אַריין צוזאַמען פראַנק און פריי און אַנגאַזשירן אַ שיין מיידל.

ער ציט צונויף, זיך פאַרטראַכטנדיק, די ליפּן, לייענט איבער נאָכאַמאָל דעם לעצטן זאַץ און דערגאַנצט אים פלוצלינג.

אונטער אַן אויפּבּרויז פון צערטלעכקייט:

„אָבער קיינער איז נישט אַזוי שיין ווי דו, ליבלינג. גלויב מיר און האָב נאָר נישט צופיל ראַנדקעס מיט דיין אַלטן רעד אַלליסטער. איך וואָלט וועלן זיין צוריק אין וועסטפיעלד און מיט דיר צוזאַמען.

ער האָט איר געוואָלט נאָכמער אימפּאָנירן און ווייטער געשריבן:

„מיר וווינען אין איין העלפט פון אַ טאָפּלהויז; באמת אַ גרויסאַרטיקע בודע, מוז איך דיר זאָגן. שענער ווי אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט אין וועסטפיעלד. יאָני וווינט אין דער צווייטער העלפט, ער איז אין בוי-סקויט, אָבער פון זיי האַלט איך נישט אַזוי שטאַרק. בילי זאָגט, אַז זיי זענען ווי קליינע מיידלעך, און דערלויבן זיך אַפילו נישט צו מאַכן אַמאָל אַ שנאַפּס. מיר פירן תמיד גרויסע שמועסן ביי אונזער שטאַמטיש אין רעסטאָראַן. אַ לערערין ביי אונז הייסט די אַלטע זאַק, זי איז אַזוי אַלט און מיאוס ווי אַ מתושלח, איך קאָן זי נישט אַריבערטראָגן, אַ מיתה משונה מעג זי איינעמען. אין שולע זענען פאַראַן אַביסל צופיל שוואַרצע, און אין שטאָט מוז מען זיך צוגעוווינען צו אַלץ, וואָס לכתחילה קוקט עס אויס אַביסל ווילד. איך האָב אַן אָנצוג מיט עכטע סטודענטן-הויזן,ווירקלעך שיין, און מאָרגן פאָר איך אין שטאָט און קויף מיר אַ פּאָר גאַנץ העל-געלע שיך. אַזוי גאַנץ קנאַלגעל, דאָס איז די נייעסטע מאָדע ביי אונז אין שולע. אונזער היי-סקול איז די עלעגאַנטסטע מיטלשולע אין דער גאַנצער שטאָט אָדער אפשר גאָר אין די שטאַטן, באמת עף-עף. די מיידלעך זענען העכסט פּיקאַנט. אַרט זאָגט, אַז זיי שיכורן זיך אויך אָן, אָבער דאָס גלויב איך נישט. איינע פון די מיידלעך הייסט פּריציע. —

דאָ האָט זיך פיל פאַרהאַקט. ס'האָט אים אויסגעזען נישט אינגאַנצן ריכטיק צו דערציילן רותן ווי פּיקאַנט די מיידלעך זענען דאָ. און דעריבער האָט ער פליכטמעסיק דערגאַנצט:

„אָבער זי איז נישט אַזוי שיין ווי דו, ליבלינג. זאָג בוק דאַנעלין און די אַלע איבעריקע, זיי זאָלן זיך אַריינכאַפּן און

מיך באַזוכן, אויב זיי וועלן זיין אין שטאַט, און דאַן וועלן מיר מאַכן עפּעס עקסטראַ פיינס. וואָס טוט בוק? צי אַרבעט ער?

דאָס קראַצן פון דער פעדער איז געגאַנגען לאַנגזאַמער. אַ פאַרשלאָפענער האָט פויל אַ פּאָר מינוט געזוכט נייע געדאַנקען און דערנאָך קוים פאַרענדיקט:

„איך האָף, אַז דיר, דיינע עלטערן און ברידער גייט עס גוט, און שרייב מיר באַלד אָפּ.

דיין, דיך ליבנדיקער

פ ו י ל.

ער האָט זיך אויסגעצויגן און זיפצנדיק באַטראַכט די פיר געדיכט באַשריבענע זייטן. די טינט איז נאָך געווען נאַס, און קיין לעשפּאַפּיר האָט ער נישט געפונען, דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן דעם בריוו אָן אָפענעם, כדי ער זאָל זיך אויסטריקענען.

עלפטער קאַפּיטל

1

אין דער איסט-היי-סקול האָט געהערשט דער לאָזונג: „ווייסט נישט ווייטער וואָס צו טאָן, טאָ רוף אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג". דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן אויך געהייסן באַראַטונגען, אסיפות אָדער דערציִונגס-קאָנפערענצן פון שילער-קערפערשאַפטן, פון וועלכע די לעצטע באַצייכענונג איז געווען די סאַמע איראָנישע. ווי נאָר עפעס אַ מין פאַראומגליקטער מיסיאָנער פון קאָרסע אָדער נייזעעלאַנד, אָדער פון אַן ענלעכער איבעריקער געגנט, האָט אָפגעשטעלט אַ וויזיט סקינערן, פלעגט ער מאָמענטאַל צונויפרופן אַ שילער-פאַרזאַמלונג, כדי די יונגעלייט זאָלן זיך אויך עפעס דערוויסן וועגן יענע ווייטע ווירקונגס-פעלדער אויף דער וועלט. פאַר יעדן פוטבאָל-קאָנקורס איז אויך פאָרגעקומען אַ שילער-פאַרזאַמלונג. אָדער ס'האָט פאַסירט, אַז אַ ווייס יינגל האָט געפאַטשט אַ פאַרביקן, פאַרוואָס צוויי פאַרביקע זענען אָנגעפאַלן אויפן ווייסן, דריי ווייסע אויף די פאַרביקע און אַזוי ווייטער, אָן אַ סוף. דעמאָלט האָט הער סקינער, אַלס דירעקטאָר, ווידער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג, געדונערט אַ שעה נאָכאַנאַנד וועגן די געפאַרן פון דער ראַסן-פראַגע און אַלס איינציקן רעזולטאַט אַרויסגערופן אַ ווייטערדיקע פאַרערגערונג פון די פאַרהעלטענישן.

דידאָזיקע פאַרגנשטאַלטונגען האָבן אָבער אויך געהאַט דער־פרייענדיקע מאָמענטן. אויב זיי זענען, למשל, פאָרגעקומען נאָכ־מיטאָג, איז עס געווען אַן אויסגעצייכנט געלעגנהייט איבערצו־רייסן די לימודים.

ביי פאַרקערן אָבער איז לכל־הדעות בעת אַזעלכע שול־פאַרזאַמלונגען געווען גאָר לעבעדיק.

2

בעת ס'איז פאָרגעקומען די לעצטע פאַרזאַמלונג, האָט דערקלערט בילי פינק, קייענדיק מיט פולע באַקן זיין קרעם־טשאַסטע, האָב איך מתחילת געמיינט, אַז זיי ווילן אויך ביי אונז איינפירן, אַז מיר זאָלן עסן אין שולע. נו, געלויבט צו גאָט, וואָס דאָס איז נישט געשען.

בילי איז געווען אַ דיקער, גוטמוטיקער יינגל. אַ קאָמיקער פון דער נאַטור, האָט ער געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג ביי אַלע חזירייען.

— אין דער נאָרד־הייַ איז עס איינגעפירט, — האָט גע־זאָגט אַרט מערעדיט, און די יינגלעך דאָרט דערציילן, אַז זיי ליגן צוליב דעם גוט אין דער אַדמה. דער איינציקער גרונט, צו־ליב וואָס זיי האַלטן אונז איבער מיטאָג אין שולע און לאָזן נישט אַרויסגיין, איז דער, כּדי מיר זאָלן יעדעס ברעקל עסן מוזן קויפן ביי זיי אין רעסטאָראַן. נו, און עפּעס וואָס עסן מוז דאָך אַ מענטש סוף־כּל־סוף, פאַרדינען, הייסט דאָס, די מאַכערס פון דער שולפאַרוואַלטונג אַ סך מער, ווען דאָס געשעפט אין שולרעסטאָראַן מאַכט אַ גרויסן אומזאַץ — אַזוי פאַרשטיי איך איינגנטלעך דעמדאָזיקן עסק. גנבים זענען זיי אַלע צוזאַמען — איך פערזענלעך גיי בעסער צו פאַרקערן און עס, וואָס מיר געפעלט, און דו נישט, פויל?

— נו, פאַרשטייט זיך. זאָג, אַרט, געהערסטו, איינגנטלעך, צו וועלכן נישט איז פאַריין?

— איך בין דאָך נישט משוגע!

פּויל האָט פּאָרזיכטיק זאָנדירט.

— פאַרוואָס, אייגנטלעך, נישט?

— דאָס זענען דאָך נישט מער ווי משוגענע יאָלדן, וואָס פּרוּוון אויס רעגלמעסיק ווער ס׳קאָן אממייסטן שיכּורן, רויכערן און אַלדאָס איבעריקע, כּדי סיסטעמאַטיש צו גיין קאַפּוט. ניין, וויסטו, איך האָב אויך אַ זין פאַר עפּעס פייערלעכס, העכערס, אָבער קודם-כּל צום צייט-פאַרטרייב און נישט אויף דעם אופן אַלס זעלבסטצווועק. צי האָב איך רעכט, בילי?

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך! איך האָב שוין אַמאָל אויך באַקומען קלעפּ פאַרן „אַלפאַ-נו-פּי״, אָבער ווי נאָר איך האָב דער־זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין שטות, האָב איך זיך תּיכּף אָפּגעטראָגן.

יאָע צאָלינגער, מיט בראָטן-פּעטס אויף די ליפּן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, היינטיקס מאָל גלויב איך דיר נישט! ווען דער אַלפאַ זאָל דיר באמת האָבן געקיילט די זייטן, וואָלסטו שוין זיכער אַריינגעטרעטן. אַבי ווען מען פאָדערן זיי טאַקע נישט אויף, מיין זון.

— זאָל זיך פרייען דער,ווען זיי פאָדערן נישט אויף — האָט פּויל אַריינגעוואָרפן.

בילי האָט זיך באַנוגנט מיט אַ באַליידיקנדיקן סאַרקאַ־סטישן טאָן:

— נו, וואָס ווען ס׳געפעלט! אויך פאַר דיר איז גענוג קיין זאַך נישט מער צו טאָן ווי שפּילן און רויכערן פּאַפּיראָסן און אַכט מאָל אַ וואָך זיך וואַלגערן שיכּור ווי אַ חזיר, פּאַסטו זיך לכל-הדעות ערשטקלאַסיק אין אַזאַ גרויסאַרטיקן פאַריין אַריין!

— איך זאָג נאָר, אַז דו ביסט אַביסל צו שטאַרק מגזם,— האָט זיך יאָע פאַרטיידיקט. — איך קען אַ גאַנצע מחנה פּאַריינס-לייט, וואָס שיכּורן זיך העכסטנס אָן איין מאָל אין וואָך.

— העריע, — האָט בילי נאָכגעגעבן, — איך זאָג דאָך נישט, אַז אַזוי פירן זיך אַלע פאַריינען אויף דער וועלט, אָבער זייער אַ סך און באַזונדערס די גרויסע און באַוווסטע אין אונזער געגנט.

אַרט האָט העפטיק אויפגענומען די דיסקוסיע.

— חערט אויס: לאָמיר אָננעמען, אַז ס'ווילט זיך דיר באמת אַריינטרעטן אין עפּעס אַ גוטן, אָנשטענדיקן פאַריין, הייַנט ווי זאָל מען עס מאַכן, אויב מ'איז שוין אַריינגעקראָכן אין איינע פון די דאָזיקע בלאָטעס? און סוף-כּל-סוף איז עס דאָך אויך פאַרבאָטן.

— נו, לאָזט מיך געמאַך מיטן גאַנצן שווינדל, — האָט בילי טרוקן אַ זאָג געטאָן און איז אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע. — לאָמיר זיך בעסער אַריבערפּעקלען צו פאַרקערן, אפשר איז דאָרט עמעצער דאָ, וואָס האָט עפּעס צו טרינקען.

3

פויל האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון אַרטס זילבער-פּלאַטירטער פּאַפּיראָסן-טאַש און האָט לייכטזיניק געצויגן, ביז ס'איז אָנגעקומען פּריציע.

ער איז שוין לאַנג געווען באַקאַנט מיט איר און מיט אַנדערע מיידלעך; מיט עדנאַן, וואָס האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער ביי יעדער עטוואָס פּיקאַנטער מעשה און מיט מאַבעל, וועלכע פלעגט דערציילן פיינע זאַכן מכּוח דער גוטער שמוגלער-סחורה, וואָס איר אַלטער הער האָט ביי זיך אינדערהיים.

ס'איז געווען אַ גאַנץ בינטל „נעטע" מיידלעך ביי פאַרקערן און אין דער שול-סביבה, אָבער פויל האָט אַפילו נישט געדענקט זייערע אַלעמענס נעמען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַרטן און די דריי מיידלעך אין איינער פון די טונקעלע קליינע לאָזשעס. די מייד-

לעך האָבן זיך צו אים צוגערוקט און געוואָלט ציען פון זיינע פּאַפּיראָסן.

מאַבעל האָט דערציילט פּעטע מעשׂיות און עדנאַ האָט זיך געשטיקט, ווייל אַרט האָט זיך אונטערן טיש געשפּילט מיט אירע זאָקן-בענדלעך.

פּויל האָט זיך געשפּירט העכסט סטודענטיש און פול-שטענדיק אויף דער געהעריקער הויך; ער האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז ער איז אַהערגעקומען פון אַזאַ פאַר-וואָרפן לאַנד ווי ווערטפיעלד.

צוועלפטער קאַפּיטל

1

דער טעלעפאָן האָט האַסטיק געקלונגען.

האַלאָ!

— איז פויל דאָ? — ס'איז געווען אַרט מערעדיטס שטים.

— איך אַליין.

— אָ! זאָג, האָסטו עפּעס צוגעטראַכט אויף היינט אין אָוונט?

— ניין, — וועגן וואָס האַנדלט זיך דען?

אַ נישט געמאַכטע פּראַנצויזישע אויפגאַבע איז געלעגן אויבן אויפן פּולט.

— איך האָב אַ גאָר פּרימא זאַך.

— יאָ? — פּוילס שטים האָט זיך אויפגעהויבן ביזן העכסטן פריילעכסטן טאָן. זיין פּנים האָט געלויכטן, זיין האַלטונג איז געוואָרן פעסטער, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— צי האָסטו גאָרנישט קעגן דעם, אַז איך זאָל דיר איינאָרדענען אַ בלינדע ראַנדקע?

— לגמרי גאָרנישט!

אין זיין איצטיקער שטימונג וואָלט פויל אַפילו מספּים געווען אויף אַ ים-חיה אָדער נאָך עפּעס ערגערס.

— זי הייסט דאָט — האָט אַרט ווייטער אים מסביר געווען — איך האָב אַן אָפּמאַך מיט איר פריינדין און דאָט זוכט

אויך עפעס. און אָט איז מיר איינגעפאַלן, אפשר וועסטו זיך וועלן באַטייליקן.

— פיין!

— אויב אַזוי קום איך זייגער זיבן.

— גוט!

פויל האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן-טרייבל און זיך געזעצט אויפן באַקוועמען פאָטעל.

איצט וועט ער הייסט עס צום ערשטן מאָל זיך צונויפקומען מיט אַ מיידל אין שטאָט! ער וועט דערגיין ווי ס'האַלט מיט יענע וווּנדערבאַר צוציענדיקע שטאָט-מיידלעך אויף יענער זייט פון זייער פאַרטומלדיקן בחורישן לעבנס-אופן און אַרויסרופנדיקן פלירט. אָבער — אַ בלינדער ראַנדעוווּ? דאָס באַדייט, אַז מ'איבערזעצט עס אויפן שילער-לשון, אַז פויל איז איינגעגאַנגען אויף אַ געזעלשאַפטלעכער באַציִונג מיט אַ יונגער דאַמע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען.

ער האָט זיך אויסגעצויגן בריי‏טלעך אויפן שטול און ציטערנדיק זיך אָפּגעגעבן אַ האַלב אנגסטפולער, האַלב פריידיקער דערוואַרטונג. פון אַלץ, וואָס ער האָט ביז היינט אויפגעכאַפּט אין דער נייער סביבה, האָט ער זיך אויסגעבויט אַ תּליה און אַנטשלאָסן אויפגעהאָנגען אויף איר אַלע רעשטלעך פון זיין אומשולד.

איין מאָל האָט זיך זיין פּנים פאַרפינצטערט; די שרעקלעכע בילדער פון זיין פאַנטאַזיע האָבן אים גופא אויסגעזען צו ווילד. אָבער באַלד האָט ער זיך הויך און האַרציק צעלאַכט, אַרויפגעלאָפן צו זיך אין צימער, כדי זיך צו דער אונטערנעמונג ווי געהעריק מכין צו זיין.

2

דערוואַרטונגספול איז פויל געשטאַנען ביים פעצטער, בעת אַרטס וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז.

— וווּהין גייסטו, — האָט אים דער פאָטער נאָכגעשריגן

אָבער פּויל, וואָס איז שוין געווען אין קאָרידאָר, האָט זיך באַטראַכט נישט הערנדיק און אַ האַק געטאָן מיט דער טיר.

ער איז אַריין אין טונקעלן אויטאָ און זיך אַריינגעשפּאַרט אויפן שמאָלן פּלאַץ, וואָס אַרטס מיידל האָט נאָך געלאָזן לעבן זיך פריי. דאָס צווייטע מיידל איז אויפגעשטאַנען, כדי אים דורכצולאָזן, און זיך אַוועקגעזעצט אים אויפן שויס. זי איז געווען ווייך אָנצוטאַפּן און דאָס פוטער אויף איר מאַנטל האָט געקיצלט פּוילן אין פּוס.

— לאָמיר מאַכן אַביסל ליכטיקער — האָט אַרט געברומט, מיט גרויס מאַטערניש אַרויסגענומען זיין פּאַפּיראָסן-טאַש און אָנגעבאָטן.

אַלע דריי האָבן אַ נעם געטאָן. ס'האָט אַ פלאַקער געטאָן אַ שוועבעלע. פּויל איז ממש געווען פאַרבליפט, דערזעענדיק ווי די מיידלעך פאַרציען טיף דעם רויך און לאָזן אים אַרויס דורך דער נאָז. אַז דאָס שוועבעלע האָט זיך פאַרלאָשן, האָט ער אומזיסט געפּרוּווט זיך צו דערמאָנען ווי אַזוי זיין מיידל האָט אייגנטלעך אויסגעזען. ער האָט זיך בלויז געקאָנט דערמאָנען אָן דעם, ווי אירע אויגן האָבן ביים שיין אויפגעבליצט. אין דער פינצטער האָט ער געשפּירט ווי זי בלאָזט אים דעם פּאַפּיראָסן-רויך אין פּנים אַריין.

אַרט האָט אַ נעם געטאָן דאָס הענטל און איז אַריין אינעווייניק. דער וואָגן איז לייכט געפאָרן און זיך אַריינגעגליטשט אין לאָמפּן-ים פון נאַכט-פּאַרקער.

פּויל האָט זיך אַזוי אַוועקגעזעצט, אַז דער פרעמדער אויף זיין שויס זאָל זיין באַקוועמער. דערנאָך האָט ער זי צערטלעך אַרומגענומען. געדריקט צו זיך און דערביי האַסטיק געריכערט זיין פּאַפּיראָס.

— נו, וואָס פאַר אַ באַנק וועלן מיר היינט באַרויבן? — האָט ער מונטער אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז געווענדט אָן די דאַמען — האָט אַרט געענטפערט — צו וואָס האָט איר, אייגנטלעך, אַ ספּעציעלן חשק?

— הם... — האָט געמאַכט דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן

באקוועם און ווארעם אינמיטן צווישןביידע ייִנגלעך. — אין ריוואַלי איז הייַנטיקע וואָך זייער גוט. ווי מייַנסטו, דאָט?

— פון מייַנעטוועגן, — האָט מספּים געווען יענע פון פּוילס שויס אַראָפּ.

אַרט איז דורכגעלאָפן צווישן צוויי אויטאָס, אויף אַ האָר פאַרן צווייטן.

— נו, פּויל?

— פון מייַן זייַט איז אַלץ אין אָרדענונג.

דעם אמת געזאָגט איז ער געווען אַביסל אַנטוישט, וואָס דאָ גייט גאָר אַ שמועס וועגן קינאָס, בעת ער האָט גאָר אין פאַרלויף פון אַ צוויי שעה געהאַט אין אויסזיכט לגמרי אַנדערע זאַכן, זאַכן, וועגן וועלכע ס'איז נישט אַזוי לייכט זיך אויסצו-דריקן, וואָס האָבן אָבער מיט קינאָס קיין שייכות נישט.

שטיל האָבן זיי זיך געטראָגן איבער דער אַלייע, אָפּט-מאָל זיך אָפּגעשטעלט, בעת די באַוועגונג איז געוואָרן צו שטאַרק און ענדלעך געפונען אַ פּאַסיק אָרט ווו זיך אָפּצושטעלן. נענטער ביים ריוואַלי, האָט אַרט דערקלערט, וועט נאָך שווערער זיין צו געפינען אַ פּלאַץ. שוועלעך האָבן זיי זיך אַרויסגעקריגן פון אויטאָ און שנעל זיך אַדורכגעשטופּט צווישן דער מענטשן-מאַסע אויפן טראָטואַר.

פּויל האָט נייגעריק באַטראַכט זייַן נייַע פריינדלט, האָט אָבער נישט געקענט קיין סך זען, ווייל איר פּנים איז געווען האַלב באַהאַלטן אונטערן הויכן פוטערקראַגן פון איר מאַנטל. זי האָט אָבער אויסגעזען צו זיין שיין, און דאָס האָט אים פול-שטענדיק באַרויקט.

די דריי דאָלאַר-באַנקנאָטן און דאָס ביסל קליינגעלט אין פּוילס רעכטער הויזן-קעשענע זענען געוואָרן וואַרעם און אַלץ וואַרעמער, וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צום שטראַלנדיקן לאָמפּן-ים פאַרן ריוואַלי, דעם גרעסטן קינאָ פון שטאָט.

ביים אַרייַנגאַנג האָט זיך פּויל אָפּגעשטעלט און מיטאַמאָל זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די פּלאַקאַטן, ווי ס'זענען גע-

ווען אָנגעגעבן די קינפטיקע פראָגראַמען, מיט האָרצקלאַפּן איז פויל צוגעגאַנגען צום קאַסע-פענצטערל

— וויפיל?

— פיר.

— אונטן אָדער גאַלעריע?

— הע?

— אונטן, אָדער גאַלעריע!

— אָ, בעסער אונטן —.

דער קאַסירער האָט געקוקט אויפן דאָלאַר-באַנקנאָט, וואָס פויל האָט אַוועקגעלייגט, ווי עפּעס אויף אַ מין שמוציקער זאַך.

— דאָס איז נאָך נישט גענוג — האָט ער מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטאָן.

פויל האָט אַרויסגעצויגן אַ צווייטן באַנקנאָט.

— און נאָך צוואַנציק סענט, ביטע! איר ווילט דאָך פאַרקעט-פלעצער, נישט אמת?

קעגן זיין ווילן האָט פויל מקריב געווען אויך דעם דריטן באַנקנאָט. ווונדערבאַרע טרוימבילדער וועגן געשמאַקע מאכלים, מיט וועלכע ער האָט זיך די וואָך געוואָלט לאָזן וווּל גיין, זענען צעריגנען געוואָרן ווי זייפן-בלאָזן.

אַרט האָט זיך באַוויזן אויף אַ ווונדערבאַרן אופן מיטן מאָמענט, וואָס פויל האָט געהאַט באַקומען די בילעטן. אין פאָיע האָט געהערשט אַ גרויסער לוקסוס פון גרינעם וועלנט-באַזאַך, באַפּוצט מיט גאָלד. ביי די באַלקאָן-לאָזשעס האָבן זיך געזען לעבעדיקע קאַנאַריקלעך אין קליינע שטייגעלעך, פויל האָט אָבער אויף זיי קיין קוק נישט געטאָן. ער איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט דער אַרבעט אָנצוקוקן ענדלעך דאָס געשמינקטע פנים פון זיין בלינדן ראַנדעווו.

3

צוריקפֿאָרנדיק דורך די טונקעלע זייטיקע גאַסן, איז פּויל כּסדר געוואָרן אויפֿגערעגטער אונטער דער ווייכער, ווייבלעכער משא אויף זיין שויס. דאָס מיידל האָט אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצן אָוונט נישט אַרויסגערעדט קיין צען ווערטער, זי האָט אָבער געהאַט אַ מילדן צויבער, פֿון וועלכן פּויל האָט זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען. אונטערן פּאַפּיראָסן־רויך האָט זיך לייכט געשפּירט איר פּאַרפֿום. זי איז געווען פֿון דער זעלטזאַמער אומדורכדרינגלעכקייט פֿון אייביק ווייבלעכן, מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן צי איז זי באמת אַן אַריסטאָקראַטין אָדער אַ הייליקע, אַ זונה אָדער גאָר אַ סקויט-מיידל.

פּוילס שרעקעוודיקייט איז כּסדר שווערער געוואָרן. ער האָט געטאָן דאָס, וואָס מ׳האָט אים געהייסן, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט טיפֿער און צוגעצויגן דאָס מיידל צו זיך, ביז איר קאָפּ איז געלעגן אויף זיין אַקסל. אָן אַ שום ווידערשטאַנד האָט זי אים נאָכגעגעבן, מיט אַ צערטלעכער פֿיינקייט.

ווידער האָבן זיך אין אים אויפֿגעוועקט די אומרייניקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געפּייניקט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. די נאָכגיביקע ווייבלעכע לאַסט אויף זיינע קני האָט אים פּלוצלינג אויסגעזען ווי אַ נאָגנדיקער נסיון. ער האָט זי נאָך פֿעסטער געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און זי האָט, ווי אים האָט זיך געדוכט, געזונקען אין זיינע אָרעמס ווי אַ קישן. זיין האַנט האָט נאָכגעפֿאָלגט דער ליניע פֿון איר ברוסט, געעפֿנט איר מאַנטל און אומבשטראָפֿט זיך אַריינגעגנבעט.

דער אויטאָ האָט זיך האַסטיק פֿאַרקירעוועט אָן אַ זייט און אָפּגעשטעלט. מיט פֿאַרדראָס האָט זיך פּויל באַפֿרייט און איז אויסגעשטיגן. אויפֿן גאַס זענען ס׳רוב געווען געדונגענע הייזער און דערביי עטלעכע געוועלבער.

דאָט האָט זיי אַוועקגעפירט עטלעכע טריט ווייטער, באַלד זענען זיי אַרויף אויף טרעפּ, וואָס האָבן זיי געבראַכט אין אַ וווינונג אויפן צווייטן שטאָק. ווידער האָט מען דערלאַנגט פּאַפּיראָסן, און פּעריל, אַרטס פריינדין, האָט אַרויפגעלייגט אַ טאַנץ־פּליטע אויפן גראַמאָפאָן.

— צי האָט איר דאָ עפּעס וואָס? — האָט זיך אַרט פול האָפענונג נאָכגעפרעגט.

— קיין איינציקן טראָפּן, — האָט דאָט געלאַכט און פּלוצלינג אָנגעהויבן מאַכן עפּעס משונהדיקע, קליינע טאַנץ־טריט.

— ווילט איר עפּעס?

— זייער גערן! — האָבן די מיידלעך געזונגען אין אַ ליבלעכן כאָר.

אַרט האָט זיך אַ הויב געטאָן.

— איך קום די מינוט צוריק. קום פּויל.

אויף די טרעפּ האָט זיך פּויל שרעקעוודיק געפרעגט:

— וואָס וועלן מיר דען ברענגען?

— דערפרישונג — האָט אַרט קורץ געענטפערט.

ער האָט גישט צוגעגעבן „נאַטירלעך“, אין זיין טאָן אָבער האָט זיך דאָס וואָרט גאַנץ דייטלעך געהערט.

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און אין זיגזאַגן געפאָרן דורך אַלערליי קרומע געסלעך. ענדלעך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאר אַן איינגעפאַלן הייזל אין עפּעס אַ וויסטער געגנט.

— רעדן וועל איך! — האָט אַרט אַ זאָג געטאָן אויף די טרעפּ, באַמערקנדיק פּוילס אומזיכערע מינע.

זיי זענען אַריין אין אַ פּירקאַנטיקן, שרעקלעך אָפּגעריסענעם קאָרידאָר, פון וואַנען דריי טירן האָבן געפירט אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אַרט האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין די טיר לינקס.

מאָמענטאַל האָט פון רעכטס אַ יונגערמאַן מיט מאַרדעראויגן, — וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אויסלענדער — אַרויסגעשטעקט פון טיר זיין קאָפּ.

— טאָג, טאָני, — האָט אים אַרט איבערטריבן פריינט־לעך געגריסט.— ווי גייען עפּאָס היינט אין אָוונט די געשעפטן?

טאָני האָט געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן אויף פּוילן.

— אָ, אויף אים קאָנסטו זיך פאַרלאָזן, — האָט אים אַרט באַרויקט, און ווילעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע. — מיינער אַ פריינט!

— אַזוי? — האָט טאָני טרוקן אַ זאָג געטאָן און שטאַרק געגלאָצט אויף פּוילס לינקן קניביין.

אַרט האָט געוואָרפן אַ דראַמאַטיש ווירקנדיקן פאַרדעכטיקן בליק אַרום, זיך איינגעבויגן און הייזעריק געפּליסטערט:

— קיין גין *) איז נישטאָ?

טאָני האָט געמאַכט אַ זויערע מינע.

— גין! — האָט ער תּמעוואַטע איבערגעחזרט.

ס׳האָט געקלונגען, ווי ער וואָלט געהערט דאָסדאָזיקע וואָרט צום ערשטן מאָל.

— אָבער יאָ! איך האָב עס ביי אייך שוין צענדליקער מאָל באַקומען, טאָני! ערשט מיט פערצן טאָג צוריק ס׳לעצטע מאָל —.

— אַ גרויסער שאָד, אויספאַרקויפט! — האָט טאָני גע־מאָלדן מיט עפּעס אַ מין געריירטן טאָן. — דעם צווייטן פרייטאָג.

אַרט איז געוועזן אַנטוישט.

— יאָ, אַ שיינעם דאַנק אייך. אָבער איר האָט דאָך זיכער ערגעץ ווו אַן עקסטראַ־פלעשל?

— ניין, דעם צווייטן פרייטאָג.

אַרט האָט געזיפצט.

— נו, גוט. ווידערזען.

דערמיט איז ער אַרויסגעגאַנגען, פּויל האַרט הינטער אים.

— אוי, צום טייוול. איצט מוז מען זיך ווידער באַנוגענען מיט לייליס בלוט־עקסטראַקט! און איך קאָן עס דאָך גאָר נישט פאַרטראָגן! אָבער ס׳איז שוין איצט צו שפּעט צו פאָרן אויף סען־קלער־גאַס אָדער אין דער בודע אויף נאָרד־אַוועני, ווו מ׳באַ־

---

*) אַ געמיינער שנאַפּס.

שמט תמיד עפּעס אָרנטלעכס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ דראָגעריע אויף דער זייט גאַס.

אַרט האָט געגעבן פוילן אַ פערטל דאָלאַר.

— גיי נאָר געשווינט אַריין און קויף אַ פלאַש ליליס בלוט-עקסטראַקט, — האָט ער געזאָגט. — זע מען זאָל דיר נאָר נישט געבן קיין ציטרינען-עסענץ אָדער ענלעך מיסט. געדענק: ליליס בלוט-עקסטראַקט.

פויל איז אַריבער די גאַס, אַריין אין דראָגעריע און געשטאַנען פאַר אַן אומאָנגענעמען, פליכצוואַטן מאַן אין אַ ווייסן מאַנטל.

— גיט מיר אַ פלאַש ליליס בלוט-עקסטראַקט, — האָט פויל געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים.

דער דראָגיסט האָט געשמייכלט, ווי ס'וואָלט שמייכלען אַ דיקע שפּין. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפקע און אַרויסגענומען צוויי פלעשער.

— אָט האָט איר אַ קינסטלעכע בארנעס-עסענץ, וואָס איז אַ סך בעסער ווי ליליס בלוט-עקסטראַקט, — האָט ער געזאָגט.

— ס'שמעקט אויסגעצייכנט און האַלט פערציק פּראָצענט.

ער האָט ווי אַ געניטער פאַרקויפער געשאָקלט די פלאַש.

— אויסערדעם קאָסט עס נישט מער ווי אַ דאָלאַר. ביי די דאַמען איז עס שטאַרק באַליבט. ס'נייעסטע אויף דעם געביט.

מיט אַן אומפאַרשעמטן בליק האָט ער אָפּגעמאָסטן פוילס אולטראַמאָדערנע, גאַנץ דייטלעכע, גימנאַזיסטישע דערשיינונג.

— אַלע מיטל-שילער קוויקן זיך דערמיט! — האָט ער נאַאיוו געענדיקט.

פוילס פאַנטאַזיע איז שוין לאַנג געווען באַצויבערט, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן דעם, וואָס אַרט האָט אים אָנגעזאָגט.

— ניין — האָט ער פאַרעקשנט אַ זאָג געטאָן — גיט מיר ליליס בלוט-עקסטראַקט.

דער אומפאַרשעמטער מאַן האָט געזיפצט.

— איר לאָזט באמת אַרויס פון האַנט עפּעס אויסגעצייכנטס.

ס'איז בכלל ביי די הערן גימנאַזיסטן שטאַרק באַליבט.

טרויעריק האָט ער פאַרוויקלט די גרינע פלאַש מיטן בלוט-עקסטראַקט, און אָנגעקלעפּט אַן עטיקעט „ציטרינען-זויערע-מאַגנעזיע".

פויל האָט זיך געפילט שולדיק און געשווינט באַצאָלט. ער האָט באַהאַלטן די פלאַש אין מאַנטל-קעשענע און צוריקגעלאָפן צום אויטאָ.

— באַקומען? — האָט אַרט לעבהאַפט געפרעגט.

— נו, אָבער שטאַרק! — האָט זיך פויל באַרומט.

ער האָט געהאַלטן די פלאַש ווי ס'זאָל זיין אַ ברענעדיקע באָמבע, און באַלד ווידער באַהאַלטן, ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דאָטס הויז.

— אחוצדעם האָט איר קיין זאַך נישט געקריגן? — האָבן אויסגערופן די מיידלעך, בעת פויל האָט פונאַנדערגעוויקלט.

— טאָני האָט אויספאַרקויפט, — האָט פויל וויכטיק דערקלערט. ער האָט זיך שוין געהאַלטן ווי אַ דורכגעטריבענער, אַלטער שנאַפּס-שמוגלער.

אַרט האָט געעפנט די פלאַש און זיי האָבן זי סיסטעמאַטיש אויסגעליידיקט, דערביי האָט פעריל, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי שטיל און בלייך, געטרונקען מער פון אַלע.

פויל האָט דאָס ערשטע מאָל פאָרזיכטיק אויסגעפּרוּווט דעם געשמאַק, און ביים צווייטן מאָל האָט ער שוין געשפּירט, אַז זיין מאָגן קאָן נישט פאַרטראָגן דעמדאָזיקן אומדערטרעגלעך זיסן מעדיצין-געשמאַק.

אַפילו אַרט איז נאָך יעדן שלונג געווען נאָענט פון ים-קראַנקהייט, ער האָט זיך אָבער מוטיק געווערט און דערלייכטערט אָפּגעזיפצט דאַן, ווען פעריל האָט אויסגעטרונקען דאָס לעצטע ביסל און אַ וואָרף געטאָן די ליידיקע פלאַש אויפן דיוואַן.

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרטיע. דאָס האָט אָוועקגעלייגט אַ נייע פּליטע און געמאַכט אירע קאָמישע, קליינע טאַנץ-טריט.

פויל איז צו איר צוגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און זיי האָבן געגומען קאַנצן. ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם דיוואַן, האָט זיך פּויל פּלוצלינג לאַכנדיק אַראָפּגעלאָזן אויף אים און מיט־געריסן מיט זיך דאָטן. זי איז געזעסן שטיל לעבן אים.

עפּעס וואָס פון דער שפּעטער שעה און פון דער מערק־ווירדיק אומגעווייגלעכער שטימונג איז סודותפול אַריינגעדרונגען אין פּוילן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין אָרעם אויף דאָטס אַקסל.

ברענענדיק פון באַגער וואָלט ער געוואָלט ווערן חוצפּה־דיק און ביזן העכסטן גראַד אימפּאָרשעמט, האָט אָבער נישט גע־וווסט ווי אַזוי צוצוטרעטן.

אָרט האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּן און איןביידע קליינע צימערן איז מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער.

איצט האָט פּויל זיך אַנטשלאָסן אַרומצונעמען דאָטן מיט ביידע הענט און זי האַלטן פעסט, ער האָט אָבער נישט געוווסט, צי קאָן ער איר שוין גלייך קושן.

אויף איר פּנים האָט מען קיין זאַך נישט געקאָנט זען. אַ צאַרטער, האַלב־פאַרווישטער שמייכל האָט געשפּילט אַרום אירע עטוואָס צו רויטע ליפּן. אירע ברעמען האָבן זיך סודותפול אַראָפּ־געלאָזן, ווי אַ ווייכע שטאָף־לאַלקע האָט זי נאָכגעגעבן פּוילס באַ־וועגונגען.

ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט, ער האָט געמוזט מיט די בליקן אַרומטאַפּן איר שלאַנקע געשטאַלט. דערנאָך האָט ער גענומען איר פּנים צווישן זיינע הענט און זי געקושט. אויף אי־רע ליפּן איז געווען עפּעס נייעס, וואָס ער האָט עס נאָך קיינ־מאָל נישט איבערגעלעבט.

אַ גלייכצייטיק שרעקלעך און דערהויבן מאַכטגעפיל האָט אים פּלוצלינג באַהערשט; מיט דעמדאָזיקן מיידל וואָלט ער גע־קאָנט טאָן אַלץ, אַלץ...

פּלוצלינג איז ער שטיל געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן גע־ציטערט, און קאָנוולסיוו האָט ער געזוכט די סיבה פון זיין אָפּ־שלאַפונג, בעת ער איז דאָך נאָר־וואָס געווען אַזוי פאַרשיכורט פון באַגערן.

ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן און זיך אויסגעדרייט צום מיידל מיטן רוקן. אַ פאַרשטיקטער כאָרכלען האָט זיך געריסן פון זיין האַלז און ער האָט קאָנווולסיוו געביסן די ליפּן. ווילד האָט ער געקעמפט קעגן דער פאָרשטעלונג, אַז דאָס מיידל וואַלגערט זיך נאָך אַלץ הינטער אים און וואַרט אויף אים. דאָס בעסטע וואָלט זיין מאָמענטאַל פון דאַנען צו אַנטלויפן; גלייכצייטיק האָט ער זיך אָבער געוווּנטשן צוריקצוקומען און זיך וואַרפן אין אירע וואַרעמע אָרעמס. נאָך וויינען און לאַכן, נאָך פרייד און קרענקונג, האָט ער תּמיד געשפּירט עפּעס אַ מין אומדערקלערלעכע, דריקנדיקע אומרויִקייט.

ס'האָט געקלונגען דער טעלעפאָן; דער גערויש האָט אין דער שטילקייט דורכגעשטאָכן ווי אַ שפּיז. פּויל האָט אַ ציטער געטאָן, צעשראָקן זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן צוגלעטן די האָר, וואָס זענען צעשויבערט געלעגן אויף זיין שטערן. דאָס איז אַ צעקאָכטע אויפגעשפּרונגען און האָט אַ נעם געטאָן דאָס טעלעפאָן-טרייבל.

— האַללאָ! — ניין, ער איז דאָ שוין צוויי וואָכן נישט געווען. ניין, איך קאָן אייך אויך נישט זאָגן, וווּ איר קאָנט אים געפינען!

זי האָט האַסטיק אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבל און גע־שווינד זיך אומגעקערט צוריק אויפן דיוואַן.

דער צויבער איז שוין אָבער פאַרשוווּנדן.

— אַזאַ שלימזל ווי מיין פאָטער! —האָט זיך דאָס גע־כעסט, — ווידער איינע פון זיינע נקבות, וואָס שפּירט אים נאָך! צו אונז קומט ער בכלל אַמאָל אין אַ יובל, ווען ס'פאַרווילט זיך אים פלוצלינג די מאַמע. וואָס, ס'איז שוין איינס אַזייגער? איבּ אַזוי, דאַרפט איר, ייִנגלעך, טאַקע גיין פאַמעלעך אַהיים.

מיט שרעק האָט פּויל דערזען ווי די ספינקס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מענגערע. עפּעס וואָס האָט זי, ווי ס'שיינט, ביטער אַנטוישט.

זי איז אַריין אין צווייטן צימער און האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פאַרשלאָסענע טיר.

— שוין צייט אַהיימצוגיין! — האָט זי אויסגעשריען.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַרט, בינדנדיק זיין קראַוואַט. וויינענדיק האָבן די בחורים גענומען זייערע היטן און מאַנטלען, בעת דאָרט האָט פוילן ממש איינגעשלונגען מיט אירע אומרויִקע, אויפגעבראַכטע און תּאַוודיקע בליקן.

זיי זענען אַראָפּ פון די טרעפּ, אַריין אין אויטאָ און געשווינד זיך אַוועקגעלאָזט.

— נישט שלעכט, וואָס? — האָט אַ זאָג געטאָן אַרט אַביסל פאַרשלאָפן.

— נו, אויסגעצייכנט! — האָט פויל באַשטעטיקט.

די נאַכטלופט האָט געקילט דאָס פייער אין זיין בלוט. פאַרן טאָפּל-הויז זענען זיי שטיין געבליבן און זיך געזעגנט מיט אַ קורצן „דיוס!"

— דיוס! מאָרגן ביים ענגלישן!

דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן איבער דער ליידיקער גאַס. פאַרזיכטיק האָט פויל אויפגעשלאָסן די טיר. די מוטער האָט אים געגעבן אַ באַזונדערן שליסל, כדי ער זאָל קאָנען, קומענדיק פון שולע, אַריינגיין אין שטוב, ווען זי איז נישטאָ, און זיך אַריינגעקריגן אין זיין צימער. אין בעט איז ער נאָך לאַנג געלעגן אַ וואַכעדיקער, געפּייניקט פון שווערע געדאַנקען, מיט געבייזלטע פויסטן. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס בילד פון אַ ווייכן, רונדן מיידל-קערפּער, פאַרפירעריש אויסגעשטרעקט.

דאָס בלוט האָט אים געהאַקט אין די שלייפן. אַ כאָאָס האָט אין אים געווילדעוועט, אַ מישמאַש פון קערפּער און נשמה. כסדר האָט ער זיך געזאָגט, אַז ער מוז אויסנוצן די געלעגנהייט, אויספאָרשן די אַלע פאַרפירערישע מיסטעריעס, וואָס קוועלן אין משך פון טאָג זיין צעהיצטע פאַנטאַזיע און שטערן ביינאַכט זיין שלאָף מיט די שרעקלעכסטע חלומות. צי דען איז ער נישט פאַרצווייפלט פון אַלע זיינע שווערע, אומהיימלעכע געדאַנקען? און אָט ערשט, האָבנדיק די פאַקטישע מעגלעכקייט, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעזאָגט.

פאַרוואָס האָב איך עס באמת נישט געטאָן? האָט ער זיך אין זיין פאַרצווייפלונג געפרעגט. ווייל דעם פאַרלאַנג האָט ער דאָך פּאַקטיש געשפּירט. דאָס ערגסטע, אומדערטרעגלעכסטע איז אָבער געווען די פיינלעכע, האָפנונגסלאָזע נייגיריקייט פון זיינע זיבעצן יאָר.

אין בעט איז ער ·מער נישט געווען בכוח אויסצוהאַלטן. מיט אַ קוים איינגעהאַלטענעם געשריי איז ער ארויסגעשפּרונגען, אַ נעם געטאָן זיינע פּאַנטאָפל און דעם באָד-מאַנטל און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּאָטעל ביים פענסטער.

ער האָט זיך געוויקלט אין זיין באָד-מאַנטל, אַ פלוצלינגער שוידער האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַ מין אַנגסט פאַר עפּעס אומבאַגרייפלעכס, אפשר פאַר זיך גופא.